STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03864

DER SEYFER HAZIKHROYNES FUN DAVID REUVENI

David Reuveni

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ספר הזכרונות פון דוד הראובני

זיין נסיעה פון מדבר־חבור צום פויפסט אין רוים
און צום קיניג פון פּאָרטוגאַל אין די יאָרן
ה׳רפ״ב — ה׳רפ״ז (1522 — 1527)

יידיש מיט אַ היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג

פון אַ. י. גאָלדשמידט

ווילנע — 1927

פאַרלאַג „טאמאר״ פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

Der sejfer hazichrojnojs fun Dowid Horuwejni.

Drukarnia Notes i Szwajlich

במקום הקדמה.

פון פארשיידענע זייטן און אויף פארשיידענע לשונות האָבן זיך די לעצטע יאָרן באוויזן דיכטערישע יצירות אין פּראָזע, אין ליד און אין דראַמע, געווידמעט דוד הראובני און שלמה מולכו, וואָס זייער לעבן און טויט זיינען אינטעגראַל פאַרבונדן.

אין דייטש:

1) Meir Weiner: Messias. Drei Dichtungen. R. Löwit-Verlag, Wien. 1923.

2) Max Brod: Reubeni, Fürst der juden. Ein Renaissanceroman. Kurt Wolf-Verlag, München. 1924.

אין העברעיש:

3) י. ייבין: „שלמה מולכו בּרגנשפּורק" (טראַגעדיע אין פיר סצענעס מיט אַן עפּילאָג). „העולם", לאָנדאָן 1924 (נ"נ 13, 14, 15).

4) אברהם אהרן קבק: דוד הראובני ושלמה מולכו, „הארץ", תל אביב תרפ"ה.

5) י. ייבין: „יום הגאולה" (דוד הראובני, טראַגעדיע אין דריי אַקטן), „העולם" 1925, נ"נ 6, 7, 8, 9.

אין פראַנצויזיש:

6) Edmond Pleg: Le juif de pape. Paris 1925.

אין יידיש:

7) א. לעיעלעס: שלמה מולכו, „צוקונפט", ניו-יאָרק 1926, פון פעברואַר-העפט און ווייטער.

איך האָב געהערט, אַז אויך אין רוסיש איז עפּעס אַרויס, געווידמעט דוד הראובני און שלמה מולכו.

און אחרון אחרון חביב.

שלום אש אַרבעט איבער אַ גרויס ווערק: „שלמה מולכו און דוד הראובני“.

אויך האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידנאַרטיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דוד הראובני און שלמה מולכו אין „הפועל הצעיר“, אין „דואר היום“, אין „הארץ“, אין „דבר“ (זלמן רובאשאָוו) און אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, לעצטנס אין „ווילנער טאָג“ (אַן אַרבעט פון א. ר. מלאכי, איבערגעדרוקט פון ניו־יאָרקער „יידישן טאַגעבלאַט“).

דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער אינטערעס פאַר די צוויי מערקווערדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געהאַט אַן אומגעהייערע השפעה אויף דער ווייטערדי־קער יידישער געשיכטע ביז דער התגלות פון בעש״ט, האָט צייטיק און מעגלעך געמאַכט דאָס ערשיינען אין יידיש פון דוד הראובניס טאָג־בוך, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „נסיעת דוד הראובני“, אויך „ספר הזכרון לדוד הראובני“.

צום באַדויערן, איז צו אונז ניט דערגאַנגען דער גאַנצער כתב־יד. עס פעלט דער אָנהייב, שטיקער אין מיטן און דער סוף. אָבער די שארית־הפליטה איז העכסט אינטערעסאַנט און באַלערנ־דיק, דראַמאַטיש און פאַרכאַפּנדיק ווי אַ וואונדערלעכער ראָמאַן. געשריבן איז דאָס ווערק שטרענג עפּיש, מיט אַן אויסגעצייכנטער גענויקייט און מיט אַ גרינדלעכער, פּשוטער און קלאָרער שפּראַך, אָן שום מליצות און באַפּוצונגען. דער מחבר צייכנט זיך אויס מיט אַ באַאָבאַכטונגס־אויג, וואָס לאָזט ניט דורך קיין שום פּרט; ער גיט אָפט קורצע, צוטרעפנדיקע רעאַליסטישע לעבנסבילדער מיט אַ ביבלישער פּשטות און דעקאָמעראָנישער קראַפט. מיר האָבן דאָ אַ בונטע גאַלעריי פון פאַרשיידנאַרטיקסטע טיפּן און כאַראַק־טערן און אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר קולטור־געשיכטע בכלל און יידישער אין מצרים און איטאַליע בפרט. פאַר אונז אַנטפּלעקט זיך דאָס לעבן, ליידן און שטרעבן פון די מאַראַנען אין פּאָרטו־גאַל, זייער גאַנצע נשמה. דאָ איז אַפילו געגעבן אין סובטעלע שטריכן אַ זעלבסטאַנאַליז און אַ זעלבסטקריטיק. די דאָזיקע וואונ־דערלעכע עפּאָפּעע הייבט זיך אָן פון דעם מאָמענט, זינט דוד

הראובני האָט פאַרלאָזן דעם מדבר חבור אין אַראַביע און ענדיקט זיך מיט דעם סכנותדיקן מאָמענט, ווען ער איז אויף זיין צוריק־קער דורך שפאַניע קיין רוים שיר ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אינקוויזיטאָרן אין דער שפאַנישער האַפנשטאָט קאַרטאַגענאַ.

דער לעצטער קאַפּיטל איז אָנגעשריבן פון זיין פריינד שלמה כהן און האָט אויך אַ געוויסן אינטערעס, זאָל זיין אַפילו בלויז צוליב דער דרך־אַגבדיקער דערציילונג וועגן דער שיף־קאַטאַסטראָפע ביי די דרומדיקע ברעגן פון פראַנקרייך.

דער איבערזעצער האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן אין יידיש דעם פשוטן ביבליש־פאָלקסטימלעכן סטיל פון פאַרצייטיקן מחבר און צו בלייבן געטריי דעם טעקסט אין אַלע פרטים.

פון די 145 צוגעגעבענע הערות געהערן מער ווי אַ העלפט, דערין אַלע גרויסע און גרעסערע, דעם איבערזעצער, און די אי־בעריקע זיינען גענומען טיילוויז ביי גרעצן, טיילוויז ביי אברהם כהנא.

א. י. גאָלדשמידט

ווילנע, כ״ב אב תרפ״ו.

רשימה פון דאָקומענטן,

וואָס באַשטעטיקן די היסטאָרישקייט פון דוד הראובני און זיין ווערק און פון שלמה מולכו.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען מענטשן, וואָס זיי זאָט זיך עפּעס ניט געלייגט אויף זייער „שכל הישר”, האָבן דאָס „עפּעס” אָפּגעפּטרט אָן איבעריקער טירחה: זיי האָבן דאָס פּשוט אָפּגע־לייקנט. זיינען אָבער געקומען נייע מענטשן, מלומדים מיט אַ פאַרשטענדיקן גייסט און אַ ליבשאַפט צו אַרבעט, און האָבן דאָ־קומענטאַל און עקספּערימענטאַל־וויסנשאַפטלעך דערוויזן די אמתן, וואָס די לייכטזיניקע „דענקער” האָבן זיי אָפּגעלייקנט. אַזוי איז עס געשען מיט די היסטאָרישע טיילן פון תנ"ך, אַזוי איז געשען מיט די ווערק פון האָמערוס, מיטן „מיטאָס” וועגן טראָיע און אַ סך אַנדערע דענקמעלער פון לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן, און אַזוי איז אויך געשען מיט דער מעשה דוד הראובני.

דער איטאַליענער באַרטאָלאָצי און דער פראַנצויז באַסנאַזש האָבן לגמרי אָפּגעלייקנט די עקסיסטענץ פון דוד הראובני און שלמה מולכו און האָבן געהאַלטן די גאַנצע געשע־עניש פאַר אַן אויסגעטראַכטע מעשה. דער דייטשער געלערנטער פאָן דער האַרדט האָט שוין מודה געווען, אַז זיי האָבּ ביידע עקסיסטירט, אָבער דערציילנדיק זייערע ביאָגראַפיעס האָט ער פאַרפלאָנטערט זייערע פּערזענלעכקייטן ניט צו דערקענען. דער היסטאָריקער יאָסט ווידמעט זיי עטלעכע שורות, ווייל ער האָט נאָך קיין מאַטעריאַל ניט געהאַט. אין די צייטן אָבער פון

ר׳ זכריה פראַנקעל, ד״ר קאַיזערלינג און פּראָפעסאָר ה. גרעץ זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן מאַסן מקורים וועגן דער דאָזיקער משיחיש־פּאָליטישע באַוועגונג הן אויף העברעיש, הן אין ווערק פון קריסטן פון יענער צייט, — און די דאָזיקע און אַנדערע היסטאָריקער האָבן ברייט און טיף דורכשטודירט און פונאַנדערגעאַרבעט דעם רייכן מאַטעריאַל און זיינען געקומען צו איינעם און דעם זעלביקן אויספיר, אַז די דאָזיקע צוויי וואונדערמענטשן זיינען עס געווען די שעפער פון די משיחישע באַוועגונגען ביי אונז, וואָס האָבן אויפגערודערט און אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע, אַפריקע און אַזיע אין אַ משך פון צוויי הונדערט יאָר (XVI און XVII יר״ה).

דאָס איז די רשימה פון די מקורים:

1) „ספר הזכרון לדוד הראובני“ אָדער „נסיעת דוד ראובני“ (דאָס עיקרדיקסטע און בעסטע ווערק, וואָס מיר גיבן דאָ אין יידישער איבערזעצונג). דער ערשטער כתב־יד איז צוערשט אַנטדעקט געוואָרן דורך פּראָפ. גרעץ אין דעם אוצר הספרים פון דעם מלומד ר׳ חיים מיכל און איז פאַרקויפט געוואָרן אין דער „באָדלעאַנאַ“ אין אָקספאָרד (אוניווערסאַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו פון די יקר־המציאותדיקסטע מאַנוסקריפּטן ביי דעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט). שפּעטער איז ער איבער אַ סיבה פאַרלאָרן געגאַנגען, נאָר אַ קאָפּיע פון אים האָט זיך איינגעהיט און געפינט זיך אין ראַבינער־סעמינאַר אין ברעסלוי. גרעץ האָט פון דעם ערשטן, אָקספאָרדער, כתב־יד דער ערשטער אָפּגעדרוקט דעם „ספר זכרון“ אין זיין „געשיכטע“ (אין י. 1890) מיט גרויסע השמטות, אויסקלייבנדיק בלויז די ריין־היסטאָרישע פראַגמענטן. אין י. 1893 האָט נייבויער איבערגעדרוקט פון דעם זעלביקן, אָקספאָרדער, כתב־יד דעם גאַנצן „ספר זכרון“, אָן שום השמטות, אין צווייטן טייל „Anecdota Oxenensia“ (אַ זאַמלונג פון אָקספאָרדער מאַנוסקריפּטן), און אין ה׳תרפ״ב האָט דער מלומד אברהם כהנא פאַרעפנטלעכט אים צום ערשטן מאָל אין בוך־פאָרם (וואַרשע, „ממעמקים“ ב) אונטערן נאָמען: „ספור נסיעת דוד הראובני“.

2) אַ העברעיִשער בריוו פון ר׳ דניאל פון פיזאַ (דוד הראובנים מעצענאַט) צו זיינעם אַ פריינד וועגן ראובנים אָנקומען קיין רוים. פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל דורך או. קאַסוטאַ אין דער איטאַליעניש־יידישער צייטשריפט „Rivista Israelitica“ VII און איבערגעדרוקט דורך אברהם כהנא אין זיין הקדמה צום דערמאָנטן „ספור נסיעת דוד ראובני“.

3) צוויי בריוו פון שלמה מולכו צו זיינע פאַרערער, כתב־ידן. איינער פון זיי איז פאַרעפנטלעכט אין ספר „דברי הימים“ פון ר׳ יוסף בן יהושע הכהן הרופא פון אַוויניאָן (רנ״ו—של״ה) און איבערגעדרוקט אין ספר „חית קנה“ (אַמסטערדאַם תרי״ח).

4) וועגן ר׳ שלמה מולכו ווערט דערמאָנט אין „מגיד משרים“ פון ר׳ יוסף קאַרו דעם בעל „בית יוסף“ („שלחן ערוך“).

5) וועגן דער גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע יידן, ווערט דערמאָנט ביי ר׳ אליעזר טריוויש אין דעם ספר „דקדוק ספר“.

6) אַ בריוו פונם גרויס־אינקוויזיטאָר סעלאַיאַ פון דער מערב־שפּאַנישער שטאָט באַדאַכאָץ (Badajoz, — ביי דער פּאָרטוגאַלישער גרענעץ) צו זשואַן III, דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל, וועגן דוד הראובני, אַז ער האָט אויפגעהויבן די מאַראַנען פון דער פּאָרטוגאַלישער שטאָט קאַמפּאָמאַיאָר צו אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף באַדאַכאָץ. דער בריוו איז פּובליקירט געוואָרן אין שמידטס „Zeitschrift für Geschichte“ 1848.

7) אַ מעלדונג פון (11 יוני 1531) פונם פּאָרטוגעזישן אַמ־באַסאַדאָר ביים וואַטיקאַן אין רוים, בראַס געטאַ, צו זיין קי־ניג זשואַן III, אַז דער קאַרדינאַל לאָרענצאָ פּוצי און דער פּויפּסט קלימענטוס VII ווילן ניט געבן דעם הסכם צו גרינדן אין פּאָרטוגאַל אַן אינקוויזיציאָנעלן טריבונאַל, מחמת דיאָגאָ פּירעס (שלמה מולכו) האָט אויף זיי די גרעסטע השפעה און דערלאָזט ניט דערצו. דער דאָזיקער בריוו איז פּובליקירט ביי

8) Herkulano da origem e estabelecimento da Inquisiçao em Portugal I.

(וועגן דער גרינדונג פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל), וואו

עס איז איז, אַגב, פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע זאַמלונג פון אַזוינע דאָקומענטן.

9) אַ ידיעה אויך אינם בוך פון דעם דייטשן אָריענטאַליסט פון זעכצנטן יר״ה, יאָהאַן אַלבערט ווידמאַנשטאַדט.

10) „אגרת ארחות עולם“ פון ראובנים בן־דור ר׳ אברהם פריצול (פּאַריסאָל) פון אַוויניאָן (רי״א—רפ״ה), אַ באַוואוס־טער געאָגראַף.

11) אַ גרויסע פּאָרטוגעזישע כראָניק פון אַ שריי־בער פון יענער צייט: Coronyqua dos reis de Portugal in Colleçao dos ineditos V. (אַ כראָניק פון פּאָרטוגעזישן קיניגרייך אין פינפטער קאָלעקציע פון ניט פּובליקירטע דאָקומענטן). דאָ ווערט דערציילט בפּרוטרוט די גאַנצע געשיכטע, זינט דוד הראובני איז געקומען אין נאָוועמבער 1522 (רפ״ו) קיין סאַנטאַרעם צום קיניג פון פּאָרטוגאַל און פון דאָרטן קיין אַלמעריאַ (שפּאַניע) און ווייטער, ביז דער צייט, ווען דער קייזער קאַרל V האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה אין לאַרענאַ (שפּאַניע) — אין אַוו־גוסט 1532. דער דאָזיקער מקור איז אַן אמתע דערגאַנצונג צו די הסרים פון ראובנים ספר הזכרונות און ווערט גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע מאַטעריאַלן.

12) אַ ריי פּובליקירטע דאָקומענטן אין פראַנקלס „Monat-schrift“ 1856—1859.

13) Revue de études juifes VII.

14) Llorente: Histoir de l'Inquisition I.

15) Llorente: Inquisition en Espagne II.

16) „דברי הימים למלכי צרפת ובית אוטומאַן התוגר“ להסופר הקדמון ר׳ יוסף הכהן הרופא (יקר־המציאות, אוניקום אין שטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע).

17) „עמק הבכא“ להנ״ל.

18) „Nomologia“ (אַן אַפּאָלאָגיע פון תורה שבעל פה) פון ר׳ עמנואל אבוהב (געשריבן אין משך פון די יאָרן 1616—1625).

19) „שבט יהודה“ פון ר׳ שלמה אבן ווירגא.

20) Consolaçao as tribulocoens de Israel (די נחמה צו

די צרות פון ישראל) פון שמואל אושקי (פאַרענדיקט דאָס ווערק אין יאָר 1552).

21) „צמח דוד" פון ר' דוד גאַנז (1541—1613).

22) ספר הזכרון לר' יוסף יוזלמאַן מרוסהיים (באַרימטער שתדלן אין דייטשלאַנד אין די צייטן פון קאַרל V), פאַרעפנטלעכט אין Revue des études juifes XVI.

23) „ספר המפואר" פון ר' שלמה מולכו, געדרוקט אין סאַלאָניק רפ"ט (1529).

און אַ סך מאַטעריאַלן ביי פראָפ. דוד קויפמאַן, פראָפ. ה. גרעץ און ד"ר קאַיזערלינג

א. י. גאָלדשמידט.

ווילנע, 1 אויגוסט 1926.

דער מהות פון דוד הראובני.

וועגן דוד הראובני איז אַ גרויסע פלוגתא צווישן די היסטאָריקער און זיי קענען קיינער צו קיין זיכערן אויספיר ניט קומען. אייניקע האָבן געוואָלט פסקענען, אַז ער איז געווען אַן אַוואַנטוריסט און האָט געזוכט נאָר די אייגענע הנאה, אָבער באַלד האָבן זיי זיך פאַרהאַקט אָן אומבאַרחמנותדיקע סתירות: דער מענטש האָט פאַרבראַכט כל ימיו אין תעניתים און סיגופים און אין האַרציקע תפילות; יעדע רגע איז אין משך פון לאַנגע יאָרן דער טויט געהאַנגען איבער זיין קאָפּ און ער איז אַלע מאָל מונטער און שטאָלץ געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן; ער האָט געענדיקט זיין לעבן, לויט איין ווערסיע, אין די אימהדיקסטע עינויים אין די אינקוויזיציאָנעלע קאַזעמאַטן, און לויט אַן אַנדער, זיכערער ווערסיע — פונקט אין אַזוינע עינויים ווי אַ קרבן עולה אויפן מזבח פונם אויטאָ־דאַ־פע! וואו איז דאָ די אַוואַנטורע? וואו איז דאָ די אייגענע הנאה? פאַרוואָס האָט ער ניט געטאָן ווי אַ שבתאי צבי אָדער ווי אַ יעקב פראַנק? האָבן אים דאָך קאַרדינאַלן פאָרגעלייגט די גרעסטע ערדישע גליקן, ער זאָל נאָר אַרויסזאָגן איין איינציק וואָרט, אַז יאָ! פאַרוואָס האָט ער געענטפערט אַזוי פשוט און שטאָלץ, אַזוי לאָגיש און באַגייסטערט, אַז ניין? אפשר איז ער פאָרט געווען באַפליגלט פון אַ הייליקן אידעאַל, וואָס ער האָט פאַר אים זיין יונג לעבן אַוועקגעגעבן?

בלייבט דאָס וואָרט אַוואַנטוריסט שטעקן אין האַלז, ניט זיכער דערזאָגט.

אַנדערע ווידער ווילן האָבן, אַז ער איז געווען אַן עקזאַלטירטער פאַנטאַזיאָר, אָבער באַלד דערמאָנען זיי זיך: ער איז דאָך

געוועז אזוי קלוג און אזוי „פראַקטיש", און על־פּי „שכל הישר" שטימט ניט פאַנטאַזיע מיט קלוגשאַפט און „פּראַקטיק".

מוזן זיי בכן אַלע קומען צו אַן אַנדער אויספיר: ער איז געוועזן און געבליבן אַ רעטעניש, אָט דער דוד הראובני, אַ רעטע־ניש, וואָס מען קען זי ניט באַשיידן.

דאָס איז דאָך אָבער ווידער ניט קיין אויספיר. מיר מוזן וויסן! מיר מוזן דערגיין דעם אמת! און עס איז מעגלעך, — מ׳דאַרף נאָר שטאַרק וועלן זיך פאַרטיפן אין דעם.

צוליב דעם דאַרפן מיר זיך אַריינלעבן אין דער תקופה, אין די פאַקטן און אין די ווירקנדיקע נשמות.

דאָס איז געווען איינע פון די פינסטערסטע תקופות אין דער יידישער געשיכטע. די גירושים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן ביזן גרונד צעטרייסלט דעם אָרגאַניזם פונם יידנטום אין דער גאַנצער דיאַספּאָרע. ביי אַ האַלב מיליאָן יידן זיינען אַרויס־געריסן געוואָרן פון זייערע היימען, וואו זיי זיינען געווען איינ־געוואָרצלט אין משך פון לאַנגע־לאַנגע יאָרהונדערטן. אַרויסגעריסן געוואָרן, און ניט געהאַט וואוהין צו גיין, — אומעטום טיר און טויער געשלאָסן! מאַסן אומגעקומען אין וועג דורך מענטשנס הענט, וואָס האָבן געשניטן די „פון גאָט פאַרשאָלטענע" אויף דער יבשה און געוואָרפן זיי פון די שיפן אין ים אַריין; מאַסן אומגעקומען פון הונגער און עפּידעמיעס, און מאַסן לעבן־געבליבענע זיינען געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט אויף „שבעה ימים". מאַסן מגורשים האָבן אָנגעשלאָגן און דורכגעריסן זיך אין די האַפנס פון צפון־אַפריקע, קיין איטאַליע, קיין טערקיי, דערגרייכט די אַראַבישע האַלב־אינזל, אַפילו אינדיע און קאָכין־כינע. און אומעטום האָבן די מגורשים געבראַכט די נייע איכה־ליד פון די ספרדישע יידן, די בשורה רעה פון דער נייער יידישער טראַגעדיע. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנטלויפן פון מאַראַנען, וואָס האָבן אומעטום איבערגעגעבן די שוידערלעכע ידיעות וועגן די אימות פון דער אינקוויזיציע.

די דאָזיקע אַלע טרויעריקע ידיעות, וואָס האָבן זיך אַלץ געמערט און געמערט, האָבן אויפגערודערט די נערוון פון די יידן

אין די רוּקערע לענדער פון אַפריקע און אַזיע און אָנגעצונדן זייער אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע. און פונקט ווי אין אונזער צייט איז אויפן איינציקן עקאָנאָמיש־מעכטיקן יידישן שבט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע אויסגעפאַלן דער גורל צו ראַטעווען דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום פון מאַטעריעלן אונטערגאַנג, אַזוי איז אין אָנהייב פון זעכצנטן יאָרהונדערט אויסגעפאַלן דער גורל צו ראַטעווען פון פיזישן, מאַטעריעלן און נאַציאָנאַל־גייסטיקן אונטערגאַנג דעם „גלות החל אשר בספרד“ (דעם אַרויסגעטריבענעם יידנטום פון פירענעיִשן האַלב־אינזל, — ווי מ׳האָט דענסטמאָל דעם פסוק געטייטשט) — אויף די פּאָליטיש־שטאַרקערע שבטים פונם אָריענטאַלישן יידנטום. די יידישע קיבוצים פון באַלקאַן, מצרים, קליין־אַזיע, סיריע, אַראַביע, מעסאָפּאָטאַמיע, אינדיע, אינדאָ־כינע, אפילו די אָרימערע און געדריקטערע קיבוצים פון מאַראָקאָ, אַלזשיר און טוניס האָבן מיט ברייט־געעפנטע אָרימס באַגעגנט און אויפגענומען די צו זיי צוגעוואַנדערטע ברידער מגורשים.

דאָס איז אָבער נאָך ווייניק געווען: אייניקע יידישע זעלבשטענדיקע קיבוצים האָבן באַשלאָסן ראַדיקאַל צו מאַכן אַ סוף צו די יידישע צרות.

עס האָבן דענסטמאָל ווירקלעך עקסיסטירט אייניקע יידישע שבטים, וואָס האָבן געלעבט פריי און זיינען ביט געווען אָפּהענגיק פון קיינעם. אַזוי איז באַוואוסט, אַז אין קאָכין (קאָגין = קאָטשין), אין דרום פון אינדאָסטאַן, האָט ביז דאָ ביט לאַנג געלעבט אַן אומאָפּהענגיקער יידישער שבט מיט אַן אייגענעם נשיא, וואָס האָט זיך מתיחס געווען צום ערשטן נשיא פון דער דאָזיקער מדינה יוסף רבן, — אַ היסטאָרישע פּערזאָן פון אַכטן יאָרהונדערט, — און ווען ענגלאַנד האָט פאַרנומען די דאָזיקע יידישע מלוכהלע, האָט זי איר איבערגעלאָזן פולשטענדיקע אַוטאָנאָמיע (זע קאַיזערלינג, גרעץ, „מוצאי גולה“ פון ש. פּ. ראַבינאָוויטש, ייד. ענציקל. דאָס וואָרט קאָטשין). — אויף דער אַראַבישער האַלב־אינזל האָבן פון אייביקע דורות אָן געלעבט

עטלעכע יידישע מעכטיקע קריגערישע שבטים מיט אייגענע שייכן (נשיאים, פירשטן): אין דרום פון העדזשאַס, אין חאַיבאַר (חבור), אין צענטראַל־אַראַביע, און אין דרום (יעמען — תימן). די בני־ראובן זיינען געווען דער דרומדיקסטער שבט אין עבר־הירדן און האָבן געהאַט אויסצושטיין אייביקע מלחמות מיט די כל המינים בעדוינען פון אַראַביע; פון די צייטן פון שאול המלך איז באַוואוסט זייערע אַן אומגליקלעכע מלחמה מיט די הגריאים (אַן אַראַבישער שבט פון העדזשאַס), וואָס האָבן ביי זיי גענומען געפאַנגענע, און פון די צייטן פון ירבעם בן יואש מלך ישראל — אַ זיגרייכע מלחמה פון די בני ראובן, בני גד און האַלבן שבט מנשה מיט די זעלביקע הגריאים און אַנדערע אַראַבישע שבטים פון דרום (דברי הימים א׳, קאַפּ. ה׳, פס׳ י׳, יח — כב); צולעצט זיינען די בני ראובן, בני גד און דער האַלבער שבט מנשה געווען די ערשטע, וואָס די קיניגן פון אשור פול (שלמנאסר III) און תגלת־פלאסר II (טוקולטי־האַבאַליסאַראַ, וואָס האָט רעגירט 745—727 פאַר קר׳ צ״ר) האָבן זיי פאַרטריבן צווישן אַנדערע ערטער אויך קיין חבור, — און קיין שום אַנדער חבור, אויסער חאַיבאַר צו דרום פון העדזשאַס איז לגמרי ניט באַקאַנט. נאָכדעם בעתן אונטערגאַנג אויך פון מלכות יהודה, וואָס האָט געגרעניצט אויך מיט אַראַביע, זיינען מאַסן פליטים פון די שבטים יהודה, בנימין, לוי און שמעון געלאָפן ראַטעווען זיך אין די שוין אָרגאַניזירטע און באַפעסטיקטע קיבוצים פון די בני ישראל אין חאַיבאַר. צווישן די פליטים זיינען זיכער געווען ניט ווייניק מיטגלידער פון דער קיניגלעכער משפחה, פון בית דוד. בעת אַלע שפּעטערדיקע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס (בעתן טעראָר פון עפּיפאַנעס, בעת דעם איבערפאַל פון פאָמפּעיוס, אין דער תקופה פון דער פּראָקוראַטאָרישער טיראַניע, באַזונדערס בשעת חורבן בית שני און נאָך בר־כוכבאס מפלה) האָבן מאַסן יידן אויסגעוואַנדערט פון זייער פאָטערלאַנד קיין חאַיבאַר. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע מעכטיקע און קריגערישע יידישע מלוכה

אין מיטן פון דער אַראַבישער האַלב=אינזל, — און מחמדן איז אויסגעקומען צו פירן מיט איר לאַנגיאָריקע פאַרביטערטע און שוידערלעך=בלוטיקע מלחמות, ביז ער האָט זי באַזיגט (זע גרעץ, דברי ימי ישראל, ב. III, און דובנאָוו, אַלטע אויסגאַבע, ב. II). אים איז אָבער ניט געלונגען צו פאַרטיליקן די יידישע באַפעלקערונג פון אַראַביע און אפילו אונטערצוברעכן איר קריגערישן מוט. נאָך לאַנגע=לאַנגע יאָרהונדערטן, ביז אין זעכצעטן אַריין, האָבן אויף דעם אומגעהייערן שטח פון דער אַראַבישער האַלב=אינזל, — וואָס אין איר צענטער האָט נאָך אגב אפילו היינט ניט געטראָטן קיין פוס פון קיין אייראָפּעער אָן אַ סכנה פאַרן לעבן, — געלעבט אין געוויסע ערטער, אין מדבריות און סטעפּעס, גרעסערע אָדער קלענערע, אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים מיט אייגענע נשיאים אָדער קיניגלעך, וואָס האָבן זיך מייחס געווען ניט אַנדערש ווי צו דוד המלך און האָבן געהאַט געשריבענע יחוס=בריוו אין דעם זין (פּונקט ווי מיר קענען טרעפן ניט זעלטן אויך היינט גאַנץ אָרנסטע יידן מיט „יחוס=בריוו" ביזן „תוספות יום טוב", ביז אברבנאל אָדער ביז רש"י, וואָס ציען, כּידוע, פון זייער זייט זייער יחוס=ליניע ביז דוד המלך, — און זיי גלויבן דערין בתום לבם באמונה שלמה). די עקסיסטענץ פון אַזוינע אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים אין אייניקע ערטער אין אַזיע און אַפריקע האָבן באַשטעטיקט אויך פאַרשיידענע קריסטלעכע, בפרט פאָרטוגעזישע קאָנסולן, שיפסקאַפּיטאַנען און רייזנדער, וואָס האָבן אין זייערע נסיעות אַרום גאַנץ אַפריקע און דרום=אַזיע אומעטום געטראָפן יידן און גאַנצע אומאָפּהענגיקע יידישע ישובים (זע „קול מבשר" פון ר' יצחק עאקריש און „כבוד אלהים" פון ר' אברהם בן מיגאַש — ביידע באַגלויבטע מקורים, וואָס ווערן ציטירט און אויסגענוצט פון אַלע יידישע היסטאָריקער). די דאָזיקע באַשטעטיקונגען האָבן עס גורם געווען, זשואַן III זאָל אָננעמען דעם געוואַגטן פּלאַן פון דוד הראובני.

בכן, נאָך דעם אַלעם געזאָגטן און דערוויזענעם, פאַרלירט דוד הראובניס פאַרעקשנטע דערציילונג וועגן די קריגערישע בני=ראובן, בני=גד און אַ האַלבן שבט מנשה אין מדבר חבור

אַ גרויסן טייל פון איר לעגענדאַרישן כאַראַקטער. מיר קענען געוויס ניט אָננעמען, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין חאַיבאַר איז באַשטאַנען לויטער פון די דערמאָנטע דריטהאַלבן שבטים. מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע באַפעלקערונג, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען אַ געמישטע אויך פון אַ סך אַנדערע יידישע שבטים, אַז די דאָרטיקע יידישע קריגערישע שבטים בני־קורייזאָ און בני־קיינוקאַה האָבן זיך מייחס געווען גאָר צו אהרן הכהן. דאָך איז היסטאָריש זיכער, אַז דער ערשטער קערן אירער איז ווירקלעך באַשטאַנען פון די ביבלישע דריטהאַלבן שבטים, — און דאָס איז אויף אייביק פאַרבליבן אין זכרון פון פאָלק ניט אויסצוואָרצלען. די עקשנות האָט אַ יסוד, — און דוד הראובני האָט געזאָגט אמת.

עס איז זייער מעגלעך, מען קען אפילו אָננעמען פאַר זיכער (אין דער נייער געשיכטס־פאָרשונג באַמערקט זיך שוין אַזאַ נטיה), אַז דוד הראובני איז געווען אַ זון פון אַ שייך (נשיא) פון אַ יידישן אומאָפּהענגיקן קריגערישן שבט אין מדבר חבור, צו דרום פון העדזשאַס, אָדער אין מיטל־אַראַביע, וואו עס וואַנדערן נאָך עד היום אום יידישע אָדער יודאַיזירנדיקע בעדוינען, ווי עס איז ניט איינמאָל דערציילט געוואָרן אין דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע (די יידן פון תימן זיינען אַמאָל אויך געווען אַ מעכטיקער קריגערישער שבט, נאָר די בעסטיאַלישע טיראַניע פון די ווילד־פאַנאַטישע אימאַמען, באַזונדערס פון דעם לעצטן 80־יאָריקן אימאַם יחייא, האָט זיי אין משך פון איבער הונדערט יאָר דערנידעריקט און אינגאַנצן דערשלאָגן אַזוי, אַז די היינטיקע הונדערט טויזנט תימנים זיינען שוין אמתע געטאָ־יידן). זיין פאָטער האָט, ווי די ראשי הגולה פון בבל, געהאַט אַ יחוס־בריוו ביז דוד המלך, און ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט אין דער אמתדיקייט פון דעם דאָזיקן יחוס־בריוו. בכן איז אין דעם פּרט אויך ניטאָ קיין גרונד אים צו האַלטן פאַר אַ ליגנער.

דער גאַנג פון די געשעענישן שטעלט זיך פאָר אין אַזאַ שיין:

קיין מדבר חבור זיינען אָנגעקומען מגורשים און אַנט־

רונענע מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און האָבן, ווי אומעטום, איבערגעגעבן די גאַנצע טרויעריקע עפּאָפּעע פונם מערב־אייראָפּעיִשן יידנטום. און פּונקט ווי די ידיעות וועגן די כוואַליעס פיזישע און עקאָנאָמישע פּאָגראָמען אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע האָבן אין אונזער צייט אויפגעטרייסלט דעם אַמע־ריקאַנער יידנטום, אַזוי האָבן דעמאָלט די דערציילונגען פון די מגורשים און אנוסים אויפגערודערט די שטאָלצע יידן פון חאַיבאַר. דער שייך, זאָל ער הייסן יוסף, האָט צונויפגערופן זיין ראַט פון די זקנים, לויט דער אַלטער טראַדיציע — זיבעציק, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווער באַשלוס פון אַ גראַנדיאָזן פּלאַן: צו שאַפן אַ געהיימען פאַרבאַנד פון אַלע יידי־שע קיבוצים אין אַזיע און אַפריקע און מיט דער הילף פון פּויפּסט און אייראָפּעיִשע מאָנאַרכן, וואָס וועלן דערפון אויך האָבן אַ נוץ, פאַרפירן אַ מלחמה מיט טערקיי, אָפּנעמען פון איר ארץ־ישראל, אַריבערפירן אַהין די יידן פון אַלע לענדער און אויף אַזאַ אופן באַפרייען די וועלט פון דער פאַרשאָלטענער יידן־פּראַגע. דורכצו־פירן דעם גאַנצן פּלאַן האָט גענומען אויף זיך דעם שייכס יינגע־רער ברודער דוד, אַ יונגערמאַן אַן ענטוזיאַסט און דערצו אַ חכם אַ פּיקח, וואָס האָט מער ווי אַלע גענומען דעם ענין צום האַרצן.

און ער איז אַוועק אין דער שליחות.

דוד איז געווען אַ ווייטזיכטיקער מאַן און האָט גוט געקענט דאָס לעבן און מענטשן. אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כח־הדמיון, מיט אַ באַגייסטערטן אומגעבויגענעם גלויבן אין זיין גאָט און אין דער נאָענטקייט פון דער גאולה, מיט אַ רירנדיקער ליבע צו זיין פאָלק און אַ איבערצייגונג אין דער גערעכטיקייט און דערהויבנקייט פון זיין שליחות, מיט אַ בטחון פון אַ נחום איש־גם־זו, אַז אַלץ, וואָס עס זאָל ניט געשען, פירט צום גלענצנדיקן נצחון פון זיין מיסיע, — איז ער צוגלייך דערמיט געווען באַשאָנ־קען מיט גרויסע כשרונות פון אָריענטאַציע און פון אַ געשיקטן דיפּלאָמאַט. ער האָט זיך אומגעטראָגן מיט גרויסע מחשבות, מיט אַן אומבאַזיגבאַרער שטרעבונג צו אַ גרויסן דערהויבענעם ציל איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו באַפרייען אַ פאַרפייניקטן פאָלק פון

זיין פאַרשאָלטענעם גורל, — און עס איז זייער וואָרשיינלעך, אַז ער האָט זיך דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק פון „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ אין דער געוויסער אויכטייטשונג: ווען מען דאַרף דורכפירן אַ עיקרדיק־גרויסע זאַך פון גאָטס וועגן, מעג מען עובר זיין אויף געוויסע קלענערע עיקרים פון דער תורה. אַזוי איז דער קליינער אָרעמער פירשטנטום פון זיין שבט אין מדבר ערב ביי אים אין מויל זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ געוואַלדיק־גרויסער מלוכה, וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן טייל פון אַראַבישן האַלב־אינזל און שפרייט זיך אויס איבער נוביע אין אַפריקע, — אַ מלוכה פון די „עשרת השבטים״, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק און אימפּאָנירט. און אפשר האָט ער אין זיין צעשפּילטער פאַנטאַזיע שוין געזען דעם פאַרבאַנד פון אַלע יידישע קיבוצים אין אַזיע און אַפריקע אין דער באַוואָפענונג מיט איראָפּעישן פייער־געווער, און דאָס האָט אים געגעבן די נאָך ניט געזעענע דרייסטקייט צו זיין באַהויפּטונג.

לויט זיין בן־דור ר׳ אברהם פאַריסאָל באַשרייבט אים אין זיין ספר „אגרת ארחות עולם״, איז דוד הראובני געווען אַ קליינגעוויקסיקער, פון כמעט אומאויפהערלעכע תעניתים און סיגופים מוראדיק אויסגעמאָגערט, הויט און ביינער; מיט אַ שוואַרץ פּנים און טיפע, מיטפאַרשטאַנד און ענערגיע לייכטנדיקע וואונ־דערבאַרע אויגן, וואָס האָבן פאַרכישופט; דרייסט און געוואַגט ווי אַ לייב און שטאָלץ ווי אַ קיניג. ער האָט געקענט גוט אַראַביש, אָבער זיין עיקר־שפּראַך איז געווען העברעיש, נאָר מיט אַזאַ דיאַלעקט און אַקצענט, וואָס האָט אים געמאַכט כמעט אומפאַר־שטענדלעך.

ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מוסולמענישן דערוויש, האָט אַזוי דורכגעוואַנדערט גאַנץ אַראַביע, אַביסיניע, עטאָפּיע (נוביע) און מצרים, מעגלעך אויך אינדיע, אין אַ משך פון עטלעכע יאָר; האָט מיט זיין אויפפירונג באַגייסטערט פּשוטע מענטשן, מלכים און גייסטלעכע און האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין געהיימע פאַרבינדונגען מיט אַלע יידישע ישובים אין די אַלע דערמאָנטע לענדער און דורכצושטודירן דעם פּאָליטישן, סאָציאַלן

און קולטורעלן מצב דאָרטן. אין דערוועלביקער צייט האָט ער כסדר געלעבט אין סכנות־נפשות, אייביק אין שרעק אויפגעדעקט צו ווערן, און איז ניט איין מאָל געווען אויף אַ האָר פון טויט. ער איז געווען אין ארץ־ישראל, אין דער מערת המכפלה אין חברון, וואוהין קיין ייד איז ניט צוגעלאָזן געוואָרן שוין העכער 1300 יאָר; דעסגלייכן אויך אין ירושלים אויפן באַרג מוריה אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער פון אָמאַרס מעטשעט, אין די הייַלן, אַלץ דורכגעשטודירט און פאַרשאַפט די מוסולמענער טויטשרעק. אין דער דאָזיקער גאַנצער צייט איז ער געשטאַנען אין כסדרדיקער לעבעדיקער פאַרבינדונג מיט זיין הימלאַ:ד דורך ספּעציעלע שלוחים. מיט יידן פלעגט ער ריידן מיט רמזים, וואָס פלעגן לאָזן נאָך זיך גאָכדענקען.

צום סוף, אין ווינטער ה׳רפ״ד, איז ער אָנגעקומען קיין איטאַליע, קיין ווענעציע, וואָס איז דעמסטמאָל געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער אַנט־וויקלונג און האָט געפירט אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן האנדל מיט די לענדער פון מזרח און מע״ב. דענסטמאָל זיינען שוין באַוואוסט געווען די אַנטדעקונגען פון קאָלומבוס, וואַסקאָ דע גאַמאַ און מאַ־געלאַן. אַלע ווײַלע פלעגן צרויסגיין שיפן מיט זוכער פון וואונ־דערלענדער און עלדאָראַדאָס. מ׳האָט געגלויבט אין נפלאות. אין דערוועלביקער צייט האָבן די יידן, וואָס האָבן אויסגעטרונקען דעם גיפּטיקן בעכער ביזן דעק, געגלויבט, אַז די גירושים, די אינקווי־זיציע און די כל המינים אַנדערע רדיפות זיינען די „חבלי משיח“ און גאָכדעם מוז און וועט קומען דער „קץ הפלאות“. אין דעם דאָזיקן גלויבן האָט זיי באַזונדערס פאַרשטאַרקט דאָן יצחק אברבנאל מיט זיינע באַגייסטערטע ווערק. און אָט אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט זיך באַוויזן דער געהיימעניספולער שליח פון די „עשרת השבטים“ מיט זיינע סיפורי נפלאות, וואָס ער האָט פאַר־טרויט בלויז יחידי סגולה, אָבער די יחידי סגולה האָבן די דאָזיקע סודות צעקלונגען איבער אַלע לענדער פון מיטללענדישן ים. ניט נאָר יידן און מאַראַנען, — קריסטן און מחמדאַנער האָבן געגומען גלויבן, אַז באַלד קומט דער סוף פון מלכות אדום (רוים) און

ישמעאל (טערקיי, מחמד) און די מלוכה גייט אַריבער צו משיח דעם קיניג פון ישראל און ירושלים.

די דאָזיקע אַלע קלאַנגען זיינען געגאַנגען דוד הראובנין פאַראויס, און אַז ער איז ט״ו אדר רפ״ה (1525) געקומען קיין רוים, האָט שוין דער פויפסט קלימענטיוס VII געהאַט וועגן אים אַ גענויע פאַרשטעלונג. קלימענטיוס איז דענסטמאָל געווען אין אַ ביטערער לאַגע: פון איין זייט האָט אים געדריקט די לוטעראַנישע רעפאָרמאַציע און פון דער אַנדער זייט האָבן אים געהאַלטן צווישן צוויי פייערן דער דייטשער קייזער קאַרל V און דער פראַנצויזישער קיניג פראַנסואַ I, וואָס האָבן צווישן זיך געפירט אומאויפהערלעכע מלחמות פאַר דער אויבערמאַכט אין אייראָפע און איטלעכער פון זיי האָט דעם פויפסט געצויגן אויף זיין צד. אים איז געווען ווינד פון דעם און ווי פון יענעם: זאָל ער שטיין פאַרן פראַנצויזישן קיניג, פירט קאַרל איין אין זיין אימפעריע דעם לוטעראַניזם; זאָל ער האַלטן פאַרן דייטשן קייזער, ווערט איטאַליע פאַרשקלאַפט אונטער אים. פאָליטיש דערנידעריקט און מאָראַליש דערשלאָגן, האָט קלימענטיוס VII — איינער פון די בעסטע געבילדעטסטע און טאָלעראַנטסטע, ווען־עס איז געוועזענע פויפסטן — אָנגעכאַפט זיך פאַר אַלץ, וואָס וואָלט געקענט אויפריכטן זיין געפאַלענעם פרעסטיזש. ער האָט איבערגענומען פונם אַמבאַסאַדאָר פון דעם יידישן קיניג פון חייבאַר קרעדיטיוו־בריוו — באַשטעטיקונגען פון פאָרטוגעזישע שיפס־קאַפיטאַנען און קאָנסולן אין די מזרח־לענדער, אַז עס איז ווירקלעך פאַרהאַן אַ יידישער קריגערישער שבט אין אַראַביע,—און האָט אָפגעשיקט זיי קיין פאָרטוגאַל, מ׳זאָל דאָרטן באַשטעטיקן, צי עס איז ריכטיק. אַז ער האָט באַקומען פון דער פאָרטוגעזישער רעגירונג אַ באַשטעטיקונג פון די דאָקומענטן, האָט ער אויפגענומען דוד הראובנין מיט קיניגלעכער פראַכט און פייערלעכקייט אויף אַן אודיענץ. אפשר האָט ער זיך געוועלט קונה שם זיין מיט אַ נייעם צלם־צוג קעגן טערקיי, דעם שונא פון קריסטנטום, מיט דער הילף פון די קריגערישע יידן, אָדער ער האָט דאָ געהאַט אַנדערע כוונות און קאָמבינאַציעס, — נאָר דער פלאַן איז אים געפעלן און ער האָט

אָפּגעשיקט דוד הראובני מיט גרויס גנאָד און מיט שטיץ-בריוו קיין פּאָרטוגאַל.

דער רושם אויף די יידן איז געווען אַ געוואַלטיקער. זייער פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעפֿלאַמט. אפילו די סקעפּטיקער זיינען געצוואונגען געווען מודה צו זיין, אַז עפּעס אמת איז פֿאַרהאַן אין די רייד און סיפּורים פֿון דעם דאָזיקן וואונדערלעכן מענטשן. די יידן פֿון רוים און פֿון אַנדערע לענדער האָבן איינגעזען אין דורן דעם מענטשן, וואָס ראַמט אָפּ אַ וועג פֿאַרן מלך המשיח. פֿון אַלע זייטן האָבן גענומען קומען צו אים יידן און קריסטן. די באַרימטע דאָנאַ בענווענידע אברבנאלה, די שנור פֿון דאָן יצחק אברבנאל, האָט אים געשיקט אַ גרויסע סומע געלט, טייערע מתנות און אַ דגל-יהודה פֿון זייד, וואָס זי האָט אויף אים מיט אירע אייגענע הענט אויסגעהאַפּט די עשרת הדברות. מ'האָט זיך געוואָלט צו אים דערנענטערן, אָבער ער איז פֿון אַלעמען געווען צוריקגעהאַלטן און פֿאָרזיכטיק. בלויז איינעם האָט ער זיך מיט אַלץ פֿאַרטרויט — זיין מעצענאַט ר' דניאל פֿון פּיזאַ.

צום סוף, נאָך דריי פערטל יאָר פֿאַרברענגען אין רוים, איז דוד הראובני אין נאָוועמבער 1525 אָנגעקומען קיין פּאָרטוגאַל. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די גלחים האָבן געאַרבעט מעשים אַרויסצובאַקומען ביים פּויפּסט אַן ערלויבעניש צו גרינדן אין פּאָרטוגאַל, ווי אין שפּאַניע, די אינקוויזיציע, צו ברענגען די „אָפּטריניקע" מאַראַנען. דער קיניג זשואַן III, אַ מענטש אַ דעמאָראַליזירטער און אַ פֿאַנאַטיקער, איז שוין געווען גרייט צו ווענדן זיך וועגן דעם צום פּויפּסט. אַ טויטשרעק איז אָנגעפֿאַלן אויף די צענדליקער טויזנט משפּחות מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מהומה, אַ בהלהדיק לויפֿן. און פּלוצלונג — אַ איבערקערעניש! דוד הראובני איז אָנגעקומען אין פּאָרטוגאַל און איז אויפֿגענומען געוואָרן ביים קיניג מיט גרויס כבוד, ווי אַ געזאַנדטער פֿון אַ מעכטיקער מלוכה; ס'איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיי אַן אָפּמאַך, דער קיניג פֿון פּאָרטוגאַל זאָל געבן די יידישע שבטים פֿון חבור און נוביע ביקסן, האַרמאַטן און פּולווער מיט מייסטערס און סטראַטעגן, און די יידישע שבטים זאָלן אָנפֿאַלן

אויף די טערקישע חיילות אין אראביע און מצרים, בכדי די קריסטן זאָלן דערוויַיל קענען פאַרפירן אַ מלחמה קעגן דער איי־ראָפּעיִשער טערקיי און דערפירן זי צו אַ ענדגילטיקער מפלה. און גלייכצייטיק, שוין ביי די ערשטע אונטערהאַנדלונגען, איז זשואַן III געצוואונגען געווען אויף אַ געוויסער צייט אָפּצולייגן די אויס־ראָטונג פון די באַהאַלטענע יידן.

די איבערראַשונג און די פרייד פון די מאַראַנען זיינען אַריבער יעדע גרענעץ. זיי האָבן גענומען קוקן אויף דוד הראובני ווי אויף משיחס אַ שליח. פון שפּאַניע, וואו עס האָט געווילדעוועט די אינקוויזיציע, האָבן מאַסן מאַראַנען גענומען אַריבערוואַנדערן קיין פּאָרטוגאַל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי גלייכצייטיק אַ מיסטישע און פּאָליטיש־משיחישע באַוועגונג. אין ליסאַבאָן און אַנדערע שטעט פלעגן קומען מאַסן מאַראַנען מיט גאַנצע משפחות און קושן אים די הענט און אים אָפּגעבן קיניגלעכן כבוד. ער איז אָבער געווען זייער פאָרזיכטיק, מחמת מורא פאַר אַ חשד, אַז ער פירט אַראָפּ די „ביַיע קריסטן" פון וועג, וואָס עס קען קאַליע מאַכן זיין גאַנצע מערכה ביים הויף. זיין איינגעהאַלטנקייט און ניט־צוגעלאָזטקייט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו זיין שליחות און אַרומגערינגלט זיין נאָמען מיט גרויס גלאַנץ. אין דער צייט האָט ער אויך געהאַט באַציִונגען מיט זיין היימלאַנד, פונוואַנען עס איז געקומען צו אים אַ שליח ר׳ משה הכהן מיט אינסטרוקציעס און איז באַלד אַוועק צוריק.

מאַסן מענטשן, יידן און קריסטן, האָבן געגלויבט נאָכמער, אַז ער איז אַ נביא, און אַנדערע אפילו, אַז ער איז — משיח. אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגערעגט געוואָרן און האָט זיך מיטן גאַנצן כוח אָפּגעטרייסלט. ער האָט געמאָלדן: „חס ושלום! איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא! איך בין אפשר נאָך אַ גרעסערער זינדיקער איידער יעדערער פון אייך. איך האָב אויסגעהרגעט פערציק מאַן פון אונזערע שונאים. איך בין מער ניט ווי אַ קריגס־מאַן מיין גאַנץ לעבן".

די משיחישע באַוועגונג איז אַלץ מער געוואַקסן און האָט באַלד אַרויסגערוקט פון די רייען פון די אויפגערודערטע מאַראַנען

אַ טיף־באַגייסטערטן 22־יאָריקן יונגלינג, וואָס אין אים האָט זיך פאַראייניקט דער נביאישער ברען פון אַ מיסטיקער מיט שטרעבונגען פון אַ נאַציאָנאַלן קעמפער.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן מאַראַן איז געווען דיאָגאָ פירעס. אַ שיינער, איידעלער און העכסט־געבילדעטער, מיט אויסערגעוויינלעכע כשרונות, האָט ער פאַרנומען די שטעל פון סעקרעטער אין איינעם פון די העכסטע געריכטן אין ליסאַבאָן און איז געווען באַליבט אין קיניגלעכן הויף, וואו ער איז געוואָרן אויך סעקרעטער פון דער קיניגין. זיין באַקאַנטשאַפט מיט דוד הראובני האָט אַרויסגערופן אין אים אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש. ער איז געווען אַ פייערדיקער בעל־חלומות און האָט געפילט, אַז עס קומען אָן גראַנדיאָזע געשעענישן. ער האָט בעגאַרט אויפצוטאָן גרויסע זאַכן און האָט אָנגעהויבן זען זעאונגען. אין חלומות ביינאַכט האָט ער זיך געזען צוזאַמען מיט דעם סודותפולן שליח פון מזרח אין צענטער פון קומענדיקן באַפרייאונגס־געראַנגל. אַז ער האָט עס דערציילט דוד הראובני, האָט יענער געפרוווט אָפּקילן זיין ברען, אָבער דער עקזאַלטירטער דיאָגאָ פירעס האָט געזעכנט, אַז דוד דערווייטערט זיך פון אים, ווייל ער האַלט אים נאָך ניט פאַר אַ כשרן יידן. איז ער אַוועק און האָט זיך אַליין באַהאַלטענערהייט אַריינגעבראַכט „בבריתו של אברהם אבינו" און אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מולכו. ער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און איז שטערבלעך קראַנק געוואָרן, נאָר דער כוח החיוני און זיין יונגשאַפט האָבן גובר געווען און ער איז געזונט געוואָרן. ער איז תיכף אַוועק צו דוד הראובני און אים מיט שמחה פאַרטרויט זיין סוד. אָבער דוד איז אויסער זיך געוואָרן דערפון און האָט אויסגעשריען, אַז זיין איבעראיילטקייט קען לגמרי פטרן זייער גאַנצע זאַך און זייער לעבן שטעלן אין סכנה, דען דער קיניג וועט זיך געוויס דערוויסן און זאָגן, אַז ער, דוד, האָט עס אַראָפּגעפירט דעם סעקרעטער פון וועג. און ער האָט אים געראַטן תיכף צו אַנטלויפן קיין טערקיי, קיין ארץ ישראל. שלמה מולכו האָט אָנגענומען זיין עצה ווי אַ באַפעל פון הימל און איז אין עקזאַלטאַציע פון חלומות און זעאונגען אַוועק קיין מזרח.

דער אַקט פון שלמה מולכו האָט געהאַט אַ פאַטאַלע השפעה אויפן קיניגלעכן הויף. די שונאים האָבן ניט געשלאָפן. דוד הראובני האָט זיך די גאַנצע צייט פון זיין פאַרברענגען אין פּאָרטוגאַל געפונען אין אַ צושטאַנד, וואָס די קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט האָט אים געקענט אומברענגען. די אָנהענגער פון דער אינקוויזיציע האָבן אויסגעשפּרייט אַרום אים ברייטע נעצן פון שפּיאָנאַזש. מסירות האָבן זיך געשאָטן אויף אים אָן אויפהער שוין פון רוים אָן. די ערשטע און דער גרעסטער טייל פון אַלע וויטערדיקע מסירות האָבן געשטאַמט דווקא פון — יידן, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט דער שוואַרצער מאַכט, אויך פון משומדים־פּראָוואָקאַטאָרן. דער שטאָל־צער דוד הראובני האָט דערקענט אין דעם פּאָרטוגעזישן אַמבאַ־סאַדאָר ביים וואַטיקאַן אין רוים, דאָן מיגועל דאַ־סילוואַ, זיין דם־שונא, וואָס האָט דער ערשטער אָנגענומען די רייד פון די מוסרים, און האָט מיט אים געפירט קריג אפילו דאַן, ווען דאַ־סילוואַ איז געוואָרן די רעכטע האַנט פון קיניג און ווען דער קיניג האָט געוואָלט זיך אַריינלייגן אין אַ שלום צווישן זיי. דאָס איז געוועזן אַ פּאַרזען פון דוד הראובני און ער האָט עס שפּעטער אַליין אָנערקענט, דען דאָן מיגועל, אָדער דאָן מיקעל, ווי ער רופט אים, איז געוואָרן קעגן אים פאַרביטערט און איז געוואָרן די נשמה פון דעם גאַנצן נעץ אינטריגעס קעגן אים. דאַ־סילוואַ האָט אפילו אַריינגעזעצט פּראָוואָקאַטאָרן פאַר משרתים ביי אים אין הויז און האָט אונטערגעגראָבן זיין שליחות אין וואָרצל. דער ענין דיאָגאָ פּירעס — שלמה מולכו האָט אינגאַנצן פאַרענדיקט די זאַך פון דאַ־סילוואַ, וואָס האָט איבערצייגט דעם קיניג, אַז דער הויפּט־ציל פון דוד הראובני איז גאָר מגייר צו זיין אַלע מאַראַ־נען און אויפצוהייבן זיי צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן פּאָר־טוגאַל און שפּאַניע.

איין פאַקט האָט צוגעגאָסן בוימל אין פייער פון דער דאַ־זיקער העצע. אַ גרופּע שפּאַנישע מאַראַנען איז אויף אַ פּלאַדיקן אופן אַנטלאָפן פון אינקוויזיציאָנעלן קאַזעמעט אין באַדאַכאָץ פונקט אין דעם מאָמענט, ווען זייערע שופטים האָבן זיך געגרייט אויפצוברענגען זיי אויפן פייער פון אויטאָ־דאַ־פע, און זיינען אַנט־

רונען געוואָרן אין דער פּאָרטוגעזישער גרענעץ־שטאָט קאַמפּאָ־מאַיאָר און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. אַ טייל פון זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטע מחנה מאַראַנען, זיינען צוריק אַריבער די שפּאַנישע גרענעץ, זיינען געקומען אין דער שטאָט באַדאַכאָז, אַריינגעריסן זיך אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע, וואו עס זיינען נאָך געווען פאַרשפּאַרט זייערע ווייבער און טעכטער, האָבן מיט זייער איבערפאַל געמאַכט אויפציטערן די איינוואוינער פון שטאָט, אַרויסגענומען זייערע טייערע נפשות, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פאַרברענט ווערן, זיי מיטגענומען מיט זיך און אַנטרונען געוואָרן קיין פּאָרטוגאַל.

מער ווי דאָס האָט מען ניט געדאַרפט. דער גרויס־אינקוויזיטאָר פון באַדאַכאָז, סעלאַיאַ, האָט אָנגעקלאָגט פאַרן קיניג פון פּאָרטוגאַל דוד הראובנין, אַז ער האָט עס כלומרשט אויפגעהעצט די מאַראַנען צום אָנפאַל, — און די אינקוויזיטאָרן אין פּאָרטוגאַל האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

פאַר דוד הראובני זיינען שוין אין חודש ניסן ה׳רפ״ז (1527) געווען צוגעגרייט אַכט שיפן מיט פיר טויזנט ביקסן, מיט האַרמאַטן און פולווער, מיט מייסטערס און סטראַטעגן אויף אָפּצושיקן צום אַראַבישן האַלבּ־אינזל פאַר די יידן פון מדבר חבור און נוביע, — נאָר דאָן מיגועל דאַ־סילוואַ און די אינקוויזיטאָרן האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, און דער קליינקעפּלדיקער זשואַן III האָט גענומען זיין וואָרט צוריק.

דוד הראובני האָט אין פּאָרטוגאַל פאַרשפּילט, און נאָכן פאַרברענגען אין פּאָרטוגאַל אַ יאָר מיט פיר חדשים האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער איז געגאַנגען צוריק קיין רוים צום פּויפּסט, וואָס איז צו אים נאָך אַלץ געווען וואוילגעבייגט ווי פריער און פעסט געהאַלטן פון זיין פּלאַן. ראובני האָט איצט געפּלאַנעוועט מיט כל אמצי כוחות אַריינצולייגן זיך אין אַ שלום צווישן פּויפּסט און קאַרל V, בכדי דורכצופירן זיין פּלאַן מיט דער הילף פונם דייטשן קייזער. אין דעם זין איז מיט אים געווען אין פולן הסכם אויך שלמה מולכו, וואָס ער איז מיט אים געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג.

אויפן צוריקוועג דורך שפּאַניע איז דוד הראובני שיר ניט אַרייננעפאַלן אין די קראַלן פון דער אינקוויזיציע אין קאַרטאַ-געגאַ, נאָך קאַרל V, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים, האָט אים באַפרייט, און ער איז אַוועק אין דער פּויפּסטלעכער פּראָווינץ אַוויניאָן אין דרום-פראַנקרייך (פרילינג 1527).

דענסטמאָל האָט מען אין פּאָרטוגאַל ווידער גענומען אַרבעטן וועגן איינפירן די אינקוויזיציע.

די משיחישע באַוועגונג איז דענסטמאָל געוואַקסן און גע-געוואַקסן, איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן ווייט און ברייט — פון גיב-ראַלטער ביזן טייך פרת.

שלמה מולכו האָט אין טערקיי, נאָכדעם אין ארץ-ישראל גרינדלעך זיך באַקענט מיט די מקובלים און מיט דער קבלה און האָט זיך מיט לייב און מיט לעבן אָפּגעגעבן דעם מיסטיש-פּאָלי-טישן באַפרייאונגס-געראַנגל. ער האָט ניט גערוט און געראַסט: איז אומגעפאָרן פון לאַנד צו לאַנד איבערן גאַנצן מזרח מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע; געקומען צוריק קיין ווענעציע, קיין רוים און האָט געפירט פלאַמענדיקע וויכוחים מיט גלחים; געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויפן קאַרדינאַל לאָרענצאָ פּוצי און אויפן פּויפּסט קלימענטיוס VII, וואָס איז נאָך אַלץ געווען באַגייסטערט פאַרן פּלאַן פון דוד הראובני און וואָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט געבן זיין הסכם צו גרינדן די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל; נעצן פון טויט זיינען געווען אויסגעשפּרייט אַרום אים, — ער האָט אָבער מיט אַ שמייכל געקוקט דעם טויט גלייך אין די אויגן; אַ ייד יעקב מאַנטינאָ האָט אים געמסרט, און ער איז צוויי מאָל דורך דער אינקוויזיציע פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך פאַר-ברענען אויפן אויטאָ-דאַ-פע, נאָר ביידע מאָל איז ער אַרויסגע-ראַטעוועט געוואָרן דורכן פּויפּסט. ער האָט געלעכצט נאָך אַ טויט אויף קידוש השם און האָט מיט התפעלות געגלויבט אין דער נאָענטער אַנטפּלעקונג פונם גואל צדק. זיינע חלומות און זעאונ-גען האָבן ניט אויפגעהערט. ער האָט נבואה געזאָגט וועגן דער ערשיינונג פון אַ קאָמעט איבער רוים, וועגן אַ צעשטערערישער פאַרפלייצונג אין רוים און אין פלאַנדריע און וועגן אַן ערדציטער-

גיש אין פּאָרטוגאַל, — און די דאָזיקע אַלע נבואות זיינען מקויים געוואָרן (אין 1530 און אין 1531). דאַן האָט דאָס פֿאָלק פֿון קליין ביז גרויס, אפילו קריסטן, געגומען גלויבן, אַז די נבואה האָט זיך צוריקגעקערט אויף דער ערד, אַז שלמה מולכו איז אַ געטלעכער מאַן און קדוש עליון, באַכמער, אַז ער איז — משיח און דוד הראובני איז זיין שליח. נאָר ער אַליין האָט זיך געהאַלטן מער ביט ווי אַ תלמיד פֿון דוד הראובני, וואָס האָט זיך אונטער דער צייט געהאַט עטלעכע מאָל מיט אים באַגעגנט.

דאָס האָט נאָך מער אויפגעבראַכט די אינקוויזיטאָרן פֿון איין זייט און געוויסע „ניכטערע” און שקלאַפֿישע קרייזן ביי יידן פֿון דער אַנדער זייט. דער אויבנדערמאָנטער יעקב מאַנטינאָ האָט געאַרבעט מעשים מיט זיינע אופאַרטע מסירות, די שוואַרצע מאַכט פֿון אַלע פֿעלקער האָט זיך פֿאַראייניקט אומצובריינגען די באַפֿרייאונגס-באַוועגונג פֿונם יידישן פֿאָלק. מ'האָט זיך גענומען אונטערגראָבן אפילו אונטערן פּויפּסט קלימענטיוס VII, וואָס שטיצט שלמה מולכו און דוד הראובני, און מ'איז צוגעשטאַנען צו אים כמעט מיט אַ חלף צום האַלז, ער זאָל איינשטימען צו גרינדן די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, ווי אויך אין אַנדערע קאַטוילישע לענדער, — און ער האָט זיך סוף כל סוף געבויגן.

אין דער גאַנצער צייט, פֿון דער צווייטער העלפֿט 1527 ביז דער צווייטער העלפֿט 1532, האָט דוד הראובני אומגעוואַנדערט אין די פּויפּסטלעכע פּראָווינצן אין דרום-פֿראַנקרייך, פֿלעגט זיך אַריבערכאַפּן אויך קיין דייטשלאַנד און קיין איטאַליע. צום סוף, אין זומער 1532, איז ער זיך צונויפֿגעקומען מיט שלמה מולכו אין באָלאָניע (איטאַליע), — און זיי האָבן באַלד פֿאַרחידושט די וועלט מיט אַ נייעם געוואַגטן אויפֿטו: פֿון באָלאָניע זיינען זיי דורך דער שטאָט פֿעראַראַ (אין דער פּראָווינץ עמיליע אין איטאַליע) און מאַנטואַ (אין דער פּראָווינץ לאָמבאַרדיע אין איטאַליע) אַוועקגעפֿאָרן קיין רעגענסבורג צוזאַמען אין אַ רייט-וואָגן, וואָס איבער אים האָט געפֿלאַטערט דער דגל-יהודה 1) מיט

1) דער דייטשער אָריענטאַליסט פֿון זעכצנטן יר"ה ווידמאַנשטאַדט זאָגט

אויסגעהאַפּטע אותיות מכב״י (מי כמוך באלים י״י). אין רעגענסבורג האָט ער סיים פון די דייטשע פירשטן מיטן בייזיין פונם קייזער קאַרל V דענסטמאָל אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג וועגן לוטערן און זיינע אָנהענגער, צי אָנערקענען די רעפאָרמאַציע אָדער צו פאַרטיליקן זי, ווי אַ לשרע פון כפירה, מיט פייער און שווערד.

דער דעמאָלטיקער באַרימטער יידישער שתדלן ר׳ יוסף יוזלמאַן פון ראָזהיים דערציילט אין זיין „ספר זכרון“, אַז שלמה מולכו האָט געהאַט בדעה צו איבערצייגן דעם קייזער, אַז ער וויל רופן אַלע יידן אויף אַ מלחמה קעגן די טערקן. ר׳ דוד גאַנז אין זיין „צמח דוד“ און ר׳ מנשה בן ישראל אין זיין „Esperansa de Israel“ (די האָפענונג פון ישראל, — אַמסטערדאַם 1650) שרייבן, אַז „ר׳ שלמה און ר׳ דוד האָבן געוואָלט בייגן דאָס האַרץ פונם פראַנצויזישן קיניג און פון קיסר קאַרל צו דער יידישער אמונה“. דאָס איז אָבער אַן אומזין, דען עס איז באַוואוסט, אַז זיי האָבןביידע קיינמאָל ניט געזען דעם קיניג פראַנסואַ I. ריכטיקער זיינען אבן־וירגאס רייד אין „שבט יהודה“, אַז וואָס דוד הראובני און שלמה מולכו האָבן גערעדט מיט קאַרל V, איז אומבאַוואוסט, נאָר מ׳ווייס, אַז תיכף ווי ער האָט דערהערט זייערע רייד, האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַפעל זיי ביידן צו שליסן אין קייטן און אָפּפירן קיין איטאַליע, וואוהין ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן (ער האָט שוין דאַן געהאַט איינגענומען איטאַליע).

קומענדיק קיין מאַנטואַ, האָט קאַרל פאַראָרדנט אַ אינקוויזיציאָנעלן משפט איבער שלמה מולכו פאַר זיין בגידה אין קריסטנטום. די הויפט־ריכטער זיינען געווען משומדים־פראָוואָקאַטאָרן, און מ׳האָט אים (דעם 8־טן אַווגוסט 1532) פאַרמשפט צום פאַרברענען. מ׳האָט אים אויפן מויל אָנגעטאָן אַ צוים, בכדי ער זאָל ניט נעמען ריידן אוןווירקן מיט זיינע פלאַמענדיק־איבערציי‏גנדיקע רייד אויפן פאָלק. בשעת מ׳האָט אים צוגעפירט צום שייטערהויפן, האָט מען אים פאָרגעלייגט אין קיסרס נאָמען באַ־

עדות, אַז ער האָט געזען די דאָזיקע פאָן און אַז ער האָט געהערט שלמה מולכוס דרשות. שלומה מולכוס טלית און דער דגל געפינען זיך אין פראַגער אַלטער שול.

גבעדיקונג, אויב ער וועט זיך אומקערן צוריק צום קריסנטום. אָבער שלמה מולכו האָט שטאָלץ געענטפערט: „איך האָב צער דערפון, וואָס איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן (ביז 22 יאָר) געהאַלטן אייער אמונה. איצט טוט מיט מיר וואָס איר ווילט. מיין נשמה קערט זיך איצט אום צוריק אין איר פאָטערס הויז, ווי אין איר יוגנט־צייט, איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען, דען דענסטמאָל איז איר געווען בעסער איידער איצט, — שמע ישראל!״

מ׳האָט שלמה מולכו פאַרברענט (אויפן צוויי און דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן) אויפן שייטערהויפן אין די אויגן פון אַן אומגעהייערן המון צושויער אין אלול ה׳רצ״ב אָדער אין תשרי ה׳רצ״ג (1532).

יידן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז שלמה מולכו איז פאַרברענט געוואָרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַזאַ קדוש עליון ווי שלמה מולכו קען ניט פאַרברענט ווערן, אַז ער איז דורך חכמת הקבלה ניצול געוואָרן פון פייער, ווי אברהם אבינו און ווי חנניה, מישאל ועזריה. פאַרברענט געוואָרן איז אַן אַנדערער, — שלמה מולכו אָבער לעבט. ער איז נאָר אַוועק קיין צפת מקדשזיין זיין כלה און וועט נאָך קומען און באַפרייען זיין פאָלק און די וועלט.

דענסטמאָל איז אויפגעשטאַנען דער מקובל ר׳ יוסף אַרלאָ פון איטאַליע און האָט נביאות געזאָגט, אַז דער מלך (מולכו) וועט נאָך אויפשטיין פון זיין קבר און נקמה נעמען פון זיינע ריכטער פאַר די קדושים פון ישראל; אַז אויך „מאַרטין״ (לוטער) וועט זיין איינער פון די שלוחים פון נקמה; אַז די האָפענונג פון ישראל בלייבט פעסט ווי געווען, אַז די גאולה מוז און וועט קומען, כאָטש דער שטן וויל זי ניט דערלאָזן.

שלמה מולכו איז געווען די שטראַלנדיקסטע פּאָעטישסטע פערזענלעכקייט, וואָס האָט געלעבט ווי אַ נביא און געשטאָרבן ווי אַ קדוש, — דאָס איז געווען דער ליכטיקסטער און שענסטער פון די משיחים, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען ביים יידישן פאָלק.

דוד הראובני האָט קאָרל ניט געקענט לאָזן פאַרברענען, ווייל ער איז געווען אַ אונטערטאַן פון אַ פרעמדער מלוכה, און

לויטן סטאַטוט פון דער אינקוויזיציע, האָט זי קיין שליטה ניט געהאַט אויף אויסלענדער, — האָט מען אים אויפן קיסרס באַפעל אָפּגעשיקט קיין שפּאַניע אין לאָרענאַ, וואו מ׳האָט אים געפּייניקט אין די קאַזאַמעטן פון דער אינקוויזיציע, בכדי צו צווינגען אים צו שמד. נאָכדעם האָט מען אים אויף דער פאָדערונג פון דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג אַריבערגעפירט קיין עוואָראַ אין פּאָרטוגאַל, וואו מ׳האָט אים מיטן זעלביקן צוועק יאָרן־לאַנג ווידער מיט די גרעסטע אכזריות געפּייניקט, און סוף כל סוף, אין יאָר 1541, ניט געקוקט אפילו אויפן אייגענעם אינקוויזיציאָנעלן געזעץ, האָט מען אים פאַרברענט (אויפן עטלעכע און פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן) אויפן אויטאָ־דאַ־פע 1), — אויך אים, דעם וואונדערלעכן דוד הראובני, וואָס אין אים האָט, ווי אין זיין חבר און פריינד ר׳ שלמה מולכו, געברענט אַ הייליק פייער פון ליבע צו אמת, גערעכטיקייט און פרייהייט; וואָס איז, פונקט ווי מולכו, געבליבן געטריי זיך און זיין אידעאַל ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן.

די דאָזיקע צוויי העראָאישסטע פערזענלעכקייטן און הייליקע מאַרטירער, וואָס האָבן פאַר זיך ניט פאַרלאַנגט קיין שום באַלוינונג און האָבן געחלומט בלויז וועגן דעם „תיקון" פון דער וועלט, האָבן אָנגעצונדן אַ פאַקעל פון אַ ליכטיקן אידעאַל פון דער העכסטער דערהויבנקייט פון מענטשלעכער נשמה — פון מסירות־נפש פאַרן משיחישן „באחרית הימים", פאַר אמתער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט און פרייהייט, — אַ פאַקעל, וואָס וועט אייביק ברענען און לייכטן פאַר זייער פאָלק און דורך אים פאַר דער גאַנצער בלאָנדזשענדיקער מענטשהייט.

א. י. גאָלדשמידט.

ווילנע, כ״ט אב תרפ״ו — 9 אווג. 1926.

---

1) גרעץ האַלט, אַז דוד הראובני איז אומגעקומען אין אַ קאַזאַמעט פון דער אינקוויזיציע, וואו מ׳האָט אים נאָך אַלע עינויים פאַרסמט, אָבער קאַיזערלינג דערווייזט מיט ראיות ברורות, אַז נאָך אַלע עינויים, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן און וואָס האָבן ניט געבראַכט צום „געווינטשטן" רעזולטאַט, האָט מען אים פאַרברענט אויפן אויטאָ־דאַ־פע אין עוואָראַ אין יאָר ש״א (1541).

א. דער אָנהייב פון דער נסיעה.

איך בין דוד, דער זון פון קיניג שלמה זצ״ל, און מיין ברודער דער קיניג יוסף איז עלטער פון מיר, און ער זיצט אויף זיין קיניגלעכן טראָן אין מדבר־חבור 1) און קיניגט איבער דריי הונדערט טויזנט אנשי חיל — איבער די בני גד און בני ראובן און האַלבן שבט מנשה. איך האָב אָפּגערייזט פון דעם זיצאָרט פון מיין ברודער דעם מלך און פון זיינע יועצים, די זיבעציק זקנים, און זיי האָבן מיר באַפוילן צוערשט גיין קיין רוים צום פויפסט ירום הודו. און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון פאַר זיי פונם מדבר חבור אין וועג אַריין צען טעג רייזע צום באַרג, ביז

1) חבור — חאַיבאַר — כאַיבאַר, אַ לאַנד אין מיטלסטן טייל פון אַראַבישן האַלבאינזל. אין VI און VII יר״ה געווען דאָרטן אַ מעכטיקע אומאָפּהענגיקע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געשטאַמט, לויט אַ לעגענדע, פון די בני יונדב בן רכב. מחמדן איז אויסגעקומען צו פירן מיט איר לאַנגע און בלוטיקע מלחמות. דער תיקון־טעות: אַנשטאָט חבור — תבור־טאַבאָר, וואָס עס מאַכט דער מלומד ה׳ אברהם כהנא, איז ניט גאָר זיכער: אויסער דעם באַרג תבור (טאַבאָר) אין א״י, און דער שטאָט טאַבאָר אין סאַמע באַזעצטן אָרט אין מזרח־אַפריקע, איז אין טרגעץ לחלוטין ניט באַקאַנט אַפילו קיין לעגענדאַרישער מדבר־תבור. אַלץ ביי דוד ראיבני ווייזט בלויז אויף כאַיבאַר, וואָס איז געלעגן אויף די זעלביקע פּאַראַלעלע ליניעס, ווי דאָס לאַנד כוש (עטיאָפּיע — נוביע), וואוהין ער איז צוערשט פון „זיין ברודערס מלוכה״ אַריבער דורכן ים־סוף. בנוגע דער טראַנסקריפּציאָנעלער ניט־בינדלעכקייט פון חבור — כאַיבאַר קען מען אויך לייכט איינוועגדן: דאָ גייט ניט אין איבערזעצן פון העברעיש אויף אַראַביש און פאַרקערט, נאָר אין טראַדיציאָנעלער פאַרשטעלונג און היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון געאָגראַפישע און אַנדערע נעמען. איבעראַשנדיקע אומוואַנדלונגען פון קאָנסאָנאַנטן און וואָקאַלן, אַפילו „היפוכי אותיות״ זיינען אַ גאַנץ געוויינלעכע און שטענדיקע ערשיינונג. די אָפיציעלע פילאָלאָגיע איז דאָ אָפט אָנמעכטיק. ווי האָט, למשל, געקענט פילאָלאָגיש פאַרוואַנדלט ווערן אבן־גבירול אין אַבוציברון? בכל אופן איז די פראַגע נאָך אָפן.

איך האָב דערגרייכט דעם פּאָרט דזשידאַ [1], און דאָרטן בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ גרויסער מחלה. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ חולה פינף וואָכן צייט, זיך בלוט געלאָזן און געשלאָגן מיין גאַנץ לייב מיט פייער, בכדי זיך אויסצוהיילן אין דזשידאַ, ביז איך האָב דערהערט, אַז אַ שיף גייט קיין לאַנד כוש. איך בין נאָך אַלץ געלעגן אַ חולה אויפן בעט, און איך האָב גערופן צו זיך דעם בעל-הבית פון שיף. און ביי מיר איז אַ קנעכט פאַרהאַן אַן אַלטער, אַ טויבער און אַ שטומער, און ער פלעגט באַדינען מיר און קאָכן און צוגרייטן אַלע מיינע שפייזן און השגחה געבן איבער די כלים, — אַ ממונה איבער אַלץ, וואָס מיר איז נייטיק געווען. און איך בין מיטן עולם אַריין אין יענער שיף אין ים-סוף, און איך בין פאַרנדיק נאָך אַלץ געווען קראַנק. מיטן ים-סוף זיינען מיר געגאַנגען דריי טעג און דריי נעכט, און אויפן פערטן טאָג זיינען מיר אַריינגעקומען אין דער מדינה צ ו אַ ק י ן [2], אין לאַנד כוש. דענסטמאָל האָב איך אין יענער מדינה גענומען אַ דירה, געשטאַנען דאָרטן צוויי חדשים, זיך בלוט געלאָזט אין יענע לענדער, צווישן דזשידאַ און צואַקין, מער ווי פופציק ליטרות, און געשלאָגן אין מיין לייב, אין מיין גאַנצן גוף און אין מיין פנים מיט פייער מער ווי הונדערט מכות.

דערנאָך האָב איך באַגעגנט אַ סך סוחרים, וואָס גייען אין וועג קיין ע ש ה [3] אין לאַנד כוש אין מלכות ש ב א [4], און איך האָב גערופן צום גרעסטן פון זיי, און ער איז געווען איינער פון די זין פונם נביא פון די ישמעאלים, און זיין נאָמען איז געווען עומר אַבו-קאַמיל. איך האָב גענומען צוויי קעמלען צו גיין מיט זיי און איך האָב צוזאַמען מיט מיין דינער מיט אַלע מיינע כלים געצויגן

1) אויפן אַראַבישן ברעג פון ים-סוף, אויפן וועג קיין מעקאַ.

2) אַ האַפן אויפן נובישן ברעג פון ים-סוף.

3) אַן אומבאַקאַנטער אָרט.

4) ש ב א — אַבעסיניע. בילדעט צוזאַמען מיט עטיאָפּיע—נוביע אַ גרויסע מלוכה, וואָס באַשטייט פון אַן אומצייליקע צאָל פעלקערלעך און שבטימלעך מיט אייגענע קיניגלעך און פירשטלעך.

פון צואַקין, און מיר זיינען געגאַנגען מיט אים (מיט אַבו=קאַמילן) און מיט אַן עם רב סוחרים אויף העכער דריי טויזנט קעמלען.

איך האָב זיך געבעסערט און געזונט מיט יעדן טאָג און בין געגאַנגען דורך גרויסע מדבריות און וועלדער, וואו עס זיינען געווען גוטע גראָזן און בוימער אַ סך און גוטע פּאַשע און בערג און טייכן, — אַ מהלך פון צוויי חדשים, ביז מיר האָבן דערגרייכט צום הויפּט=אָרט פון מלכות כוש. און דער נאָמען פונם מלך איז געווען עמרה, וואָס רוט ביים טייך נילוס, און ער איז אַ שוואַר=צער קיניג און ער רעגירט איבער די שוואַרצע און איבער די ווייסע, און דער טייך, וואָס ער קיניגט איבער אים, איז דער טייך פון מצרים, און די מלוכה איז מלכות שבא. און איך בין געגאַנגען דורך זיין גאַנצער מלוכה און האָב זיך אָפּגעשטעלט אינם קיניגס אַ מדינה אויפן העכסטן אָרט פון נילוס, און דער נאָמען פון דער מדינה איז למאול[1]. און איך בין געשטאַנען מיטן מלך צען חדשים, און אַבו=קאַמיל איז געשטאַנען פאַר מיר. און דער דאָזיקער מלך איז יעדן חודש געגאַנגען איבער די לענ=דער פון צוג צו צוג, און איך בין געגאַנגען מיטן קיניג; און איך האָב געהאַט משרתים פונם נביאס זין, וואָס העכער זעכציק מאַן פון זיי רייטן אויף פערד און גיבן מיר אָפּ גרויס כבוד, און דער גרעסטער פון זיי איז אַבו=קאַמיל.

און אין דער גאַנצער צייט פון מיין פאַרברענגען אין לאַנד כוש צוזאַמען מיטן מלך האָב איך געפּייניקט מיין גוף יעדן טאָג ביי מיין זיצן און ביי מיין אויפשטיין און מתפלל געווען יומם ולילה. איך האָב זיך געשראָקן און געפאָרכטן, כ׳פלעג ניט פאַר=ברענגען אין אַן אָרט פון לצים און ניט אין אַ סביבה פון געלעכ=טער, נייערט כ׳פלעג גיין אין גלייכן וועג פונם קיניגס הויז ביז מיין וואוינונג. און בעת איטלעכן צוג פלעגט מען מיר צוגרייטן אַ הילצערנע דירה נאָענט פונם מלכס הויז.

דער דאָזיקער מלך האָט געהאַט אַ סך קנעכט — ניט אויס=צוציילן. און צווישן די דאָזיקע קנעכט זיינען געווען קרינס=האָרן

---

1) ביים פינפטן וואַסער-פאַל פון נילוס.

און שררות איבער די מדינות פון זיין מלוכה און שרים פון געריכט, און ווער עס פלעגט זיך פאַרזינדיקן מיט אַ קליינעם אָדער מיט אַ גרויסן חטא — פלעגט באַקומען טויט-שטראָף. און יעדן טאָג פלעגט מען דורכפירן משפטים.—אויך פאַרמאָגט דער דאָזיקער מלך פערד אַ סך און האַרן רייטן אויף זיי, און עס זיינען פאַראַן ביי אים שיינע קעמלען און רינדער און שאָף אַ סך, ניט אויסצוציילן, אויך גאָלד-זאַמדן, און שררות גייען פאָראויס פאַר אים צו בויען הייזער פון האָלץ פאַרן קיניג און פאַר אַלע זיינע האַרן און קנעכט. און ווען מיר פלעגן קומען צום אָרט פון די בנינים, פלעגן מיר געפינען אַלץ איינגעאָרדנט אין אַלע צוגן, ווי אינם ערשטן אַזוי אינם לעצטן. נאָכדעם אָבער ווי מ׳פלעגט אָפּרייזן פון דעם אָרט, פלעגט מען פאַרברענען אַלע הייזער אין פייער. און אין יענעם לאַנד זיינען דאָ גראָזן און ביימער, מדבריות און בערג. און ביי דעם דאָזיקן קיניג, וואָס איך בין ביי אים, זיינען פאַראַן שפחות און שקלאַפן, און ס׳רוב פון זיי זיינען נאַקעט. און די קיניגין און די קעבסווייבער, און די האַרינטעס און די שפחות, וואָס באַדינען איר, טראָגן דאָרטן פיר גאָלדענע אָרימבענדער: צוויי גרויסע אויף די הענט, אויף די אָרימס, און צוויי אויף די פיס. זיי באַדעקן זייער שאַנד מיט אַ קייט אַ גאָלדענער, מיט דער האַנט געמאַכט, אַן אייל די ברייט, אויף די היפטן אַרום און אַרום, און עס איז פאַרשלאָסן פון פאָר זיי און פון הינטער זיי, און דער גאַנצער גוף איז נאַקעט און הויל. און אַלע פרויען טראָגן אין זייערע נעזער גילדערנע נאָזבאַנדן. און אָט אַזוי ציען זיי און גייען מיטן קיניג. און אַפילו ווען עס קומט אַ רעגן, זיצן זיי אונטערן רעגן נאַקעטע, זיי און זייער פיך, און אָט אַזוי שלאָפן זיי אויף דער ערד, און זיי האָבן ניט קיין הייזער. און איטלעכער פון זיי, די זכרים און די נקבות, לייגן פונאַנדער אַ פייער פאַר זיך און הינטער זיך, כדי אָנצוואַרעמען זייער לייב. און זיי עסן פלייש פון העלפאַנדן און וועלף, פון טיגערס, הינט, קעמלען, מייז, פרעש, שלאַנגען, אויך מענטשן-פלייש.

און דער מלך פלעגט מיך רופן יעדן טאָג צו זיך און האָט איינמאָל געזאָגט צו מיר:

— וואָס באַגערסטו פון מיר, אונזער האַר — זון פון נביא? אויב דו באַגערסט קנעכט, קעמלען אָדער פערד, — נעם זיך דיר.

און איך האָב געענטפערט:

— איך באַגער פון דיר, הוד מלכות, קיין שום זאַך ניט, נאָר היות איך האָב געהערט וועגן דיין גרויס געאַכפּערטקייט, האָב איך דיר געבראַכט די דאָזיקע מתנה מיט ליבשאַפט און מיט רצון פונם האַרצן, און איך גיב דיר אַ בגד פון זיידנס און זיבן הונדערט דוקאַטן — גאָלד=פלאָרין, און איך פאַרלאַנג פון דיר ניט קיין שום זאַך.

אויך האָב איך געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב, הוד מלכות, און איך גיב דיר מיין ברכה און די ברכה פון מיינע אבות, און די ברכה פון דעם נביא מחמד; איך גיב דיר סליחה ומחילה, און אַ חזקה און אַן אַרב אין גן=עדן, דיר און דיינע זין און דיינע טעכטער און אַלע דיינע בני=בית, און דו זאָלסט קומען דעם אַנדער יאָר קיין מעקאַ, דעם אָרט, וואו עס ווערן פאַרגעבן די עוונות.

נאָכדעם האָט דער קיניג געשיקט צו מיר אין שטוב פיר שפחות, בתולות, און פיר קנעכט, אַלע נאַקעטע, און דער שליח האָט צו מיר געזאָגט:

— אונזער האַר דער קיניג שיקט דיר שלום טויזנטפאַך, און נעם פון אים אָט די קנעכט און דינסטן — אַ מתנה אַ געשיקטע צו מיין האַרן.

און ער האָט איבערגעלאָזן די דינערשאַפט ביי מיר אין הויז און איז אַוועק זיין וועג.

איך בין געשטאַנען אין מיין הויז און די אַכט — פאַר מיר, אָדם=נאַקעט. און איך האָב געגעבן יעדערן פון זיי אַ קלייד צו באַדעקן זייער שאַנד. אין דער דאָזיקער נאַכט האָט דער יצר=הרע זיך געשטעלט ביי מיין רעכטער האַנט מיר צו אַ שטן מיט אַ שיינער יונגפרוי פון יענע שפחות און איך האָב אַרויפגעבראַכט זי אויף מיין בעט. באַלד אָבער האָט זיך איבער מיר געשטאַרקט דער יצר=טוב און האָט צו מיר געזאָגט: „זע — פונוואַנען ביסטו געקומען און וואוהין גייסטו? און וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה,

וואָס דו ווילסט טאָן? השם יתברך באַווייליקט ניט די דאָזיקע שלעכטע זאַך. דערמאָן זיך אָן דעם באַשעפער דיינעם — און ער וועט דיך געדענקען. ווערסטו אָבער זינדיקן אין אָט דער נאַכט, וועט גאָט שיקן צו דיר די שונאים דיינע און זיי וועלן דיך אַראָפּ־וואַרפן גאַנץ אין דער נידער. דו טאָרסט ניט אַוועקגיין פון דער מצווה פון דער דאָזיקער!״

געלויבט זאָל זיין דער בורא, וואָס האָט מיך מציל געווען פון דער דאָזיקער עבירה! איך האָב מתפלל געווען און געוויינט און געבעטן ביי אים רחמים די נאַכט די גאַנצע אויף מיין בעט און ניט געשלאָפן ביז אינדערפרי. און אַז עס איז געקומען דער ליכטיקער פרימאָרגן, האָב איך גענומען די גאַנצע דינערשאַפט און בין מיט זיי געגאַנגען צו דער קיניגין און געזאָגט צו איר:

— דער מלך האָט מיר געגעבן די דאָזיקע דינערשאַפט פאַר אַ מתנה, און איך גיב זיי איצט דיר מיט ליבשאַפט און מיט רצון פונם האַרצן. און איך באַגער פון דיר ניט קיין שום זאַך. איך גיב דיר פאַרגעבונג און פאַרצייאונג און אַן אַרב אַ גוטע אין גן־עדן.

און אַז דער קיניג האָט דערהערט די דאָזיקע זאַך, האָט ער זיך אָפּגערופן און געזאָגט צו מיר:

— פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגענומען די מתנה?

און איך האָב אים געענטפערט:

— פון דיר האָב איך זי אָנגענומען, און נאָכדעם האָב איך זי אַוועקגעגעבן דער קיניגין מיט ליבשאַפט און מיט גוטן ווילן.

דענסטמאָל האָט דער מלך מיר אָנגעטאָן זייער גרויס כבוד. אויך די זין פונם נביא, וואָס רוען אין לאַנד כוש, און דעם גרעסטן פון זיי, אַבו־קאַמילן, האָט דער קיניג אָנגעטאָן גרויס כבוד פונ־וועגן דער ליבשאַפט מיינער, און אַזוי אויך צו אַלע זיינע משרתים. און דער קיניג און אַלע דינער זיינע האָבן מיך ליב און אַכטן מיך, האַלטן פון מיר ווי פון אַ מלאך אלהים און פאָרכטן זיך פאַר מיר. און איך ריכט אָפּ אַלע טאָג תעניתים און בין מתפלל יומם ולילה, און איך האָב ניט מרבה בדברים געווען פאַר זיי, און אויב זיי פלעגן ריידן מיט מיר, פלעג איך זיי ענטפערן בלויז מיט האַלבע ווער־

טער. און ווען איך פלעג רייטן אויף מיין פערד און גיין אין וועג פאַרן קיניג, פלעגט דער קיניג באַפעלן די קנעכט זיינע, וואָס זיצן אין דער ערשטער ריי פאַר אים אין דער מלוכה, זיי זאָלן גיין מיט מיר אין יעדן וועג, וואוהין איך גיי.

נאָך דידאָזיקע געשעענישן איז געקומען אַ ישמעאלי פון מדינת מעקאַ און האָט פאַרקערט אין הויז פון אַבו-קאַמיל. און אַבו-קאַמיל איז צו מיר געקומען און געזאָגט:

— דו ווייסט געוויס, אַז די טעג איז צו אונז געקומען אַ דריטער חבר פון דעם נביאס זין פון מעקאַ, — בכן וועלן מיר דריי, איך און דו און ער, זיין אין איין חברותא און מיר וועלן זיין צוזאַמען ווי ברידער, און מיר גיבן דיר אַ שבועה, אַז מיר וועלן ניט לייקענען פון דיר קיין שום זאַך און ניט פאַרפעלן דיינע רייד; וואָס דו וועסט באַפעלן, וועלן מיר מקיים זיין און מיר וועלן ניט אָפּטרעטן ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס און זיין צו דיר ווי זין!

נאָכדעם איז צו מיר געקומען דערדאָזיקער אויסוואורף דער ישמעאלי צוזאַמען מיט אַבו-קאַמילן און זיי האָבן צו מיר געשוואָרן ביי זייער בוך, אַז זיי אַכפּערן מיך און זיי וועלן קיין שום זאַך ניט זאָגן פאַרן קיניג אָן מיין דערלויבעניש. דענסטמאָל האָב איך געפרעגט דעם דאָזיקן מנוול:

— צו וואָס ביסטו געקומען אַהער אין לאַנד און וואָס פאַרלאַנגסטו פון דעם קיניג?

און ער האָט מיר געענטפערט:

— איך בין געקומען פון מעקאַ און איך האָב אַ בוך פון נביאס הויז, און איך וויל עס געבן דעם קיניג במתנה און געבן אים אַ חזקה אין גן-עדן, אויך אַ סליחה ומחילה אויף די זינד, און נאָכדעם בעטן ביי אים גאָלד און קנעכט און קעמלען.

דערויף האָב איך געוואָרנט דעם דאָזיקן שעדלעכן אויסוואורף:

— זאָלסט ניט בעטן ביים קיניג דידאָזיקע זאַך, דען דאָס איז פאַר אונז אַ חרפּה.

איז דער רשע צוגעשטאַנען:

—איך בעט דיך, קום דו און אַבו־קאַמיל מיט מיר צום קי־ניג. איך וועל פאַרלייענען פאַר אים דאָס בוך און איר וועט ריידן גוטס אויף מיר און זאָגן דעם קיניג, אַז „דאָס בוך איז טייערער פון טויזנט פלאָרין און שטאַמט פון נביאס הויז, און ער וועט דיר געבן אַ חזקה אין גן־עדן און וועט באַגליקן דיין מלוכה און פאַרגעבן אַלע דיינע זינד“, — און איך בעט ביי אייך, איר זאָלט טאָן מיט מיר דעם חסד צו ריידן מיטן קיניג לטובת מיר די דאָזיקע רייד.

דענסטמאָל בין איך און צבו־קאַמיל געגאַנגען מיט אים צום קיניג, און דער פאַרדאָרבענער מאַן האָט אַרויסגענומען יענעם פאַלשן בוך פאַרן קיניג און זיינע האַרן און עס פאָרגעלייענט.

און דער קיניג האָט געפרעגט מיך און אַבו־קאַמילן:

— קענט איר אָט דעם מאַן?

האָבן מיר געענטפערט:

— ער איז אונזערער אַ קרוב, פון דעם נביאס זין, און אָט דאָס בוך איז פון דעם נביאס הויז, פון די וואָס היטן זיין קבר, און עס איז פאַר דיר אַ גרויסע מצוה, און דו זאָלסט עס היטן אין דיין הויז און עס וועט באַגליקן דיין מלוכה און עס וועט זיין צו דיר אַ פאַרגעבונג אויף אַלע דיינע חטאים, דען עס איז טייערער פון טויזנט דינרים גאָלד.

און נאָכדעם האָט דער קיניג געזאָגט צו זיינע קנעכט:

— גיט דעם מאַן פונם בוך דרייסיק קעמלען און איין פערד.

און אַזוי האָט מען געטאָן, מ'האָט עס אים געגעבן.

נאָך די דאָזיקע רייד איז דער־דאָזיקער פאַרשאָלטענער אַוועק געהיים צום קיניג און האָט מיך פאַר אים געמסרט און געזאָגט:

— דער דאָזיקער מאַן, וואָס דו גלויבסט אין אים, איז ניט פון נביאס זין, נייערט ער איז אַ ייד פון מדבר־חבור.

און עס איז געווען, ווי דער קיניג האָט דערהערט די דאָזיקע זאַך, האָט ער געשיקט נאָך אַבו־קאַמילן, האָט אים דערציילט דעם מוסרס רייד און צו אים אַזוי געזאָגט:

— וואָס וועסטו זאָגן וועגן דער דאָזיקער זאַך, וואָס עס האָט מיר דערציילט דיין נייער קרוב, וואָס דו האָסט אים גע־

בראַכט פאַר מיר און וואָס האָט מיר אָט דאָס בוך נעגעבן? דו קענסט דאָך זיי ביידן!

דערויף האָט אַבו-קאַמיל געענטפערט:

— איך קען ניט נישט דעם און ניט יענעם. נאָר איך האָב געזען, אַז אָט דער ערשטער איז אַ חשובער מאַן און אַ עניו און פאַסט טעגלעך תעניתים, איז אַ ירא-שמים און גייט ניט נאָך געלעכטער און נאָך ווייבער און האָט ניט ליב קיין געלט; דער לעצטער אָבער האָט האָלט גאָלד און זילבער און טוט אַ סך שלעכטע מעשים און רעדט אַ סך.

און דער קיניג האָט געזאָגט:

— ריכטיק זיינען דיינע רייד.

און אַבו-קאַמיל איז אַרויס פון פאַרן קיניג און האָט מיר דערציילט יענע אַלע רייד. נאָכדעם האָט דערהערט די קיניגין, וואָס איך האָב איר אָפּגעגעבן די דינערשאַפט, דעם מוסרס רייד און האָט געשיקט מיך רופן און צו מיר אַזוי געזאָגט:

— דו זאָלסט מער ניט זיצן אין אָט דעם לאַנד, דען דער דאָזיקער נייער קרוב דיינער, וואָס איז געקומען פון מעקאַ, האָט פאַרן קיניג דיך פאַרמסרט מיט אומווערדיקע רייד און זיך בּאַראָטן מיט אַ סך מענטשן וועגן אויספועלן ביים קיניג צו דערמאָרדן דיך.

און איך האָב צו איר געזאָגט:

— און ווי וועל איך קענען אַוועקגיין אָן דער דערלויבע-ניש פון קיניג?

האָט די מלכּה מיר געענטפערט:

— דער מלך וועט קומען די נאַכט צו מיר אין הויז, — וועל איך שיקן נאָך דיר און דו וועסט קומען צו מיר און צום קיניג און וועסט בעטן דערלויבעניש ביי אים. איך וועל דיר זיין צו הילף, און דו וועסט מאָרגן גיין דיין וועג בשלום און וועסט מיך דערמאָנען צום גוטן אַלע טעג פון דיין לעבן.

און עס איז געווען אין יענער נאַכט נאָך דער דריטער שעה, האָט די קיניגין געשיקט נאָך מיר און איך בין געקומען צום קיניג. קיינער איז ביים קיניג ניט געווען, נייערט ער און זיין ווייב, און איך האָב צו אים געזאָגט:

-- מה פשעי ומה חטאתי? איך בין דאָך געקומען צו דיר מיט אַ מתנה מיט ליבשאַפט און מיט רצון פונם האַרצן, און איך האָב ניט געוואָלט מקבל זיין פון דיר ניט קיין זילבער און ניט קיין גאָלד, ניט קיין קנעכט און ניט קיין דינסטן. דו ביסט דאָך אָבער אַ מלך אַ קליגערער און אַ פאַרנינפטיקערער פון אַלע מענטשנ־קינדער. און אָט דער אויסוואורף, וואָס האָט מיך פאַר דיר פאַרמסרט, האָט האָלט גאָלד און זילבער, און ער האָט דיר געגעבן בלויז אַ בוך, וואָס מיר ווייסן ניט, צי איז דאָס בוך אמת אָדער שקר. און אָט דער פאַלשער מאַן איז תחילת געקומען צו מיר, בעת איך און אַבו־קאַמיל זיינען געשטאַנען אין מיין הויז, און איך האָב גערופן אים און צו אים גערעדט:—„צו וואָס ביסטו געקומען צום קיניג און וואָס פאַרלאַנגסטו פון אים?“ — און ער האָט מיר געענטפערט: „ווייל איך האָב געהערט, אַז דו ביסט ביים קיניג דער חשובסטער פון מענטשן און דיינע רייד ווערן ביי אים דערהערט און דערפילט און ער טוט דיר אָן גרויס כבוד, און ווייל איך האָב געהערט, אַז ער האָט דיר געגעבן קנעכט און פערד און קעמלען און דו האָסט זיי ניט אָנגענומען, — בעט איך דיך, דו זאָלסט אָננעמען פון קיניג אַלץ, וואָס ער וועט דיר געבן, און דו זאָלסט עס נאָכדעם אָפּגעבן מיר, דען איך בין דיר אַ נאָענטער און פון דיין משפחה“.—איך האָב אָבער ניט געוואָלט טאָן די דאָזיקע זאַך און צוהערן זיין שטים. און נון — דו ביסט אַ קיניג, און עס פעלט דיר ניט קיין זאַך, ווי דעם ים הגדול, און אויב עס וועט קומען צו דיר אַ צדיק און דו וועסט אים דערקלערן פאַר שולדיק, וועט דאָס זיין אַ היזק פאַר דיין קיניגרייך און פאַר דיין אוצר; אויב אָבער עס וועט קומען צו דיר אַ רשע און דו וועסט אים באַשטראָפן על־פי דין, וועט גאָט גרויס מאַכן דיין קיניגרייך, דען דער משפט געהערט צו גאָט און צו די מלכים. און נון איך בין געשטאַנען ביי דיר צען חדשים, בכן רוף אַלע משרתים און אַלע האַרן דיינע און זאָלן זיי זאָגן, אויב זיי האָבן אין מיר געפונען אַ גרויסן אָדער אַ קליינעם חטא אָדער עפּעס אַ שענדלעכע זאַך. על־כן זאָלסט מיט דיין גענאָד פון גרויסן גאָט וועגן געבן מיר רשות און איך וועל גיין מיין וועג און וועל מתפלל זיין פאַר דיר און בענטשן דיך.

דערנאָך האָט גערעדט צו אים די מלכה און געזאָגט:

— גיב רשות דעם דאָזיקן מענטשן און זאָל ער גיין זיין וועג, דען ער איז אַ בכבודיקער און אַ באַגלויבטער מאַן און ער האָט ביי אונז פֿאַרבראַכט צען חדשים און מיר האָבן אין אים קיין פֿעלער ניט געפֿונען, נייערט בלויז גוטס.

און דער מלך האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו מיר:

— וואָס ווילסטו, — קנעכט, קעמלען אָדער פֿערד, — נעם זיך דיר און גיי בשלום!

און איך האָב געזאָגט צום קיניג:

— איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר ניט קיין שום זאַך, נייערט גיב מיר רשות אַוועקצוגיין מאָרגן כעלות, דען איך ווייס, אַז שונאים־רשעים שטייען מיר כנגד. לכן זאָל וואוילגעפֿעלן זיין אין דיינע אויגן צו שיקן מיט מיר איינעם אַ נכבד פֿון דיינע קנעכט און ער זאָל גיין צום אָרט פֿון דעם שר, וואָס איז ממונה איבער גאָר דיין פֿאַרמעגן און איבער אַלע אוצרות דיינע.

דענסטמאָל האָט דער קיניג גערופֿן איינעם פֿון זיינע קנעכט, האָט אים באַפֿוילן גיין מיט מיר און געגעבן אונז צוויי פֿערד, און דער קיניג האָט באַפֿוילן דעם שליח צו זאָגן דעם שר זעובדיה, וואָס שטייט אינם אָרט האַל, ער זאָל מיך פֿירן צו אַבוקאַמילן.

נאָכדעם האָב איך אָפּגערייזט אינדערפֿרי פֿון למאול צודאַמען מיט מיין אַלטן חבר און מיטן מלכס דינער פֿונם קיניגלעכן אָרט, וואָס אין אויבנאָן פֿון נילוס, און מיר זיינען דורכגעגאַנגען ווערך פֿיל טייכן. דאָרטן איז געווען אַ פּיטער־אָרט פֿאַר העלפֿאַנדן, דען עס זיינען אַ סך העלפֿאַנדן פֿאַרהאַן אין אָט דעם אָרט, און אַ טייך איז דאָרטן דאָ אַ זומפּיקער, וואָס פֿערד זינקען דאָרט איין ביזן בויך אין ליים און אַ סך מענטשן און פֿערד זיינען אין דעם דאָזיקן אָרט איינגעזונקען געוואָרן און אומגעקומען. מיר זיינען איבער דעם דאָזיקן טייך אַריבער רייטנדיק אויף פֿערד, און געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס האָט אונז מציל געווען פֿון דער סכנה, — אמן!

מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ מהלך פון אַכט טעג ביז מיר האָבן דערגרייכט די שטאָט סינאַר[1]), וואו ס'האָט זיך געפונען דער האַר עובדיה פונם אָרט האל. דער קיניגלעכער שליח, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, האָט אים גערופן, איבערגעגעבן אים דעם קיניגס באַפעל און געזאָגט צו אים: „זאָלסט אַריבערפירן דעם דאָזיקן האַרן אונזערן צו אַבו־קאַמילן אין זיין מדינה שבא ביים טייך נילום".

נאָכדעם האָט מיך גערופן עובדיה דער שר פון האל און געזאָגט צו מיר:

— וואָס באַגערסטו, אונזער האַר? אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסן, וועל איך טאָן און דיר געבן מיט ליבשאַפט און מיט גוטן ווילן.

דערויף האָב איך געענטפערט און געזאָגט צו אים:

— איך באַגער פון דיר קיין זאַך ניט, נייערט זאָלסט פאַר מיין געלט קויפן פאַר מיר דריי שיינע קעמלען און צוויי רינדפעלן צו טראָגן דאָס וואַסער אויפן קעמל.

און ער האָט מיר געגעבן אַ קנעכט, וואָס זאָל גיין מיט מיר צו אַבו־קאַמילן. און אינדערפרי האָב איך און מיין קנעכט און דער שליח אָפּגערייזט פון סינאַר, געגאַנגען פון צוג צו צוג פינף טעג מיטן טייך נילום, ביז איך האָב אָנגעשלאָגן קיין מדינת שבא. זי איז חרוב און וויסט, נאָר זיי האָבן דאָרט הילצערנע הייזער. און עס איז געקומען צו מיר אַבו־קאַמיל און האָט געזאָגט צו מיר:

— ווי ביסטו עס געקומען פונם קיניג און ער האָט דיר ניט געגעבן קיין באַדינער איך וויים, אַז דער קיניג האָט דיך ליב און אַכט דיך און דו ביסט געקומען און האָסט ניט גענומען פונם קיניג קיין שום זאַך. לכן זאָלסטו זיצן אין מיין הויז און איך וועל אויפגיין צו דעם קיניג און בעטן אים פאַר דיר.

און איך האָב געזאָגט צו אַבו־קאַמילן:

— איך וועל טאָן אַזוי.

---

1) סענאַאַר אָדער סאַנאַר, אַ גרויסע שטאָט אין נוביע אויפן ברעג פונם בלויען נילום.

אין יענער נאַכט האָב איך געשלאָפן אין הויז פון אַבו־קאַמיל. און איך האָב געזען אַ חלום און נון — מיין פאָטער ע"ה איז געקומען און שטייט פאַר מיר. איך האָב אים דערקענט און געזאָגט צו אים:

— דיין געשטאַלט איז ווי די געשטאַלט פון מיין פאָטער.

און ער האָט מיר געענטפערט:

— יאָ, איך בין דיין פאָטער.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— צו וואָס ביסטו געקומען אין ס'דאָזיקע ווייטע לאַנד?

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך בין געקומען פונוועגן מיין ליבשאַפט צו דיר און בכדי צו זיין דיר צו הילף. צוליב וואָס אָבער זיצטו אין דעם דאָזיקן אָרט?

האָב איך אים דערקלערט:

— מיין פאָטער, מיין האַר! אַבו־קאַמיל האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט גיין צום קיניג און אַז ער וועט צוריקקערן צו מיר,— בכן וואַרט איך ביז ער וועט צוריקקערן.

דערויף האָט מיין פאָטער מיר געזאָגט אין חלום:

— אויב דו וועסט אַוועקגיין מאָרגן, וועסטו קומען בשלום און עס וועט צו דיר קיין ניט בייז קומען, און דו וועסט גיין אין גאָטס געבאָט; וועסטו זיך אָבער פאַרהאַלטן ביז אַבו־קאַמילס צוריקקער, איז זיי וויסן, אַז דו וועסט שטאַרבן. לכן גיי אַוועק פון דאַנען מאָרגן על־כל־פנים און פאַרהאַלט זיך ניט!

נאָכדעם האָב איך אויפגעוואַכט פון מיין שלאָף, נאָך האַלבער נאַכט, און איך בין געגאַנגען צו אַבו־קאַמילן, אים אויפגעוועקט פון שלאָף און געזאָגט צו אים:

— לאָז מיך פאָרן מאָרגן בכל אופן; איך באַגער ניט, דו זאָלסט גיין צום קיניג.

האָט אַבו־קאַמיל מיר אַ נדר געטאָן מיך אָפּצושיקן אינדערפרי. און אינדערפרי האָב איך געצויגן פון שבא, פון אַבו־קאַמילס אָרט, און ער האָט מיר מיטגעגעבן זיין ברודער, און איך בין גע־

גאַנגען צען טעג קיין מלכות אַ ל ג ע ל [1]), וואָס געהערט אויך צו מלכות שבא, אונטער דער רעגירונג פון עמרם. און דער קיניג פון אַלגעל האָט געהייסן אַבו=עקרב. און אַז מיר זיינען געקומען צו אָט דעם קיניג, האָט דער ברודער פון אַבו=קאַמיל געזאָגט צו אים:

— דער קיניג האָט דיר באַפוילן דורכצופירן דעם דאָזיקן האַרן אונזערן, דעם נביאס זון, און געבן אים אַלץ, וואָס נייטיק איז אין וועג.

און איך בין געזעסן ביי יענעם קיניג דריי טעג. נאָכדעם בין איך געצויגן צוזאַמען מיט מיין אַלטן דינער ביז איך האָב דערגרייכט דעם באַרג אַ ט אַ ק ק י [2]) און איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ גרויסן האַרן, וואָס זיין נאָמען איז געווען עבד=אלוהב און וואָס האָט געוואָלט, איך זאָל גיין דורך אַ קורצן מדבר צום לאַנד ד אָ נ ג אָ ל אַ [3]). איך האָב פאַרבראַכט ביי אים אין הויז זעקס טעג. און עס איז געווען אויפן זעקסטן טאָג — זיינען געקומען שלוחים פון קיניג עמרם, און איינער פון זיי האָט גערופן צו עבד=אלוהב פון ברעג טייך נילום, וואו מיר האָבן דענסטמאָל זיך געפונען, און ער האָט געזאָגט:

— דו זאָלסט זאָגן אונזער האַרן, ער זאָל ניט אַוועקגיין, דען דער קיניג האָט חרטה אויף דאָס בייז, וואָס ער האָט אים געטאָן, און ער בעט ביי אים מחילה. און נון דער קיניג שיקט צו אים קנעכט און קעמלען. לכן זאָג צו אים, ער זאָל וואַרטן ביז עס וועלן קומען די שלוחים פונם קיניג מיט דער מתנה.

האָט מיך גערופן עבד=אלוהב און געזאָגט צו מיר:

— איך האָב דיר אָנצוזאָגן אַ גוטע בשורה, אַז דער קיניג שיקט צו דיר אַ גרויסע מתנה.

און אַז איך האָב דערהערט די רייד זיינע, האָב איך צו אים געזאָגט:

---

1) אַ ל ג ע ל — גאַלאַ. גרעץ איז משער, אַז דאָס איז די מדינה ו אַ ל י ן אָדער ד ז ש אַ ל י ן.

2) ט ו ק אַ ב י, אַ באַרג און אַ וואַסערפאַל ביים נילום.

3) אַ מדינה אין מזרח-סודאַן.

— טו מיט מיר דעם גרויסן חסד און גיי מיט מיר אין וועג אין אַט דער נאַכט, און דאָס וועט זיין צווישן מיר און צווישן דיר צו אַן אָנדענק.

און איך האָב אים געגעבן צוואַנציק דוקאַטן און בגדים. דענסטמאָל האָט מען אָנגעפילט פאַר אונז זעקס פעלן וואַסער אויף דריי קעמלען, — און איך האָב געצויגן צוזאַמען מיט מיין דינער און מיט עבד=אַלוהבן דורכן מדבר צען טעג. און עס זיינען געווען מיט מיר צוויי קנעכט... איין קנעכט 1). ביז איך האָב דערגרייכט צו דער מדינה דאָנגאָלאַ, אַ מהלך פון אַ האַלבן טאָג, און מיר האָבן געפונען מענטשן אויף אַ סך פערד. און איך האָב געזאָגט צו עבד=אַלוהב:

— גיי און רוף דעם אייגנטימער פון די פערד און ער וועט דיר זאָגן, וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז.

איז אַוועק עבד=אַלוהב אויף אַ קעמל און איז געלאָפן זיי אַנטקעגן פונם לאַנד ביזן אָנהייב פון די מדבריות, וואו עס איז געווען דער סוף פון עמרמס קיניגרייך, און די אייגנטימער פון די פערד האָבן געזאָגט צו עבד=אַלוהב:

— מיר זוכן קנעכט, וואָס זיינען פון אונז אַנטלאָפן.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— מיר האָבן ניט געזען.

דערנאָך האָט ער בײַ זיי געפרעגט וועגן דעם דאָזיקן לאַנד, צי עס איז אַ גוטס אָדער שלעכטס. האָבן זיי אים געענטפערט:

— דאָס לאַנד איז גוט, נאָר די פאָריקע נאַכט זיינען געקומען די זין פון קיניג עמרם און זיי האָבן מיט זיך צוויי הונדערט מאַן. און מיר האָבן געהערט, אַז דער בן=מלך איז זייער קראַנק און דער קיניג זוכט אַ רופא, וואָס זאָל אים היילן.

און עס איז געקומען צו מיר עבד=אַלוהב און האָט מיר דערציילט די דאָזיקע אַלע רייד. האָב איך געזאָגט צו אים:

— אויב דו וועסט טאָן מיט מיר חסד, איז דיין שכר פאַר גאָט מיין גאָט זייער גרויס. עס איז ניט גוט פאַר מיר צו פאַרברענגען דאָ אין לאַנד בעת דאָ געפינען זיך די זין פון קיניג

1) דאָ איז אין אָריגינאַל אַ חסר.

עמרם; איך וויל נון זיי ניט זען. על־כן, אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, פיר מיך דורך צום לאַנד מאַסה, ווייט פון דאַנען פינף טעג גאַנג, אין סוף פון מלכות שבא ביים טייך נילוס, און דאָרטן זיינען זיי שונאים פונם קיניג.

און ער האָט מיר געענטפערט:

— איך וועל טאָן ווי דיינע רייד, און אויב דו ווילסט, וועל איך גיין מיט דיר ביז צו מצרים.

דענסטמאָל האָב איך זיך געבוקט צו גאָט פון הימל און פון דער ערד, — דערהערנדיק די רייד פון דעם מאַן. און איך בין מיט אים געגאַנגען אין אָנהייב פונם מדבר, וואו עס איז געווען גרויס זאַמד, און מיר זיינען געגאַנגען איבערן זאַמד ווי איבער בערג. און איך האָב געפאַסט דריי טעג נאָך דער ריי אָן אויפ־הער, ביז מיר האָבן דערגרייכט צו דער מדינה פונם קיניגס שונאים. נאָכדעם בין איך צוגעקומען צום טייך, און נון — פאַר מיר שטייט אַ זקן אַ ישמעאלי פון די לייט פון מצרים, — און דער דאָזיקער זקן און זיין ווייב און זיינע קינדער וואוינען אין דער דאָזיקער מדינה, וואָס הייסט אַלחביר. און דערדאָזיקער זקן איז געקומען פאַר מיר און האָט געקושט מיינע הענט און געזאָגט צו מיר:

— קום, געבענטשטער פון גאָט, דו אונזער האַר — זון פון אונזער האַר! טו מיט מיר חסד און קום אַריין אין מיין הויז און איך וועל נעמען דיין ברכה. איך האָב שטרוי און היי, אויך אַן אָרט צום נעכטיקן.

און איך בין געגאַנגען מיט יענעם זקן, וואָס זיין נאָמען איז געווען עוסמאַן, און ער האָט צוגערוימט דאָס הויז פאַר מיר און פאַר מיין קנעכט. און איך האָב געזאָגט צו יענעם זקן:

— מיין באַגער איז, דו זאָלסט מיך באַלד פירן קיין מצרים.

האָט דער זקן מיר געענטפערט:

— נון דער וועג, וואָס דו ביסט מיט אים געקומען פון למאול, איז אַ גוטער וועג, און איך ווייס, אַז אָט דער וועג, וואָס דו ווילסט מיט אים גיין קיין מצרים, איז ניט קיין גוטער: אויב דו וועסט גיין מיטן טייך, וועסטו דערהרגעט ווערן, און ווען אַפילו עס זאָל זיין מיט דיר דער נביא, וועט מען אויך אים דערמאָרדן.

על־כן זיך ביי מיר אין הויז זיכער, ביז מיר וועלן אויסקלייבן דעם גלייכסטן וועג,—דענסטמאָל וועסטו גיין מיט זיי.

נאָך די רייד פונם זקן האָב איך אַוועקגעשיקט דעם עבד־אַלוהב אין זיין לאַנד, אים מיטגעגעבן צען דוקאַטן און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין היים.

און אין יענעם לאַנד זיינען געקומען צו מיר פינף יונגעלייט פון די צוויי שבטים און האָבן מיר געגעבן צוויי קליינע ליי־בעלעך. איך האָב זיי גענומען פון זיי צו פירן זיי קיין מצרים, און די יונגעלייט האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייער לאַנד. און איך האָב פאַרבראַכט צוזאַמען מיט מיין קנעכט אינם זקנס הויז אַ חודש צייט. און דער בכבודיקער זקן האָט צו מיר געזאָגט:

— נון די קעמלען דיינע זיינען שוואַך ביז גאָר און זיי וועלן ניט קענען גיין דורך דעם דאָזיקן מדבר; מען וועט דאַרפן זיי גוט דער־נערן צוויי אָדער דריי חדשים, ביז זיי וועלן פעט ווערן, און ערשט דענסטמאָל וועלן זיי קענען גיין. און דאָ אין גאַנצן מדבר אויף אַ מהלך פון דריי טעג וועלן די קעמלען ניט געפינען ניט קיין גראָז און ניט קיין פיטער־אָרט און קיין שום עסנוואַרג, נייערט וואַסער וועלן זיי טרינקען, וואו זיי וועלן געפינען, אָן עסן, ביז דו וועסט אָנקומען קיין גירגאַה, ניט ווייט פון מצרים אויפן ברעג פון נילוס.

און איך האָב געזאָגט צום זקן:

— ווי זאָל איך טאָן? גיב מיר אַן עצה, ווי זאָל זיין מיין וועג. און אויב דו וועסט זען פאַסיקע מענטשן, וואָס גייען קיין מצרים, זאָלסטו מיך פירן צו זיי, און זאָלסט קויפן פאַר מיר גוטע קעמלען, וואָס זאָלן מיך פירן דורך יענעם מדבר.

און דער זקן האָט מיר געענטפערט:

— איך וועל טאָן ווי דיינע רייד.

און איך האָב געקויפט ביים זקן אַ גוטע שיינע קעמעלין פאַר צוואַנציק דוקאַטן און ער האָט געקויפט פאַר מיר צוויי שטאַרקע קעמלען פאַר זיבעציק דוקאַטן, און די קעמלען, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך אַוועקגעגעבן צו די קעמלען־הענדלער צום אויס־טויש אויפן חשבון פאַר יענע. נאָכדעם זיינען געקומען לייט פון

יענער סביבה און פון יענער מדינה און האָבן מיר געבראַכט גערשטנמעל און מעל פון טונקלווייץ און יונגע ציקעלעך און יונגע רינדער—האָבן מיר געבראַכט עס בתור מעשר אין הויז פון יע־נעם זקן און האָבן פולגעמאַכט זיין הויז. איך האָב אָבער פון אַלץ, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, קיין זאַך ניט גענומען, חוץ דאָס וואָס עס האָבן געגעסן די קעמלען. און דעם רעשט האָב איך אַוועקגע־געבן דעם זקן און אָרעמעלייט במתנה. און נאָכדעם האָט געזאָגט צו מיר דער זקן:

— זיי ווייסן, אַז עס זיינען דאָ סוחרים, ישמעאלים, וואָס ווילן גיין דורכן מדבר מאָרגן, דעם זיבעצנטן חשוון, און אַנדערע מענטשן, וואָס גייען ראש־חודש כסלוו.

האָב איך געזאָגט צום זקן:

— רוף מיר די חשובסטע פון די רייזנדער.

און ער האָט זיי גערופן צו מיר און איך האָב צו זיי גע־זאָגט:

— איך פאַרלאַנג צו גיין מיט אייך קיין מצרים דורכן גרויסן מדבר.

האָבן זיי מיר געענטפערט:

— מיר זיינען קנעכט צו דיר, און מיר האָבן אַ זכיה, אויב דו וועסט גיין מיט אונז. לכן זאָלסטו פאַרענדיקן אַלע דיינע עסקים ביינאַכט און זיין גרייט אויף מאָרגן.

און זיי האָבן מסכים געווען אָנצופילן אויף די קעמלען פעלן וואַסער אויפן וועג. איך האָב געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט ביז פרי־מאָרגן און האָב גערופן דעם זקן און געזאָגט צו אים:

— גרייט מיר צו אַלץ וואָס איך דאַרף.

און ער האָט מיר געענטפערט:

— איך וועל טאָן אַלץ, נאָר איך וואַרט אויף דיין קנעכט, וואָס איז אַרויס פון הויז און האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקערט.

האָב איך געזאָגט:

— גייט נאָכן קנעכט.

— האָט מען אים געזוכט און ניט געפונען. האָב איך געזאָגט צו די סוחרים:

— ווארט אויף מיר ביז האלבן טאָג, אפשר וועל איך גע־פינען מיין קנעכט.

האָבן זיי געוואַרט ביז האַלבן טאָג, אָבער דער קנעכט איז ניט געקומען. נאָך האַלבן טאָג האָב איך זיי געגעבן רשות און זיי זיינען אַוועק זייער וועג. און איך האָב פאַרבראַכט ביים זקן אַ סך טעג און איך בין ניט אַרויס מפתח ביתי; אפילו ווען עס וואָלטן מלכים ושרים קומען צו מיר אין הויז, וועל איך זיך ניט רירן פון אָרט. און נאָכדעם ווי די סוחרים האָבן אָפּגערייזט פון אַלחביר, האָב איך געזאָגט צום זקן:

— קום מיט מיר צום קיניג מחמד.

און איך בין געגאַנגען מיטן זקן און איבערגעלאָזן מיין אַלטן דינער מיט אַלע מיינע כלים אין הויז. מיר זיינען געגאַנגען צום קיניג, און ביי אים זיינען געווען אַ סך דינער און ער האָט געטראָ־קען טייטלווייַן און געגעסן שעפּסנפלייש אָן ברויט. און דער קיניג האָט זיך געפרייט מיט מיר און האָט געזאָגט:

— דער דאָזיקער טאָג איז אַ געבענטשטער, ווייל עס איז געקומען צו אונז אונזער האַר, דער זון פון אונזער האַר דעם נביא, און איך באַגער, דו זאָלסט פאַרברענגען אין מיין הויז. אויב דו באַגערסט, וועל איך דיר אָנטאָן כבוד און הערלעכקייט.

דערויף האָב איך געענטפערט דעם קיניג:

— זאָלסט זיין געבענטשט פון זיין הייליקן נאָמען, און איך וועל מתפלל זיין פאַר דיר און וועל דיר געבן אַ מחילה און אַ כפרה אויף אַלע דיינע זינד. און איך בעט ביי דיר, דו זאָלסט שיקן זוכן דעם קנעכט, וואָס איז אַנטלאָפן פון מיר היינטיקן טאָג, און איך ווייס, אַז ער געפינט זיך אין דיין קיניגרייך. דאָס איז דער חסד, וואָס דו זאָלסט טאָן מיט מיר, און דער הייליקער נאָמען וועט דיר באַצאָלן דיין שכר.

האָט דער קיניג מיר געענטפערט:

— איך וועל אַרויסגיין מיט אַלע מיינע משרתים.

און אַזוי איז דער קיניג אַליין מיט אַלע זיינע שרים אַרויס־געגאַנגען זוכן דעם קנעכט, און ער האָט צעשיקט אַלע זיינע דינער איבערן גאַנצן לאַנד און אויסערן לאַנד, רייטנדיק אויף קעמלען

און לויפנדיק זוכן מיין קנעכט. און איך האָב זיך אומגעקערט צו־ריק אין הויז פון זקן און מתפלל געווען ביז אָוונט. און דער קי־ניג איז געקומען צו מיר מיטן קנעכט און האָט געזאָגט:

— פון מיין ליבשאַפט וועגן זאָלסטו דעם מאָל ניט שלאָגן דעם קנעכט.

און נאָכדעם ווי דער קיניג איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין הויז, האָב איך אַרויפגעלייגט אייזערנע קייטן אויפן האַלז און אויף די פיס פון קנעכט. און נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעזעסן זיבן טעג אין זקנס הויז, זיינען געקומען מענטשן פון די סוחרים, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען דעם זיבעצנטן חשוון, נאַקעטע און צעשלאָגענע פון קאָפּ ביז די פיס, און האָבן מיר דערציילט:

— מיר האָבן געצויגן פונדאַנען און זיינען אָפּגעגאַנגען דריי טעג, און אויפן פערטן טאָג איז אָנגעפאַלן אויף אונז אַן עם רב בלוטיקע מענטשן און אָנגעמאַכט צווישן אונז אַ גרויסע הריגה, צע־ראַבירט אַלע קעמלען און דעם פאַרמעגן און די קנעכט, און מיר ווייסן ניט, ווער עס איז געבליבן לעבן און ווער עס איז דערהרגעט פון די מענטשן, וואָס זיינען געווען מיט אונז.

נאָכדעם זיינען אויפן צווייטן טאָג געקומען צוויי און אינאָוונט דריי אַנטרונענע, און אַזוי פלעגן יעדן טאָג קומען נאַקעטע פון דער דערמאָנטער חבורה. איך האָב זיי געגעבן קליידער צו באַדעקן זייער שאַנד און יעדערן צו דריי דוקאַטן צדקה. איך בין איינגעשטאַנען אין זקנס הויז און די נאַקעטע פון זיי פלעגן מיר באַדינען און עסן ביי מיין טיש ביזן פערצנטן טאָג אין חודש כסלו. דענסט־מאָל האָב איך אָפּגערייזט מיט מיין קנעכט פון זקנס הויז מיט אַ סך מענטשן דורכן גרויסן מדבר און שטענדיק האָב איך געפאַסט און מתפלל געווען צום הייליקן נאָמען זיצנדיק און אויפשטייענדיק, גייענדיק און רייזנדיק, און איך האָב גענומען אויף זיך ניט צו עסן און ניט צו טרינקען מער ווי איין מאָל אין דריי מעת־לעת, איך זאָל ניט עסן פון איין אָרט פון אַ וואַסער ביזן אָרט פון אַן אַנדער וואַסער, דען אין יענעם מדבר איז ביזן נאָענטסטן וואַסער געווען אַ מהלך פון דריי טעג און דריי נעכט, און ביז אַן אַנדער וואַסער—אַ מהלך פון פיר טעג און נעכט, און ביז אַ דריטן וואַ־

סער — אַ מהלך פון פינף טעג און נעכט. מיר האָבן אין מדבר געטרונקען נאָר פון דעם וואַסער, וואָס אויף די קעמלען, ביז מיר האָבן דערגרייכט צו אַ ברעג אין דער מדינה גירגאַם נאָך אַ נסיעה פון פינף און פערציק טעג.

מיט אונז איז געווען אַ קלוגער מענטש אַ וועגווייזער, וואָס האָט אונז געפירט דורכן מדבר, ווי אַ שיפסקאַפּיטאַן דורכן ים, און ער האָט אונז דורכגעפירט דורך יענעם מדבר ביינאַכט לויט די שטערן און בייטאָג מיט זיין חכמה. און יענער מדבר איז ווי דער ים הגדול. און דער דאָזיקער געלערנטער מאַן האָט צו מיר געזאָגט:

— וועסט קומען מיט מיר אין מיין הויז ביז איך וועל געפינען פאַר דיר אַ וועג צו גיין קיין מצרים.

און דער נאָמען פון יענעם מאַן איז געווען שלום אויף לשון עברית און אויף אַראַביש סאַלאַם, און זיין הויז איז געווען אין סוף מדינה אַ מייל ווייט. בין איך געגאַנגען מיט אים אין זיין הויז און ער האָט מיר געגעבן אַ וואוינונג און אַ בעט און איינער פון זיינע משרתים איז געווען מחוייב צו שאַפן פאַר מיר אַלץ, וואָס מיר איז נייטיק געווען, — פאַר מיר און פאַר מיין קנעכט. און דער דאָזיקער אָרט איז אויך געווען אויפן ברעג פון נילוס. און איך בין אָפּגעזעסן ביי דעם דאָזיקן מענטשן צוואַנציק טעג. איך האָב פאַרקויפט מיינע קעמלען פאַר הונדערט פלאָרין גאָלד און איך האָב זיך געזעצט אין אַ קליינער שיף אויף דעם טייך נילוס, ביז איך בין אָנגעקומען אין די טויערן פון מצרים.

דאָרטן, אין טויער, האָבן די טערקישע ישמעאלים מיך פאַרהאַלטן און האָבן געוואָלט דורכזוכן אַלע מיינע כלים און אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אין די קופערטס, בכדי צו נעמען פון מיר מעשר. און פאַר די קנעכט האָבן זיי פאַרלאַנגט פון מיר צוואַנציק פלאָרין גאָלד, דען קיין שום מענטש טאָר ניט אַריינקומען אין די טויערן פון מצרים מיט קנעכט-כושים, נייערט בלויז ווען ער וועט געבן מעשר צוואַנציק פלאָרין פאַר יעדן קנעכט. און אַז די טערקן האָבן דערזען ביי מיר די צוויי לייבעלעך, האָבן זיי געבעטן ביי מיר, איך זאָל זיי געבן די דאָזיקע צוויי לייבעלעך פאַר אַ מתנה, וועלן זיי

מיך דערפֿאַר באפרייען פֿון דעם גרענעץ-שטייער און פֿונם מעשר-
פֿאַר די קנעכט און פֿאַר די געלטער. האָב איך זיי אַוועקגעגעבן
די לייבעלעך און מען האָט מיך באַפרייט פֿון אַלע שטייערס.
און זיי האָבן מיר אָנגעטאָן גרויס כבוד און
האָבן זיך געפרייט מיט אַ גרויסער פרייד,
דען זייהאָבן מיר געזאָגט, אַז
זיי ווילן אַוועקשיקן די יונ-
גע לייבן צום טער-
קישן סולטאַן.

ב. אין קאַיראָ און אין ארץ־ישראל.

נאָכדעם בין איך אַריינגעקומען קיין מצרים ראש־חודש אדר ה׳רפ״ג פאַרנאַכט און איך בין געגאַנגען מיט אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט חברים אין מצרים, און אָט דער מענטש האָט צו מיר געזאָגט:

— קום מיט מיר אין מיין הויז די נאַכט און דו וועסט איבערנעכטיקן ביז אינדערפרי, און אויף מאָרגן וועל איך מיט גאָטס הילף דיר אויסזוכן אַן אָרט, וואָס זאָל דיר געפעלן.

און איך בין געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן מענטשן,—איך און מיין קנעכט מיט אַלע מיינע כלים. און אָט דאָס הויז איז גרויס, און עס זיינען דאָרט פאַרהאַן גרויסעביימער, און מ׳האָט מיר געגעבן אַ צימער און דערלאַנגט פאַר מיר ברויט און קעז צום עסן. האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איך עס ניט קיין קעז, נייערט גיט מיר אייער.

און איך האָב אָפּגעגעסן און געשלאָפן ביז אינדערפרי. און אינדערפרי האָב איך אַרויסגענומען שטיקער גאָלד און געזאָגט צו דעם דאָזיקן מאַן:

— קום מיט מיר פאַרקויפן אָט דאָס גאָלד צו יידן, דען זיי זיינען געניט אין סהורה מער ווי אַלע מענטשן פונם לאַנד.

און דער דאָזיקער מאַן איז געקומען מיט מיר אין דער גאַס פון די יידן. און איך האָב זיך געשטעלט אין טיר פון אַ קראָם, און אין קראָם זיינען געוועזן יידן גאָלדשמידן. האָב איך זיי געפרעגט אויף לשון הקודש:

— וועלכער איז דער גרעסטער פון אייך?

האָט דער ישמעאלי ניט פאַרשטאַנען. האָט דער ייד געזאָגט:

— איך וועל גיין מיט דיר.

זיינען מיר געגאַנגען ביידע, און דער ישמעאלי איז געשטאַנען אין טיר און האָט געוואַרט. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין הויז פון ר׳ אברהם בעל המטבע[1]), וואָס איז געווען דער גרעסטער מענטש אין מצרים, און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין אַ ייד — און איך וויל וואוינען ביי דיר דריי אָדער פיר טעג, — און איך וועל דיר מגלה זיין דעם סוד. און אַז דו וועסט דערגיין דעם זיכערסטן וועג קיין ירושלים, וועסטו מיר אים ווייזן. און איך פאַרלאַנג פון דיר ניט — ניט קיין זילבער און ניט קיין גאָלד און ניט קיין עסן, נייערט אַ וואוינונג.

האָט ר׳ אברהם מיר געענטפערט:

— איך קען דיך ניט לאָזן ביי מיר אין הויז, דען דו ביסט געקומען אַ פאַרשטעלטער ווי אַ ישמעאלי, און אויב דו וועסט זיצן אין מיין הויז, וועסטו מיר גורם זיין אַן אומגליק.

און ר׳ אברהם האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיך האַלטן ביי זיך אין הויז. האָב איך צו אים געזאָגט:

— טו מיט מיר חסד, אויך פון ליבשאַפט צו גאָט און פון ליבשאַפט צו די זקנים, דען דער שכר פון אַ מצווה איז אַ מצווה.

און ער האָט מיר געענטפערט:

— די מצווה איז גרויס פאַר מיר און פאַר אַלע בני־ישראל, וואָס וואוינען אין מצרים, דו זאָלסט ניט אַריינקומען אין מיין הויז.

דענסטמאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז און איך בין געגאַנגען מיטן ישמעאלי אין הויז, וואָס פאַר מיין קנעכט. און איך האָב געפרעגט ביים ישמעאלי:

---

1) ר׳ אברהם בעל-המטבע איז ר׳ אברהם די קאשטרו, איינער פון די מגורשים פון שפּאַניע און פון גרויסן יחוס, וואָס סעלים דער ערשטער האָט אים באַשטימט פאַרן מטבע-שמעלצער פון טערקיי און פאַר אַ ממונה איבערן קייזערלעכן מאַנעטן-הויף, און ער האָט די שטעל פאַרנומען אויך אין די צייטן פון סעלימאַן דעם צווייטן, וועמען ער איז געווען זייער געטריי. ר׳ אברהם איז געווען אַ חכם און אַ גרויסער מענטש, אַ חשוב אין די טערקישע ספערן און אַ מנהיג ביי די יידן אין מצרים, אַ גוטער מענטש און אַ גרויסער בעל-צדקה. ער האָט אין דער שליחות פון סולטאַן אויסגעבויט די פעסטונג-מויערן פון טבריא אין א״י.

— איבּ איר ווייסט אין דער דאָזיקער שטאָט אַ חשובן און פרומען מענטשן, וואָס טוט מצוות, זאָלסטו מיר זאָגן.

האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָ אין שטאָט איז פאַרהאַן אַ גוטער און געאַכטער און באַרימטער מענטש, און זיין נאָמען איז שרפאַדין.

האָבּ איך צו אים געזאָגט:

— קום מיט מיר און לאָמיר גיין צו אים.

און אַזוי בין איך אַוועק צו אים און זיך צו אים געווענדט:

— נון איך האָבּ געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט געאַכטער און פרימער פון אַלע מענטשן דאָ אין שטאָט. בכן טו מיט מיר חסד און גיב מיר אַ וואוינונג אין דיין הויז ביז איך וועל גיין קיין ירושלים און דו וועסט מיר ווייזן אַ וועגפירער קיין ירושלים.

און אַזוי האָט ער מיר איינגעאָרדנט אַ דירה אין זיין הויז. און דאָס הויז, וואָס שרפאַדין האָט מיר איינגעאָרדנט און צוגע-גרייט... [1]) און עס איז קראַנק געוואָרן מיין אַלטער דינער; ער איז אָפּגעלעגן פינף טעג אין בעט און אין האַלבער נאַכט איז ער גע-שטאָרבּן. דער דאָזיקער דינער איז געווען אַ געטרייער היטער פון אַלץ, וואָס איך האָבּ געהאַט, און ער פלעגט אויך קאָכן פאַר מיר; איך האָבּ אים געהאַט געבּראַכט פונם מדבר, ער איז געווען טויב און שטום און האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער. דער צווייטער קנעכט אָבּער, וואָס איך האָבּ געהאַט געקויפט, איז געווען אַ גנב. נאָכן טויט פונם אַלטן קנעכט זייזען זיי אַוועקגעאַנגען און האָבּן אים מקבּר געווען און איך בין געבּליבּן אַליין אין הויז היטן די זאַכן. איך האָבּ געהאַט גרויס צער, אַ סך געטראַכט און ניט גע-וואוסט וואָס צו טאָן. נאָכדעם האָבּ איך גערעכנט נאָך אַ מאָל צו גיין צו ר׳ אברהם בעל המטבע און איך האָבּ גערופן דעם מאַן שרפאַדין און געזאָגט צו אים:

— איך גיי צוליבּ מיינע עסקים און אָט דעם קנעכט גיבּ איך איבּער אונטער דיין השגחה און מיין וואוינונג זאָלסטו היטן.

איך האָבּ געעפנט פאַר אים איין קאַסטן, אַרויסגענומען ווייזן

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

אים פיר גוטע פערל און אים ניט געוויזן וואָס ס׳איז אין קאַסטן; נאָכדעם האָב איך פאַרשלאָסן דעם קאַסטן און אַריינגעלייגט אַהין די פערל פאַר אים אין די אויגן און ער האָט געזען. איך האָב פאַר־שלאָסן דעם קאַסטן און די שליסלען איבערגעגעבן אין זיין האַנט. איך האָב אים געוויזן טויזנט גאָלד־פלאָרין אין קאַסטן און געזאָגט צו אים:

— די דירה, דער קאַסטן און דער קנעכט זאָלן זיין אונטער דיין השגחה ביז איך וועל זיך אומקערן צוריק.

און איך בין געגאַנגען זען די יידן אין יענעם טאָג, נאָכדעם ווי ס׳איז געשטאָרבן דער קנעכט, און איך האָב זיך אומגעקערט אין מיין דירה און געשלאָפן ביז אינדערפרי. און איך האָב גע־זען אין חלום, ווי איך גיי נאַקעט צווישן מענטשן און האָב צוגעדעקט מיין שאַנד מיט מיין האַנט, — און איך האָב פון דעם דאָזיקן חלום געהאַט גרויס צער און אַ סך נאָכגעטראַכט און איך בין גע־שטאַנען מיט אַ צערודערטן האַרצן. נאָכדעם האָב איך פאַרשלאָסן די קאַסטנס און גענומען די שליסלען מיט זיך, נאָר דעם שליסל פון צימער און דעם קנעכט האָב איך איבערגעלאָזן אין שרפאַדינס האַנט און בין אַוועק אויפן מאַרק. אַז איך האָב זיך צוריקגעקערט אין צימער, וואו ס׳האָבן זיך געפונען דער קנעכט און דאָס געלט, האָב איך אין צימער ניט געפונען דעם קופערט, וואו ס׳איז גע־לעגן דאָס געלט. ווען איך האָב דערזען, אַז דער קופערט איז ניטאָ אין צימער, בין איך געוואָרן ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, אָן אַן אָטעם.

נאָכדעם האָב איך גערופן דעם שרפאַדין, נאָר עס איז געקומען צו מיר זיין זון און איך האָב געפרעגט זיין זון:

— פאַרוואָס האָט איר צוגענומען דעם קופערט פון זיין אָרט?

און איך האָב אים געהייסן רופן זיין פאָטער. איז אַוועק דער זון און האָט זיך אומגעקערט צוריק צו מיר און האָט גע־זאָגט, אַז זיין פאָטער איז אויפן מאַרק.

און איך האָב געהאַט גרויס צער און בין געווען זייער צע־טומלט, ביז עס איז געקומען שרפאַדין צו מיר. איך האָב געפרעגט ביי אים:

— פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעטראָגן און צוגענומען דעם קו־פערט מיינעם פון זיין אָרט?

און ער האָט מיר געענטפערט:

— ווייל איך האָב געוואָלט, זיי זאָלן זיין זיכער איינגע־היט פאַר דיר אין מיין צימער, און האָב קיין מורא ניט און שרעק זיך ניט.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— טראָג אַרויס די קופערטס, איך וויל עפּעס אַרויסנעמען פון דאָרטן.

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך בין געגאַנגען עסן ערגעץ אין אַ הויז, האָב איך פאַרגעסן דאָרטן די שליסלען.

איך האָב געוואוסט, אַז זיי מאַכן מיט מיר מיני תחבולות, האָב איך געוואָלט אויף אים אין כעס ווערן, נאָר איך בין געווען ביי אים אין הויז און האָב געזאָגט צו אים:

— שיק נאָך די שליסלען!

האָט ער געענטפערט:

— דער שליח וועט ניט וויסן, איך וועל אַליין גיין נאָך זיי.

און שרפאַדין איז אַוועק און האָט זיך ניט צוריקגעקערט ביז נאַכט. און נאָכדעם, ביים צוריקקער זיינעם, האָב איך אים געבעטן:

— גיב מיר דעם קופערט, דען איך וויל אַרויסנעמען אַ פּערל און נאָך עפּעס.

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך וויל דיר גאָרנישט געבן, נייערט אויב דו וועסט וועלן נעמען מיין טאָכטער פאַר אַ פרוי, וועל איך דיר אומקערן און אָפּגעבן אַלץ צוריק און וועל טאָן מיט דיר חסד.

און דאָס גוטס, וואָס שרפאַדין האָט גענומען, איז אוממעג־ליך צו געדענקען, ער זאָל קענען זאָגן, וויפיל עס איז ווערט, — אַזוי טייער איז עס! און איך וועל ניט פאַרשרייבן אין אַ בוך, וואָס ער האָט צוגענומען פון מיר, ביז עס וועט קומען די צייט און עס וועט זיין דער משפט.

און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז מיט מיין קנעכט דעם כּושי מיטן רעשט, וואָס איז מיר פאַרבליבן, און איך בין געקומען אין הויז פון אַ סוחר אַ ישמעאלי, וואָס זיין נאָמען איז אויף לשון הקודש זכריה און אויף אַראַביש יחייא-אבן-עבד-אַללאַה, און איך האָב אים דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן מיט מיר שרפאַדין. האָט ער מיר געזאָגט:

— איך קען שוין לאַנג דעם מענטשן און זיין פּיר, אַז ער נאַרט אָפּ מענטשן: ער שטעלט זיך אַרויס פאַר אַ צדיק אַ ירא שמים, אָבער אין דער אמתן איז ער אַ גרויסער רשע. לכן זיץ ביי מיר אין הויז ביז אינדערפרי, און איך וועל גיין ריידן מיט אים און אויכמוסרן פאַר דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

און דער טערק איז אַוועקגעגאַנגען און האָט געזאָגט צו אים:

— פאַרוואָס האָסטו שלעכטס געטאָן דעם דאָזיקן זון פון נביא, וואָס איז געקומען צו מיר און האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט באַהאַלטן אין דיין הויז אַ קופערט מיט אַ סך זאַכן און דו ווילסט עס אים ניט אָפּגעבן צוריק? פאַרוואָס זאָלסטו טאָן אַזוי צו אונזער האַרן דעם זון פון נביא?

האָט שרפאַדין געענטפערט:

— ניין, ער האָט מיר גאָר קיינמאָל גאָרנישט געגעבן! ער איז געקומען אין מיין הויז נאָר מיט זיינע צוויי קנעכט: דעם אַלטן, וואָס איז ביי אים געשטאָרבן, און דעם כּושי, וואָס ער האָט אים גענומען מיט זיך. נאָכדעם האָט ער גענומען זיין קנעכט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. איך בין זיך זייער מצער פון אים, פאַרוואָס ער זאָגט אויף מיר אַזוינע זאַכן. איך וויל אים רופן און וועל איינלאַדן צו זיך דעם ריכטער, און אַזוי וועלן מיר ביידע, איך און ער, אַ משפט האָבן, און די שופטים וועלן זען, וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן פון זיינע רייד אויף מיר, און זיי וועלן באַ-שטימען אויף מיר לטובת אים אַ קנס פון טויזנט פלאָרין גאָלד, אויב ער האָט מיר געגעבן עפּעס פאַר עדות, און אויב ער וועט ניט ברענגען קיין באַווייז קעגן מיר, וועט ער מוזן מיר געבן טויזנט פלאָרין.

און עס האָט זיך אומגעקערט צו מיר יענער טערק און האָט מיר דערציילט די דאָזיקע אַלע רייד, און איך האָב געזאָגט צו אים:

— גיב מיר אַן עצה, דען איך פאָרכט מיך פאַר אים, און זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן און ווי זאָל זיין מיין וועג.

האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איך ווייס, אַז אויב דו וועסט גיין בעטן ביי אים דעם פּקדון, וואָס אין זיין האַנט, וועסטו זיך גורם זיין אַ גרויסע רעה, דען איך האָב געזען זיין פּנים, אַז ער איז בייז אויף דיר און זוכט צו טייטן דיך. זיינע קנעכט און זיינע דינער, אַפילו די תּלמידים, וועלן ניט זאָגן קיין עדות קעגן אים. און דו, אויב דו וואָלסט מיין עצה פאָלגן, וואָלסטו בעסער גיין דיין וועג און פון שרפאַדינען ניט פאָדערן קיין זאַך.

נאָכדעם האָב איך פאַרקויפט מיין קנעכט דעם כּושי צו יענעם טערק פאַר צוויי הונדערט פלאָרין און אָפּגערייזט פון מצרים. איך בין געגאַנגען מיט אַ סך סוחרים. און צווישן די ישמעאלים איז געווען אַ פרומער מאַן, אַ סוחר פון עזה, און זיין נאָמען איז געווען שרפאַדין, פּונקט ווי יענער. איך האָב געריטן אויף אַ ניט גוטן קעמל, — האָט געזאָגט צו מיר יענער פרומער מאַן:

— רייט אויף מיין קעמל, וואָס איז בעסער פון דיינעם, און אויף אים איז דאָ אַ דעקע אַ שיינע און אַ באַפּוצטע מיט געמעלן, ווי אַ הויז מיט פענסטער.

איך בין אָנגעקומען קיין עזה אין אַ גרויס הויז, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ לאַגער, און מ'האָט מיר געגעבן איינס פון די אויבערשטע צימערן, און איך בין געווען אַן איינצלנער מענטש. ביי מיר אין צימער האָט נאָך געוואוינט אַ ייד אַ סוחר פון בירות, און זיין נאָמען איז געווען אברהם דונאַץ. איך האָב פאַרבראַכט אין יענעם צימער צוויי טעג און ניט אויסגערידט מיט אים קיין וואָרט. אַ גאַנצן טאָג האָב איך מתפּלל געווען און ניט גערעדט מיט קיין שום מענטשן. נאָכדעם האָב איך אים גערופן און געפרעגט:

— מה שמך?

און ער האָט מיר געענטפערט:

— מיין נאָמען איז אברהם.

און איך האָב אים ווייטער געפרעגט:

— ווי זייט איר מתפלל אין אָט דער צייט — „מוריד הגשם" אָדער „מוריד הטל"?

האָט ער מיר געענטפערט:

— „מוריד הגשם".

און ער האָט מוסיף געווען, אַז ער האָט געזען אַ סך ישמעאלים און איך זין פון נביא, — „אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ חכם ווי דו".

און איך האָב יעזאָגט:

— איך ווייס לויטן חשבון, אַז היינט איז ביי אייך אַ טאָג פון פרייד און אַ טאָג פון פורים.

האָט ער מיר געענטפערט:

— יאָ, אמת זיינען דיינע רייד.

און ער האָט ביי מיר געפרעגט:

— ווער האָט דיר מודיע געווען דאָס אַלץ?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— היות אין מיין לאַנד זיינען דאָ אַ סך יידן און גרויסע געלערנטע, און זייערע הייזער זיינען נאָענט צו מיין הויז, — האָב איך פון זיי חברים. אַנדערע עסן אפילו ביי מיין טיש,— זיי עסן ביי מיין טיש מיני פירות אָן פלייש, — און זיי האָבן מיך ליב און אויך איך האָב זיי ליב.

און ער האָט צו מיר געזאָגט:

-- מיר יידן דאָ אין לאַנד קענען ניטריידן מיט קיין שום ישמעאלי און ניט מיט זין פון נביא, דען זיי האָבן אונז פיינט, זיי האָבן מער ליב היינט איידער יידן.

דערויף האָב איך געטרייסט דעם דאָזיקן יידן:

— איר זאָלט זיך ניט פאַרכטן און ניט שרעקן, דען בקרוב וועט אָנקומען דער קץ, ווען השם יתברך וועט דערנידעריקן די רשעים ביז דער ערד און דערהויבן די נידעריקע ביזן הימל, און עס וועט קומען נאָענט די צייט, ווען איר וועט זען גרויסע זאַכן און אַ סך טומלענישן און סכסוכים צווישן די מלכים. און דו, אברהם, וועסט טאָן מיט מיר חסד און גערעכטיקייט, וועסט אויס=

זוכן פאַר מיר סוחרים, וואָס וועלן מיך פירן צום אָרט פון בית המקדש, נאָר תחילת וועט זיין דער וועג קיין חברון.

אין ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך וועל טאָן אַלץ.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אויסגעזוכט מענטשן סוחרים, און ער איז געקומען צו מיר און געבראַכט אַן אייזל־הענד־לער און דורכגעפירט צווישן אים מיט מיר אַ מסחר. און איך האָב ניט געוואָלט אים מגלה זיין מיין סוד, נייערט ווען איך בין געווען אין וועג, האָב איך אים געגעבן ערשטע רמזים.

און נאָכדעם איז געקומען צו מיר אַ גאָלדשמיד, און זיין נאָמען איז געווען יוסף, אַן איינגנטימער פון אַ קראָם, און ער האָט אַ ברודער יעקב און זייער אַלטער פאָטער לעבט נאָך. און ער און יוסף דער גאָלדשמיד זיינען יענעם טאָג געשטאַנען פאַר מיר אַן ערך צוויי שעה און איך האָב פאַרבאָרגן פון זיי מיינע רייד, נייערט האַלבע ווערטער האָב איך, זיי איבערגעגעבן. און די יידן האָבן געשיקט צו מיר געהיים דורך דעם ייד אברהם פלייש און ברויט.

אין עזה בין איך געשטאַנען פינף טעג. נאָכדעם האָב איך אָפּגערייזט פון עזה דעם ניינצענטן אין אדר ה׳רפ״ג און בין אַוועק אויפן וועג קיין חברון. איך בין געגאַנגען ביי טאָג און ביינאַכט ביז איך בין אַריינגעקומען אין חברון צום אָרט פון דער מערת־המכפלה כ״ג אדר אין האַלבן טאָג. דענסטמאָל זיינען געקומען צו מיר די שומרים, וואָס היטן די מערה, צו קושן מיר די הענט און פיס, און האָבן געזאָגט צו מיר:

— קום, געבענטשטער פון גאָט, אונזער האַר און זון פון אונזער האַר!

און עס זיינען געקומען צו מיר צוויי זקנים פון די וואָס היטן דאָס „געבעט־הויז פון אברהם", און זיי זיינען די קליגסטע און גרעסטע און די ממונים איבער אַלע שומרים, און זיי זיינען די גאַנצע אָנפירער אינם געבעט־הויז און שופטים אין חברון. און זיי האָבן מיך גענומען פאַר די הענט און אַוועקגעשטעלט ביי איין קבר און געזאָגט צו מיר: „דאָס איז דער קבר פון אברהם אבינו". און איך האָב מתפלל געווען אין יענעם אָרט ביז איך האָב גענע־

דיקט די תפילה. נאָכדעם האָט מען מיר געוויזן אין לינקער זייט אַ קליין געבעט־הויז, וואו עס איז דער קבר פון אונזער מוטער שרה. און אינמיטן, צווישן דעם קבר פון אברהם און דעם קבר פון שרה, איז דאָס געבעט־הויז פון די ישמעאלים. און איבערן קאָפּ פון אברהם איז דער קבר פון יצחק, אין דעם גרויסן געבעט־הויז, און נאָענט צו יצחקס קבר איז דער קבר פון רבקה, איבערן קאָפּ פון שרהס קבר, און אונטערן צופוסנס פון אברהמס קבר איז פאַרהאַן אַ צייכענונג פון יעקבס קבר, אין אַן אַנדער גרויסן געבעט־הויז. און נאָענט פונס געמעל פון יעקבס קבר איז אַ צייכענונג פון לאהס קבר, אַנטקעגן דעם קבר פון שרה.

נאָכדעם האָב איך געגעבן צדקה, צען פלאָרין, אויף צו קויפן שמן־זית. נאָך דעם האָב איך געזאָגט צו די שומרים, אַז די דאָזיקע צייכענונג איז ניט ריכטיק. דער אמת איז, אַז אברהם יצחק ויעקב זיינען אין דער הייל אונטער דער ערד און זיינען ניט מקובר אויף דער ערד. און זיי האָבן מיר געענטפערט:

— ריכטיק זיינען דיינע רייד.

און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— ווייזט מיר די הייל.

און איך בין מיט זיי געגאַנגען און זיי האָבן מיר געוויזן די טיר פון דער מערה אין דער עפענונג פון אַ ברונים. און אַ ליכט ברענט אין יענעם ברונים בייטאָג און ביינאַכט. מ'האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס ליכט אין ברונים אַריין מיט אַ שטריק, און איך האָב געזען דאָרטן די עפענונג פון אַ טיר, ווי די הייך פון אַ מענטשן, און איך האָב געגלויבט, אַז דאָס איז זיכער די הייל, און איך האָב זיך געפרייט אין האַרצן, האָב אַוועקגעשיקט די ישמעאלים פון פאַר מיר און מתפלל געווען איבער דער עפענונג פון ברונים ביז איך האָב געענדיקט די תפילה.

נאָכדעם האָב איך גערופן די אַלטע שומרים, וואָס צווישן זיי, און האָב געזאָגט צו זיי:

— דאָס איז ניט די טיר פון דער מערה. אין איר איז דאָ אַן אַנדער טיר.

און זיי האָבן מיר געענטפערט:

— אַזוי איז עס. גאַנץ פאַרצייטן איז די טיר פון דער הייל געווען אינמיטן פונם גרויסן געבעט־הויז, וואו עס געפינט זיך די ציַיבענונג פון יצחקס קבר.

האָב איך זיי געזאָגט:

— ווייזט מיר דעם אָרט פון יענער טיר.

און איך בין געגאַנגען מיט זיי, און זיי האָבן אַוועקגענומען די בגדים פונם באָדן פון אַריינגאַנג און האָבן מיר געוויזן דעם אָרט פון דער טיר־עפענונג, און עס איז געווען פאַרמאַכט מיט גרויסע שטיינער און מיט בליי, און קיין שום מענטש קען ניט אַראָפּנעמען יענעם בנין. נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו זיי:

— דעקט צו צוריק דעם אָרט מיט די קליידער.

און איך האָב בײַ זיי געפרעגט:

— אפשר האָט איר אַ ידיעה, ווער עס האָט געבויט די טיר פון דער מערה?

האָבן זיי אַרויסגענומען אַ בוך און פאָרגעלייענט פאַר מיר, און עס ווערט דערציילט אין יענעם בוך, אַז אַ קיניג האָט געבויט די טיר פון דער הייל נאָכדעם ווי די ישמעאלים האָבן אָפּגענומען דעם בית המקדש פון די קריסטן. און יענער קיניג איז געווען דער צווייטער פון מחמד. און יענער קיניג האָט געשיקט פיר מענטשן אין דער הייל, און איטלעכער פון זיי האָט געהאַט אין האַנט אַ ליכט און זיי זיינען געשטאַנען אין מיטן הייל כּמעט אַ שעה; נאָכדעם זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען און דריי פון זיי זיינען געשטאָרבן תּיכּף נאָך זייער אַרויסגיין פון דער הייל און דער פערטער איז געוואָרן שטום ביזן דריטן טאָג. און דער קיניג, וואָס האָט אים געשיקט, האָט אים געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזען אין הייל?

האָט ער אים געענטפערט:

— איך האָב געזען די דאָזיקע געמעלן: אברהם אבינו אין מיטה אינם אָרט פונם געמעל פון דעם אייבערשטן קבר, וואָס מ׳האָט געמאַכט, און אַרום אברהם אבינום מיטה ליכט אַרום און אַרום. און ספרים אַ סך, און צוגעדעקט איז זיין מיטה מיט שיינע בגדים. און נאָענט פון אברהם אבינו איז די מוטער שרה, און יצחק

ורבקה איבערן קאָפּ פון אברהם ושרה, און יעקב אבינו און די מוטער לאה — אונטערן צופוסנס פון אברהם ושרה. און ליכט זיי־נען פאַרהאַן אַרום און אַרום די מיטות. און אויף איטלעכער פון די מיטות איז אַ געשטאַלט פון אַ מאַנסביל פאַר אַ מאַנסביל און אַ געשטאַלט פון אַ פרויענצימער פאַר אַ פרויענצימער. און די ליכט, וואָס זיינען געווען אין אונזערע הענט, זיינען פאַרלאָשן געוואָרן. און אין דער הייל איז געווען אַ גרויסע ליכטיקייט ווי די זון. און נאָכדעם ווי מיר האָבן געזען דאָס אַלץ, זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען, און אין דער הייל איז געווען אַ גוטער ריח ווי פון קטורת. און מיר זיינען נעגאַנגען פאַרביי רבקהם קבר, און אַלע פיר זיינען מיר גע־גאַנגען. און דערנאָך האָט געשריען אויף אונז אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען אין יצחקס מיטה, מיט אַ גרויסן קול, און מיר זיינען געווען ווי אָן אַ נשמה, ביז מיר זיינען אַרויסגעגאַנ־גען פון דער הייל.

און דאָס איז די צייכענונג פון די קברים און פונם בנין פון דער טיר פון הייל, וואָס דער קיניג האָט פאַרשלאָסן ביז אויף היינ־טיקן טאָג. דאָס זיינען די רייד פונם פערטן, וואָס איז געווען שטום צוויי טעג.

נאָכדעם האָב איך זיך געשטעלט מתפלל זיין ביי דער עפע־נונג פון ברונים. און איך האָב געזען די טיר־עפענונג פון דער מערה פרייטאָג צונאַכט ביזן אויפגאַנג פונם מאָרגנשטערן. און אינ־דערפרי האָב איך זיך געשטעלט מתפלל זיין ביז אָוונט. און אין דער נאַכט אויף זונטאָג האָב איך מתפלל געווען ביי דער עפענונג פון דער הייל. און איך האָב ניט געשלאָפן ביז אינדערפרי. און די זיבעציק זקנים האָבן געזאָגט צו מיר, אַז אויפן דריטן טאָג וועל איך האָבן אַ גוטן סימן. און איך בין געשטאַנען אַן איבערראַשטער און געשוויגן צו ווייסן, וואָס איך וועל זען. און אינדערפרי פון זונטאָג פאַר זונאויפגאַנג האָבן די שומרים מיך גערופן מיט גרויס פרייד און געזאָגט צו מיר:

— אונזער האַר דו נביא! שטיי אויף צו פרייען זיך מיט אונז צוזאַמען, דען עס איז געקומען צו אונז אַ גרויסע שמחה, —

וואַסער איז געקומען אין דער מקווה פון דעם דאָזיקן געבעט=הויז, וואו עס איז קיין וואַסער ניט געווען שוין פיר יאָר.

און איך בין געגאַנגען מיט זיי זען דאָס וואַסער, און באמת — שיין און לויטער=קלאָר וואַסער איז געפלאָסן אַהער אין מקווה אַריין — פון אַ וווייטן לאַנד.

נאָכדעם האָב איך אָפּגערייזט פון חברון כ״ד אדר און איך בין געגאַנגען קיין ירושלים. זיינען געקומען גזלנים אויפן וועג צווישן חברון און ירושלים, — און מ׳האָט געזאָגט צו מיר:

— אונזער האַר, זון פון נביא! אָט זיינען די פיינד פאַר אונז!

האָב איך זיי באַרואיקט:

— האָט קיין פאָרכט ניט און קיין אַנגסט. זיי זיינען אין שרעק און איר זייט זיכער.

איך האָב נאָך געהאַלטן אין ריידן מיט זיי, ווי עס איז אָנגעקומען דער טערקישער ריכטער פון חברון מיט אַ סך משרתים. ווי די גזלנים האָבן אים דערזען, זיינען זיי אַלע אַנטלאָפן. און איך האָב געצויגן מיט אים קיין ירושלים, וואוהין איך בין אָנגעקומען כ״ה אדר ה׳רפ״ג. אין זעלביקן טאָג בין איך אַריין אין הויז פון קודש=הקדשים [1]. און ווען איך בין אַריינגעקומען אין בית=המקדש, זיינען געקומען אַלע שומרים די ישמעאלים בוקן זיך פאַר מיר, און קושן מיינע פיס, און זיי האָבן געזאָגט צו מיר:

— דאָ איז דער אָרט פון אליהו הנביא און דאָס איז דער אָרט פון דוד המלך, דאָ איז דער אָרט פון שלמה המלך און דאָ — פון אברהם ויצחק, און אָט דאָ איז דער אָרט — פון מחמדן, אין אַ הייל אונטער דער אבן שתיה [2]) און איבער איר.

---

1) דאָס איז געמיינט דער מחמדאַנישער מעמשעט, וואָס דער צווייטער קאַליף אָמאַר האָט אין יאָר 638, נאָך זיין איינגעמען ירושלים, לאָזט אויסבויען אויפן באַרג מוריה אויפן אָרט פון בית-המקדש און וואָס רופט זיך אויף זיין נאָמען. יידן קוקן אויף אים ווי אויף אַ „שיקוץ משומם״, אָבער אַ פאַרשוועכטע הייליקייט איז דאָך אַ הייליקייט, דעריבער רופט אים דוד הראובני „בית-המקדש״ און „הויז פון קודש-הקדשים״.

2) אבן שתיה — פונדאַמענט-שטיין. פעלז אין יסוד פון בית-המקדש, וואָס קיין כוח האָט אים ניט געקאָנט חרוב מאַכן און ער איז געבליבן עד-היום. וועגן אים ווערן דערציילט מאַסן לעגענדעס און עס זיינען דאָ וועגן אים אַפילו ספּעציעלע תפילות. מיסטיקער און סימבאָליסטן זעען-איין אין אים דעם „אבן ישראל״— דעם סימבאָל פונם אייביקן קיום פון ישראל.

און זיי האָבן מיר געוויזן די ערטער פון די נביאים פון אונטער דעם שטיין און פון איבער אים.

און איך האָב געזאָגט צו די שומרים:

— וויבאַלד איך קען די דאָזיקע אַלע ערטער, על־כן גייט אייער וועג, דען איך וויל מתפלל זיין. און אינדערפרי וועל איך אייך געבן צדקה.

און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען זייער וועג.

איך האָב שוין געוואוסט, אַז אַלע זייערע רייד זיינען שקר און נאַרישקייט. און איך האָב מתפלל געווען ביז עס זיינען געקומען אַלע ישמעאלים מתפלל זיין, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער עזרה נאָך זייער ענדיקן די תפילה נאָך צוויי אַזייגער ביי נאַכט. זיי זיינען אַוועק צו זיך אין די הייזער און איך בין אַוועקגעגאַנגען אונטער דער אבן־שתיה. נאָכדעם האָבן די שומרים אויסגעלאָשן אַלע ליכט פון דער עזרה, אויסער פיר. און איידער זיי האָבן פאַרמאַכט די טירן, זיינען זיי געקומען זוכן און זען, אויב עס שלאָפט ניט עמיצער אין דער הייל, בכדי אים אַרויסצוטרייבן.

און זיי האָבן מיך געפונען און געזאָגט צו מיר:

— גיי אַרויס פון דעם דאָזיקן אָרט, דען מיר זיינען שומרים. מיר קענען ניט לאָזן שלאָפן דאָ קיין שום מענטשן, דען אַזוי האָבן מיר געשוואָרן צום קאַליף. לכן ווילן מיר ניט, דו זאָלסט שלאָפן אין דעם אָרט. און אויב דו וועסט ניט אַרויסגיין, וועלן מיר גיין צום מושל און ער וועט דיך אַרויספירן מיט געוואַלד.

און אַז איך האָב דערהערט זייערע האַרטע רייד, בין איך אַרויס פון דער עזרה, און זיי האָבן פאַרשפּאַרט די טירן. אַרום דער עזרה האָב איך מתפלל געווען אַ גאַנצע נאַכט און געפאַסט, און דאָס איז געווען די נאַכט פון מיטוואָך. און אינדערפרי, ווען די ישמעאלים זיינען געקומען מתפלל זיין אין דער עזרה, בין איך אַריינגעגאַנגען מיט זיי צוזאַמען. און אַז זיי האָבן געענדיקט זייער תפילה, האָב איך אויסגערופן מיט אַ גרויס קול:

— וואו זיינען די שומרים?

און זיי זיינען אַלע געקומען פאַר מיר. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— איך, אייער האַר און זון פון אייער האַר דעם נביא, בין געקומען פון מרחקים אינס דאָזיקע פאַרהייליקטע הויז, און מיין נשמה האָט געגלוסט שטעלן זיך אין אים מתפלל זיין, און ניט צו שלאָפן. זיינען אָבער באַלד געקומען פיר פון די שומרים און האָבן מיך אַרויסגעטריבן. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— איך בין אייער האַר און דער זון פון אייער האַרן. אויב איר ווילט פון מיר דעם שלום, איז גוט און איך וועל אייך בענטשן; און באם לאו — וועל איך זיך רעכענען מיט אייך און איך וועל שרייבן צום סולטאַן וועגן אייערע מעשים רעים.

און זיי האָבן מיר געענטפערט:

— זיי אונז מוחל דעם מאָל, דען מיר וועלן דיר באַדינען און זיין צו דיר ווי קנעכט, כל=זמן דו וועסט פאַרברענגען אין הייליקן הויז און מיר וועלן טאָן דיין רצון.

דענסטמאָל האָב איך זיי געגעבן צען דוקאַטן אויף צדקה, און איך בין געשטאַנען אין בית=המקדש און געפאַסט אין קודש= הקדשים פינף וואָכן צייט, קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער ניט געטרונקען, גייערט פון פרייטאָג=צו=נאַכטס ביז פרייטאָג=צו=נאַכט. און איך האָב מתפלל געווען אונטער דער אבן= שתיה און איבער איר.

דענסטמאָל זיינען געקומען צו מיר שלוחים פון מיין ברו= דער דעם קיניג יוסף און פון זיינע זקנים, און זיי זיינען געווען איבערגעקליידט און געמאַכט זיך פרעמד, און זיי האָבן זיך גע= שטעלט פאַר מיר אין בית=המקדש.

און ביי די ישמעאלים איז געווען אַ געמעל אין שפיץ פון געוועלב פון דער עזרה, און דאָס געמעל איז געווען ווי אַ האַלבע לבנה, געווענדט צו מערב=זייט. און דעם ערשטן טאָג שבועות ה׳רפ״ג האָט זיך דאָס געמעל אַוועקגעטאָן צו מזרח=זייט. און אַז די ישמעאלים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אויסגעשריען מיט אַ גרויס קול.

און איך האָב זיי געפרעגט:

— איבער וואָס שרייט איר אַזוי?

האָבן זיי מיר געענטפערט:

— בעוונותינו הרבים האָט זיך דאָס געמעל פון דער האַל־בער לבנה אַ נייג־געטאָן צו דער זייט פון זונאויפגאַנג, — און דאָס איז אַ סימן־רע פאַר די ישמעאלים.

נאָכדעם זיינען איופגעשטיגן די מייסטערס פון די ישמעאלים און האָבן צוריקגעקערט דאָס געמעל אויף זיין אָרט, אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט זיך דאָס געמעל ווידער אומגעקערט צוריק צו מזרח־זייט, בשעת איך בין געשטאַנען און מתפלל געווען, און די ישמעאלים האָבן ווידער געשריען און געוויינט. זיי האָבן געוואָלט אים אומקערן אויף זיין אָרט צוריק און האָבן ניט געקאָנט. און די זקנים האָבן מיר שוין לאַנג געזאָגט:

— ווען דו וועסט זען דעם דאָזיקן סימן, זאָלסטו גיין קיין רוים.

און איך האָב געזען די שערי רחמים און די שערי תשובה, און איך בין גענאַנגען אונטערן הייליקטום, — אַ גרויסער בנין פונקט ווי דער אייבערשטער בנין, — און איך האָב געטאָן אונטער דעם טעמפּל וואָס עם האָבן מיר באַפוילן די זקנים, אין אַן אָרט, וואו קיין מענטש קען מיך ניט אָנרירן. און דער דערמאָנטער סימן פונם געמעל האָט זיך באַוויזן נאָך מיין דערפילן דעם באַפעל פון די זקנים אונטערן בית המקדש.

נאָכדעם בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן הר־הזיתים און איך האָב דאָרטן געזען צוויי היילן, און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין ירושלים און בין אַרויפגעשטיגן אויפן באַרג ציון. און דאָרטן זיינען פאַראַן צוויי געבעט־הייזער אויפן אָרט פון דודס פּאַלאַץ: דאָס אייבערשטע — אין די הענט פון די קריסטן און דאָס אונטערשטע — אין די הענט פון די ישמעאלים. און די ישמעאלים האָבן מיר געעפנט און געוויזן מיר אַ געשטאַלט פון אַ קבר, און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער קבר פון דוד המלך ע״ה. און איך האָב דאָרטן מתפלל געווען. און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן און בין געגאַנגען צום אויבערשטן געבעט־הויז, און די קריסטן האָבן מיר געעפנט און איך בין אַריין אין יענעם בית־הכנסת און האָב דאָרטן מתפלל געווען. און נאָכדעם בין איך געגאַנגען פון ציון קיין ירושלים. און איך בין געקומען אין הויז פון אַ יידן, וואָס זיין נאָ־

מען איז געווען אברהם דער גר, און ער איז געווען אַ גאָלדשמיד, און געוואוינט האָט ער איבערן בית־הכנסת. און דאָרטן האָבן אַלטע ווייבער געוואַשן די מנורות פונם בית־הכנסת. און אין הויז פונם יידן בין איך געווען מיט צוויי ישמעאלים. איך האָב געפרעגט ביים יידן:

— ווי איז דיין נאָמען?

און ער האָט מיר געענטפערט:

— אברהם.

דערנאָך האָב איך אַוועקגעשיקט די ישמעאלים און געזאָגט צו זיי:

— איך האָב דאָ צו טאָן מיט דעם דאָזיקן גאָלדשמיד אַן ארבעט.

אַזוי זיינען די ישמעאלים אַוועק זייער וועג, און איך האָב געפרעגט ביי אים:

— ווי זייט איר מתפלל אין דער צייט, „מוריד הגשם" אָדער „מוריד הטל"?

און ער האָט מיר געזאָגט:

— „מוריד הטל".

און ער איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער. און איך האָב גערעדט מיט אים וועגן אַ סך זאַכן, אָבער איך האָב אים ניט אויסגעזאָגט, אַז איך בין אַ ייד, נייערט ווען איך בין דעם דריטן מאָל צו אים געגאַנגען אין זיין הויז, פאַר מיין אָפּרייזן פון בית המקדש. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— צייכן מיר אָן ווענעציע, רוים און פּאָרטוגאַל.

און ער האָט מיר אָנגעצייכנט אַלץ.

איך האָב אים געזאָגט:

— איך וויל גיין קיין רוים.

האָט ער מיך געפרעגט:

— צוליב וואָס?

האָב איך אים געענטפערט:

— איך גיי צוליב אַ גוטער זאַך, נאָר דאָס איז אַ סוד,

וואָס איך טאָר אים ניט מגלה זיין. און איך וויל, דו זאָלסט מיר אַן עצה געבן, ווי איך זאָל גיין מיט מיין וועג.

נאָכדעם האָב איך דעם דערמאָנטן אברהם דערלאַנגט אין האַנט אַ כתב, וואָס איך האָב געשריבן אין בית־המקדש, און גע־זאָגט צו אים:

— גיב פאַר מיר איבער אָט דעם כתב אין האַנט פון ר׳ יצחק הנגיד 1).

און איך בין אָפּגעפאָרן פון ירושלים כ״ד סיון ה׳רפ״ג. און עס זיינען געקומען מיך באַגלייטן אַן עם־רב ישמעאלים, רייטנדיק אויף פערד פינף מייל. און איך בין אַוועקגעגאַנגען אין מיין וועג. איך בין געקומען קיין עזה איז חודש תמוז אין זעלביקן אָרט, וואו איך בין איינגעשטאַנען דעם ערשטן מאָל. און עס איז געקומען צו מיר אַן אַלטער ייד אַ בשמים־הענדלער, און זיין נאָמען איז גע־ווען אפרים. און איך האָב צו אים געזאָגט:

— גיי רוף מיר יוסף דעם גאָלדשמיד, און זאָל ער נעמען מיט זיך די וואָג צו וועגן גאָלד און זילבער און די צייכענונג פון די זיגלען. און איר קענט קומען צוזאַמען אָפּן פאַר די ישמעאלים.

און אַזוי האָט דער אַלטער געטאָן, און זיי זיינען געקומען צו מיר ביידע. און איך האָב געפרעגט ביי יוסף דעם גאָלדמייסטער, וואָס מאַכט זיין אַלטער פאָטער און וואָס מאַכט זיין ברודער יעקב, אוי ער האָט מיר געזאָגט, אַז צו זיי איז פרידן. נאָכדעם זיינען צו מיר געקומען פיר זקנים, און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— איך בין אַ ייד. מיין פאָטער איז געווען דער קיניג שלמה און מיין ברודער יוסף, וואָס איז עלטער פון מיר, איז קי־ניג אין מדבר חבור איבער דריי הונדערט טויזנט גבורים.

און מיר האָבן געגעסן און געטרונקען וויין אין דער דאָזי־

---

1) ר׳ יצחק הנגיד איז דאָס ר׳ יצחק הכהן שלאַל, דער לעצטער נגיד אין מצרים. ער איז געווען אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אַוועקגע־שטעלט די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין מצרים אויף דער מדרגה פון דער אוראַלטער אויטאָנאָמיע אין בבל, אָבער נאָכדעם ווי סעלים I האָט איינגענומען דאָס לאַנד, האָט ער אָפּגעשאַפט די „נגידות״, און ר׳ יצחק האָט אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים.

קער נאַכט. זינט איך בין אַרויסגעפאָרן פון מדבר חבור האָב איך ניט געטרונקען קיין ווייַן ביז יענער נאַכט. און זיי האָבן מיך געפרעגט, אויב איך בין געווען אין מצרים, — האָב איך זיי דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן אין הויז פון ר׳ אברהם בעל=המטבע, ווי ער האָט מיר גורם געווען, אַז איך האָב פאַרלאָרן גאָר מיין געלט, וואָס עס האָט ביי מיר צוגענומען שרפאַדין.

און זיי האָבן מיר דערציילט, ווי איינער אַ ישמעאלי האָט געפונען אַ שטיין מיט אַן אויפשריפט פון אָפגעמעקטע הייליקע אותיות און ער האָט אים אָפגעגעבן צו אַ יידן פאַר פיר דוקאַטן. איך האָב געפרעגט וועגן דעם שטיין, און זיי האָבן מיר געזאָגט:

— מיר האָבן אים באַהאַלטן אויפן בית=הקברות.

זיינען צוויי פון זיי געגאַנגען און האָבן געבראַכט פאַר מיר דעם שטיין, און איך האָב געזען וואָס זיי האָבן געזאָגט, און זיי האָבן צוריקגעקערט דעם שטיין אויף זיין אָרט.

נאָכדעם בין איך מיט אפרים דעם זקן געגאַנגען אין יענער נאַכט אין הויז פון אַ יידן, וואָס זיין נאָמען איז ר׳ דניאל, און ער איז דער רייכסטער פון אַלע יידן אין עזה, אַ סעקרעטער ביי אַלע מושלים, וואָס פלעגן קומען לויט דער באַשטימונג פון סולטאַן קיין עזה, און אַ געאַכטער און אַ חסיד. און ער האָט געהאַט אַ זון אַ שטאַרקן העלד און אַ שיין געשטאַלט, וואָס זיין נאָמען איז געווען שלמה, און די יידן האָבן אים פיינט געהאַט, דען זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ צעלאָזענער. און איך האָב אים פאַררופן צו זיך און איך האָב אים געמוסרט אויג אויף אויג און געזאָגט צו אים:

— קער צוריק פון דיינע שלעכטע מעשים איידער מיר וועלן איינעמען ירושלים. און אויב דו וועסט ניט תשובה טאָן, וועט זיין דיין בלוט אויף דיין קאָפּ.

און ער האָט מיר אַ נדר געטאָן צו טאָן תשובה. און נאָכדעם, ערב=שבת, האָט דער רב ר׳ ישמעאל געשיקט צו מיר דורך אפרים דעם זקן אַ טויזנט=פאַכיקן שלום און האָט מיך געבעטן צו זיין ביי אים צו דער סעודה פרייטאָג=צונאַכטס. און אַזוי האָב

איך געטאָן. איך האָב פאַרבראַכט ביי אים ביז האַלבער נאַכט. נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו זיי:

— ווייזט מיר די שול.

און איך בין געגאַנגען אַהין און האָב דאָרטן מתפלל געווען כמו צוויי שעה און זיך אומגעקערט צוריק אין הויז פון דערמאָנטן הרב ר׳ ישמעאל. און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— אויב איר ווילט טאָן מיט מיר חסד פון וועגן דער ליב־שאַפט צום הייליקן נאָמען און פונוועגן דער ליבשאַפט צו די זקנים און דעם רעשט פון די בני ישראל, זאָלט איר מיר אויס־זוכן אַ שיף, וואָס גייט במהרה אָפּ קיין אַליסאַנדריאַה [1].

האָבן זיי געזאָגט צו מיר:

— ס׳איז דאָ אַ שיף, וואָס גייט אָפּ די וואָך קיין דאַמיעט [2], און עס זיינען אין איר דאָ יידן פון ירושלים. און דער דאָזיקער זקן ר׳ אפרים וועט גיין מיט דיר, און מיר וועלן אים באַלוינען.

דערנאָך האָב איך געזאָגט צו זיי:

— געבענטשט זאָלט איר זיין צום הייליקן נאָמען. שאַפט אָפּ פון צווישן אייך שנאת־חנם און קערט זיך אים צו גאָט, בכדי ער זאָל מקרב זיין אונזער גאולה און די גאולה פון הויז ישראל, דען אַזוי האָבן געזאָגט די זקנים.

און איך בין אַוועק צו זיך אין דירה שבת אינדערפרי, און איך האָב פאַרבראַכט ביי זיך אין הויז. נאָכדעם האָב איך גע־שיקט אַ ישמעאלי רופן דעם אייגנטימער פון דער שיף. און ער איז געקומען צו מיר און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך האָב געהערט, אַז דו גייסט קיין דאַמיעט.

און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, נאָר איך וויל גיין מאָרגן בעלות. און אויב דו האָסט עסקים, פאַרענדיק זיי היינט.

און איך האָב אָפּגערייזט פון עזה ט״ו תמוז ה׳רפ״ג, און איך בין אין צוויי טעג געקומען קיין דאַמיעט. און איך האָב זיך

1) אַלכּסנדריה של מצרים.

2) אַ שטאָט ביי דער לעפצונג פון צווייטן נילוס־אַרבל (פון מזרח).

געקומען אַ וואוינונג. נאָכדעם בין איך געגאַנגען אין הויז פון אַ יידן ר׳ מרדכי, און זיין ברודער איז ר׳ שמואל אין מצרים, און איך האָב פאַרבראַכט ביי אים דעם גאַנצן טאָג שבת. און זונטאָג האָט ער מיך געפירט מיט דער יבשה אויף אַ קעמל אַ מהלך פון צוואַנ-ציק מייל ביים ברעג פון ים. און איך בין אַריין אין אַ שיף און אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריאה כ״ד תמוז. און איך בין געגאַנגען אין דער מחנה. דעמאָלט איז געקומען צו מיר החכם המקובל ר׳ מרדכי און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין אַ ייד, אַ ברו־ער פונם קיניג אין מדבר חבור. און איך פאַרלאַנג פון דיר, דו זאָלסט מיך פירן מיטן ים קיין רוים.

און ר׳ מרדכי האָט געזאָגט צו מיר:

— גיי צום קאָנסול און ער וועט דיר ראָטן וואָס צו טאָן, דען ער איז אַ חשובער מאַן. און נאָכדעם וועסטו מיר איבערגעבן וואָס ער וועט דיר זאָגן.

און אַזוי האָב איך געטאָן. איך בין אַוועקגעגאַנגען צום קאָנסול און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין אַ ברודער פון קיניג פון מדבר חבור, און איך בין געקומען לויט דער עצה פון מיין ברודער דעם קיניג יוסף און אויך לויט דער עצה פון זיינע זיבעציק זקנים. און מיין רצון איז צו גיין צום פויפסט און נאָכדעם צום קיניג פון פּאָרטוגאַל. לכן ראָט מיר וואָס איך זאָל טאָן, און געפין פאַר מיר אַ שיף, וואָס איך זאָל גיין מיט איר.

און דער קאָנסול האָט מיר געענטפערט:

— עס איז דאָ אַ שיף, וואָס גייט קיין פּוליאַ [1]. אָבער איך האָב מורא, אַז עס וועט דיר אַרויסקומען אַ רעה איבער מיר. בכן ראָט איך דיר וואַרטן ביז עס וועט גיין די גאַליצע [2] קיין ווענעציע. און די ישמעאלים וועלן דיך פירן.

איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין מיין אָרט און נאָכדעם בין איך געגאַנגען אין הויז פון ר׳ מרדכי הנ״ל. און עס איז געקו-

1) פּוליאַ—אַפּוליע, אַ מדינה אין דרום-איטאַליע.

2) אַ גרויסע מיליטערישע שיף אין דער ווענעציאַנישער רעפּובליק.

מען אַ יונגערמאַן, און זיין נאָמען איז יוסף, וואָס זיין פאָטער און זיין מוטער זיינען פון נאַפּאָלי, און ער האָט אַ ווייב אין טעקיי. האָב איך געזאָגט צו ר׳ מרדכין:

— איך וועל גיין מיט דעם דאָזיקן מענטשן קיין רוים.

און ר׳ מרדכי האָט מיר געענטפערט:

— גוט. דער דאָזיקער יונגערמאַן וועט דיר זיין אין וועג אַ דאָלמעטשער.

און איך האָב יענע נאַכט פאַרבראַכט אין ר׳ מרדכים הויז. נאָכדעם האָב איך געזען אַ שיין אַ הויז אין אַ הויף פון אַ מחמדאַנישן מעטשעט, און האָב פאַרלאַנגט פונם שומר פון דעם הויז, וואָס זיין נאָמען איז געווען בירא דין, ער זאָל מיר געבן אָט דאָס הויז צו וואוינען דאָרטן אַ קורצע צייט. האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס איז אַ מעטשעט, און דאָס הויז געהערט צו אַ פרוי, אַ ירושה פון איר פאָטער. איר מאַן איז אָבער אַ רשע. און זי קען קיין שום זאַך ניט טאָן אָן זיין רשות.

בין איך אַוועק צום קאָנסול פיליפו און האָב אים דאָס אַלץ דערציילט. האָט ער געשיקט נאָכן מאַן פון דער פרוי און האָט געווירקט אַזוי, אַז איך בין אַריין וואוינען אין זיין הויז. און יוסף דער דאָלמעטשער האָט מיר באַדינט. און די ישמעאלים די רשעים, וואָס האָבן געוואוינט נאָענט פון יענעם הויז, האָבן זיך מצער גע-ווען, וואָס יוסף דער ייד האָט מיר באַדינט, ווייל אין זייער מע-טשעט טאָרן יידן ניט אַריינקומען. און אַז איך האָב דערהערט די דאָזיקע רייד, ביך איך אַוועקגעגאַנגען צו אַ נאָענטן שכן, אַ ישמעאלי, און ער איז געווען אַ רשע גמור, אַ שונא ישראל. און תיכף ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט:

— ברוך הבא, אונזער האַר און זון פון אונזער האַר! די דאָזיקע נאַכט איז אַ געבענטשטע, אויב דו ביסט געקומען אין אונזער הויז.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך בין געקומען אַהער אין הויז נאָר פון ליבשאַפט צו דיר. ווי קענסטו אָבער אויסהערן די אַלע מוסרים, וואָס ריידן שלעכטס אויף מיין קנעכט דעם יידן, וואָס איז מיר געטריי און באַדינט מיר מיט זיין גאַנצן האַרצן?

האָט דער רשע מיר דערווידערט:

— עס זיינען דאָ אַסך ישמעאלים, וואָס וועלן דיר באַדי־דינען. די יידן זיינען אָבער אונזערע פיינד און די פיינד פון נביא, און עס פּאַסט ניט, זיי זאָלן דיר באַדינען.

האָב איך אים געענטפערט:

— איך האָב איינגעפונען, אַז די אמונה איז ביי די ישמעאלים פאַרפאַלן געוואָרן. איך, אייער האַר דער זון פון נביא, בין געגאַנ־גען איבער אַסך מדינות און עס האָבן מיר באַדינט ישמעאלים, און אויך מיינע נאָענטע די זין פון נביא. און נאָכדעם האָבן זיי אָפּגע־גנבעט מיין צוטרוי און גאָר מיין געלט. און דו ווילסט מיך אַריינ־ברענגען אין צאָרן,—וועט אייך שלעכט זיין.

און דער מנוול האָט דערווידערט:

-- אויב דו ווילסט אַ גוטן דינער, וועל איך דיר געבן און אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַדינען.

דענסטמאָל בין איך אַרויס פון אים אין כעס. און אינדער־פרי בין איך אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ מרדכין און דערציילט אים אַלע רייד פון די ישמעאלים וועגן יוספן. און איך האָב געזאָגט צו יוספן:

— היט זיך און קום ניט צו מיר אין הויז אַריין, דען די ישמעאלים זוכן תחבולות דיך צו דערהרגענען.

נאָכדעם בין איך אַוועק צו זיך אין דירה און פאַרבראַכט ביז ערב ראש־השנה רפ״ד. דענסטמאָל האָב איך גערופן צו ר׳ מרדכין און געזאָגט צו אים:

— זאָג צום יידן 1), ער זאָל זיצן אין דער גרויסער שול, און איך וועל זיצן אין דער קליינער.

און אַזוי האָב איך געטאָן. איך האָב געדאַוונט אין דער שול די נאַכט פון ראש־השנה. און דער בעל־הבית יצחק בורפּו און אַ ייד ר׳ בנימין האָבן געדאַוונט מיט מיר אין שול. נאָכדעם זיינען מיר געגאַנגען עסן ביים בעל־הבית די נאַכט פון ראש־השנה. נאָכן עסן האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין שול און מתפלל

1) מן הסתם צו יוספן.

געווען ביז אינדערפרי. און אינדערפרי זיינען געקומען ר׳ יצחק און ר׳ בנימין הנ״ל דאווענען צוזאַמען מיט מיר. נאָכדעם זיינען מיר גע־גאַנגען עסן. און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין שול און איך האָב געזאָגט צום בעל־הבית:

— זאָלסט ניט עפענען די טיר קיין שום מענטשן, דען איך פאַרכט מיך. מיין רצון איז צו פאַרבלייבן אין בית־הכנסת ביז נאָך יום־טוב.

און אַזוי האָט ער געטאָן. און יוסף איז געקומען און האָט געקלאַפּט אין טיר און האָט געזאָגט:

— עפנט מיר, דען איך וויל ריידן מיט ר׳ דודן וועגן אונ־זער גיין קיין רוים.

האָט מען אים געענטפערט:

— ער האָט אונז פאַרזאָגט ניט צו עפענען די טיר.

נאָר ער האָט ניט געוואָלט הערן און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר צו צעברעכן זי. האָט מען געעפנט די טיר און מען האָט אים געשלאָגן. איז יוסף אַוועק אין דער גרויסער שול און האָט דערציילט אַלע יידן.

— איך בין געגאַנגען אין שול, וואו עס געפינט זיך דער שליח פון מדבר חבור. זיינען געקומען ר׳ יצחק און זיין ווייב און האָבן מיך געשלאָגן. וויל איך גיין צום מושל.

איז געקומען ר׳ מרדכי דער מקובל און האָט אים געמוסרט איבער דעם. און די יידן זיינען געקומען און האָבן מיר דער־ציילט די אַלע רייד. בין איך אָפּגעווען אין שול ביידע טעג ראש־השנה און דערנאָך אַוועק צו זיך אין הויז. און אין יום־טוב סוכות בין איך געגאַנגען צו ר׳ מרדכין פאַרברענגען ביי אים ביידע ער־שטע טעג. און יוסף איז געקומען צו מיר וויינענדיק און האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך פאַרזינדיקט פאַר דיר, דען דער כעס נעמט אָפּ דעם שכל.

און איך האָב אים מוחל געווען. און ר׳ מרדכי האָט גע־זאָגט צו מיר, אַז דער דאָזיקער יוסף איז נוט פאַר מיר אין וועג צו זיין אַ דאָלמעטשער צווישן מיר און צווישן די קריסטן. און

איך בין געגאנגען אין מארק און א קראם פון א יידן, און דער ייד האט צו מיר געזאגט:

— זיי ווייסן, אז דיין משרת יוסף ליגט קראנק צום בעט.

און איך האב געזאגט צו אים:

— נעם אים צו זיך אין הויז, דערנער אים און האלט אים אויס מיט אלץ.

און איך האב אים געגעבן געלט.

אזוי האב איך פארבראכט אין אליסאנדריאה ביז איך האב דערהערט, אז די גאליצע גייט קיין ווענעציע. איך בין אוועק צום גרויסן מושל, דעם אנגעשטעלטן פון סולטאן, און ביי אים האבן זיך געפונען גרויסע הארן, און איך האב געזאגט צו אים:

— מיין פארלאנג איז צו גיין קיין ווענעציע.

און איך האב גענומען פון אים רשות פאר זיי אין די אויגן. און אזוי האב איך געזאגט צו אים:

— איך בעט פון אייך אלעמען, טוט מיט מיר חסד פון־וועגן מיין ליבשאפט און דער ליבשאפט פונם נביא, און איך וועל מתפלל זיין פאר אייך צום נביא, ער זאל געבן אייך א חזקה אין גן־עדן, — איר זאלט זאגן דעם קאפיטאן פון דער גאליצע און באפעלן אים, ער זאל מיך אריינעמען אין דער שיף קיין ווענעציע.

און אזוי האבן זיי געטאן: זיי האבן געשיקט מיט מיר
ווייערע משרתים, וואס זיינען אריין מיט מיר אין
דער גאליצע, און זיי האבן באפוילן דעם
קאפיטאן די אויבן־דערמאנטע רייד
און דער קאפיטאן האט גע־
ענטפערט: — אזוי
וועל איך טאן.

ג. פון אלכסנדריה ביז רוים.

איך האָב אָפּגערייזט צוזאַמען מיט מיין משרת יוסף פון אליסנדריאה אין העלפט כסלו רפ״ד. און איך האָב געפּאַסט אַלע טאָג און מתפלל געווען טאָג און נאַכט. איך האָב אין אליסנדריאה אָנגעקויפט פאַר יוספן אַלע מיני מאכלים, נאָר ער האָט ניט געאַכט אויף מיר, ער איז געווען אין אַלץ אויסגעמישט מיט די קריסטן און האָט געגעסן פון גוים׳ישע כלים. איך האָב געשריען אויף אים. אָבער ער האָט מיר ניט געפאָלגט, ביז איך בין אָנגעקומען קיין קאַנדיאַה. אויך דאָרטן האָב איך געקויפט אַ סך מיני מאכלים. און די קריסטן האָבן געשריען אויף מיר, אויך דער קאַפּיטאַן, פונוועגן יוספן. דער קאַפּיטאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיקער יוסף האָט געגנבעט ברויט און וויין ביי די שיפסלייט. איך האָב געהאַט גרויס שאַנד פון אים און איך האָב ניט געקענט ריידן מיט אים, דען ער האָט ניט אָנגענומען מיינע רייד, ביז איך בין געקומען קיין ווענעציע און בין געגאַנגען אין הויז פון עלטסטן, דאָס הייסט, אין קאַפּיטאַניע, און ער (דער עלטסטער) האָט מיר געגעבן אַן אָרט. איך האָב געפּאַסט אין זיין הויז זעקס טעג און זעקס נעכט, קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער האָב איך ניט געטרונקען, און האָב מתפלל געווען טאָג און נאַכט. און נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט מיין תפילה, האָב איך דערזען אַ מענטשן הינטער זיך. האָב איך אים געפרעגט אויף לשון־הקודש:

— ווער ביסטו?

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך בין אַ ייד.

האָב איך אים געפרעגט:

— ווער האָט דיר דערציילט, אַז איך געפין זיך אין דעם דאָזיקן אָרט?

האָט ער געענטפערט:

— יוסף דיין משרת האָט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ שליח־מצווה.

האָב איך אים געפרעגט:

— ווי איז דיין נאָמען?

האָט ער מיר געענטפערט:

— אלחנן.

און אויף מיין שאלה וועגן זיין פאָטער און מוטער האָט ער מיר געענטפערט:

— דער פאָטער איז געשטאָרבן און די מוטער לעבט, נאָר זי געפינט זיך ניט אין דער דאָזיקער שטאָט.

אַן אַנדערש מאָל איז דער דאָזיקער אלחנן ווידער געקומען, און נאָך אַ ייד איז געווען מיט אים, וואָס זיין נאָמען איז געווען ר׳ משה קאַסטילעץ, אַ מאָלער. האָב איך געזאָגט צום דאָזיקן ר׳ משה:

— איך נייטיק זיך שטאַרק אין זיבן דוקאַטן, מחמת דער דאָזיקער יוסף מיין משרת איז אַן אָרעמאַן און אַ חולה, און איך האָב אויסגעגעבן פאַר אים אין אַליסנדריאַה אין וועג אַ סך געלט.

האָט מיר געענטפערט ר׳ משה הנ״ל:

— קום מיט מיר אין הויז, און איך וועל רופן די פּרנסים.

בין איך געגאַנגען מיט ר׳ משה הנ״ל אין דער יידישער געטאָ און עס איז געקומען צו מיר אַ בכּבודיקער ייד, מיטן נאָמען ר׳ מצליח, און איך האָב גערעדט מיט אים וועגן דער הוצאה. און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— מיר דאַרפן גיין אין הויז צו ר׳ חייא.

און מיר זיינען געגאַנגען. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין אַ ייד פון מדבר חבור, אַ געשיקטער וועגן אַ דבר־מצווה פון זיבעציק זקנים.

בין איך ביי אים אין די אויגן געווען ווי איינער וואָס מאַכט שפּאַס.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך נייטיק זיך אין זיבן דוקאַטן. רייד איבער מיט די פּרנסים, אויב זיי ווילן עס געבן.

דערויף האָט ער געזאָגט:

— אויב די איבעריקע יידן וועלן געבן, וועל איך אויך געבן מיין חלק.

און איך האָב צו אים געזאָגט:

— דאָס איז ביי מיר דער זעקסטער טאָג פון תענית, און איך עס ניט ביז נאַכט. דו וועסט מיר שיקן אַ ביסל וויין.

און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אויף מיין אָרט אין הויז פון קאַפּיטאַן. און ער האָט מיר ניט געשיקט קיין זאַך, און איך האָב ניט געגעסן מער ווי אייער און ברויט מיט וואַסער. און דער נכבד ר׳ מצליח האָט זיך משתדל געווען אין זיין מצווה, און עס איז געקומען צו מיר ר׳ שמעון בן אשר משולם און האָט געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ שליח־מצווה פון זיבעציק זקנים צו גיין קיין רוים. לאָז אונז וויסן, צו וואָס האָט מען דיך געשיקט, וועל איך שיקן מיט דיר צוויי יידן און וועל באַצאָלן די גאַנצע הוצאה.

האָב איך אים דערקלערט:

— איך גיי צום פּויפּסט. און איך קען ניט דערציילן קיין שום פּרט, נייערט אַז איך גיי לטובת כל־ישראל. און אויב דו וועסט טאָן מיט מיר חסד פונוועגן דער ליבשאַפט צו זיין הייליקן נאָמען און צו די זקנים און צו כל־ישראל, וועסטו שיקן מיט מיר צוויי מענטשן, וואָס זאָלן גיין ביז רוים. און דו וועסט זוכה זיין צוליב דער מצווה, און זיי וועלן דיר צוריקברענגען אַ בשורה טובה.

נאָכדעם בין איך געגאַנגען צוזאַמען מיט ר׳ משה דעם מאָ־לער אין הויז פון קאַפּיטאַן און איך האָב גענומען פון אים רשות און צוגענומען אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט, און בין אַוועק אין

געטאָ אין ס'הויז פון ר' משה דעם מאָלער. דענסטמאָל איז געקו־מען צו מיר ר' מצליח און איך האָב צו אים געזאָגט:

— זוכט מיר אויס אַ שיף צו גיין קיין רוים.

און אַזוי האָט ער געטאָן.

איך האָב פאַרבראַכט אין הויז פון ר' משה דעם פאָרטרעטן־מאָלער. און אין יענער נאַכט בין איך אַריין אין אַ קליין שיפל און געגאַנגען צו דער גרויסער שיף. און איך האָב געפאַסט. און איך בין געזעסן אין דער שיף ביז אינדערפרי. און אינדערפרי זיי־נען געקומען די מוכסים זען, וואָס געפינט זיך אין דער שיף, און איך האָב זיך געשראָקן און געפאָרכטן, דען איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין איז אַהינגעקומען יוסף.

נאָכדעם איז יוסף געקומען און איך האָב אָפּגערייזט פריי־טאָג ראש־חודש אדר רפ"ד. איך בין געזעסן דעם טאָג שבת אין שיף ביז איך בין אָנגעקומען קיין פעזאַראָ אין ס'הויז פון ר' משה פון פולינא, און איך האָב געזאָגט צו אים:

— טו מיט מיר חסד און פיר מיך קיין רוים, דען איך וויל ניט שלאָפן דאָ די דאָזיקע נאַכט. לכן זעט פאַר מיר.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אויסגעזוכט מיר פערד, און איך בין אָפּגעפאָרן מיט יוספן אין אַן אַנדער שטאָט, וואו עס זיינען געווען יידן, און אַזוי יעדן אָוונט, פון צוג צו צוג, מיט אַ סך יידן, ביז איך בין ערב פורים אָנגעקומען אין אַן אָרט ניט ווייט פון רוים, אַ האַלבן טאָג גאַנג, קיין קראַסטעל־נואָוואָ, אין הויז פון אַ יידן ר' שמואל. און איך בין געזעסן מיט אים דעם טאָג פורים.

און אין יענעם טאָג האָב איך געקויפט דעם באַוואוסטן אָקס, און איך האָב געטאָן מיט אים, ווי עס האָבן מיר פאַרזאָגט די זקנים. און אויף מאָרגן האָב איך געצויגן און בין אָנגעקומען קין רוים,

— אַ לויב צו גאָט!

ד. אין רוים.

איך, דוד, דער זון פֿון קיניג שלמה זצ״ל, פֿון מדבר חבור, האָב דערגרייכט די טיר פֿון מדינת רוים דעם פֿופֿצנטן טאָג פֿון חודש אדר אין יאָר רפ״ד. און עס איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ גוי פֿון ווענעציע און גענומען ריידן מיט מיר אַראַביש, בין איך אין כעס געוואָרן אויף אים. און איך בין אַוועק צום הויף פֿון פּויפּסט און איך האָב געריטן אויף אַ ווייסן אַלטן פֿערד, און מיין משרת בּיי מיר און אויך די יידן זיינען געקומען מיט מיר, און איך בין אַריין אין הויף פֿון פּויפּסט רייטנדיק אויפֿן פֿערד. און נאָכדעם בין איך אַריינגעגאַנגען צום קאַרדינאַל ג ו ל י א ו [1]) און עס זיינען געקומען אַלע קאַרדינאַלן און האָרן מיך זען. און ביים קאַרדינאַל גוליאוי הנ״ל האָט זיך געפֿונען כמהר״ר י ו ס ף צ ר פ ת י, וואָס איז געווען דער לערער פֿון דעם דאָזיקן קאַרדינאַל [2]). און פֿאַר אונז איז געקומען כמהר״ר החכם יוסף צרפֿתי. און איך האָב גערעדט צום קאַרדינאַל און מיין דאָלמעטשער איז געווען דער חבר, וואָס איז געקומען מיט מיר, און די יידן האָבן געהערט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט צום קאַרדינאַל. און איך האָב געזאָגט צום קאַרדינאַל הנ״ל:

— איך וועל ריידן מיט דיר קורצע רייד און איך וועל דערגאַנצן אַלע מיינע רייד פֿאַרן פּויפּסט.

---

1) ג ו ל י א ו — דזשוליאָ. לויט א ב ר ה ם כ ה נ א דאַרף זיין ג י ד י א ו — Egidio, — מן הסתם עדזשידיאָ די וויטערבאָ.

2) אויך דער באַרימטער גראַמאַטיקער און פֿילאָלאָג ר׳ א ל י ה ו ה ל ו י ב ח ו ר איז געווען לערער פֿון דעם דאָזיקן מערקווערדיקן קאַרדינאַל.

און איך האָב פאַרבראַכט ביים קאַרדינאַל ביז נאַכט, פרייי־טאָג צונאַכט, און די יידן האָבן געבעטן ביי אים, איך זאָל גיין מיט זיי ביז נאָך שבת, און דער קאַרדינאַל האָט געזאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט גיין מיט זיי, גיי, און אויב דו ווילסט אַ צימער אין מיין הויז, וועל איך דיר געבן. און ווען איך וועל מאָרגן גיין צום פויפסט, וועל איך שיקן זאָגן דיר, וואָס דער פויפסט וועט מיר זאָגן.

און אַזוי בין איך געגאַנגען מיט כמהר״ר יוסף צרפתי און מיט ר׳ רפאל הזקן, וואָס זיצן ביי איין טיש, און מיר האָבן גע־געסן פרייטאָג צונאַכט און געשלאָפן ביז אינדערפרי. און איך בין געגאַנגען מיט זיי אין שול צו בענטשן „גומל" ביי דער ספר תורה. און איך האָב מתפלל געווען ביזן סוף. און מיר זיינען געגאַנגען אין הויז פון ר׳ רפאל הזקן, און עס זיינען געקומען צו מיר קליינע קינדער, מאַנסבילן און ווייבער אין משך פון גאַנצן וועג ביז מיר זיינען אַריין צו ר׳ רפאלן אין הויז. און איך האָב געפאַסט דעם טאָג שבת. און אין משך פון גאַנצן טאָג שבת ביז נאַכט זיינען גע־קומען מיך זען מאַנסבילן און ווייבער, יידן און קריסטן.

דער קאַרדינאַל גוליאו הנ״ל האָט געשיקט נאָכן דערמאָנטן כמהר״ר יוסף צרפתי, און דער דאָזיקער איז נאָכדעם געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז דער פויפסט האָט באַפוילן דעם קאַרדינאַל (איבערגעבן מיר), איך זאָל צו אים קומען זונטאָג עלף אַ זייגער על כל פנים, און אַז דער פויפסט האָט זיך דערפרייט זייער שטאַרק און גלוסט מיך צו זען. און אינדערפרי פאַרן דאַווענען האָט מען מיר געגעבן אַ פערד און איך בין אַוועק אויף בורגעט שאַנט גילע[1], אין הויז פון אַ זקן, וואָס זיין שוואָגער איז געווען משה צרפתי[2], און איך האָב דאָרטן געדאַוונט. אויך אַהער זיינען געקומען צו מיר אַ סך יידן, זאָל הקדוש ברוך הוא זיי היטן און זיי מערן טויזנט מאָל אַזוי פיל. אַכט אַ זייגער בין איך געגאַנגען אין פויפסטס הויז

1) Borghetto Sante Gile — דער קליינער טורעם וואָס אויף דער גאַס סאַנטע דזשילע.

2 אפשר מיינט ער יוסף צרפתי?

און בין אַריין אין הויז פון קאַרדינאַל גוליאו צוזאַמען מיט צוועלף[1] יידן זקנים און נכבדים, אָן די יונגע לייט. און תיכּף ווי דער קאַר־דינאַל האָט מיך דערזען, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, און מיר זיינען ביידע געגאַנגען, איך און ער, אין דער דירה פון דעם פּויפּסט [2]). איך האָב גערעדט מיט אים (מיטן פּויפּסט) און ער האָט אָנגענומען מיינע רייד בסבר פּנים יפות און האָט געזאָגט:

— פון גאָט איז אַרויס די זאַך.

און איך האָב געזאָגט צו אים:

— דער קיניג יוסף און זיינע זקנים האָבן מיר באַפוילן, איך זאָל ריידן צו דיר, דו זאָלסט מאַכן שלום צווישן דעם קיסר[3]) און דעם פראַנצויזישן קיניג[4]) על כל פּנים, דען עס איז גוט פאַר דיר און פאַר זיי, אויב דו וועסט מאַכן אָט דעם שלום. און דו זאָלסט פאַר מיר שרייבן אַ כּתב צו די צוויי מלכים הנ״ל, זיי זאָלן אונז זיין צו הילף, און דערנאָכמאָל וועלן מיר זיי זיין צו הילף. און זאָלסט שרייבן פאַר מיר אויך צום קיניג פּ ע ט ר י ג ו אַ ן [5]).

און דער פּויפּסט האָט מיר געענטפערט:

— וועגן די צוויי מלכים, וואָס דו האָכסט געזאָגט, איך זאָל מאַכן שלום צווישן זיי,—קען איך דאָס ניט טאָן [6]). נאָר ווען דו

---

1) אָנשטאָט די צוועלף שבטים פון ישראל.

2) קלימענטיוס VII, וואָס איז געזעסן אויפן פּויפּסטלעכן טראָן פון 1523 ביז 1534. ער איז געווען איינער פון די בעססטע פּויפּסטן, וועלכע זיינען ווען עס איז געווען אין דער קאַטוילישער קירך. ער האָט געשטאַמט פון דער משפחה מע־דיטשי, איז געווען זייער אַ געלערנטער און אַ גוטער פון דער נאַטור, ניט קיין קנאי, און האָט ליב געהאַט קונסט. ער איז געווען גוט צו יידן און געווען אַ שוץ באַזונ־דערס פאַר די מגורשים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

3) דער דייטשער קיסר קאַרל דער פינפטער, וואָס האָט געהערשט איבער עסטרייך, שפּאַניע, פלאַנדריע, בורגונדיע, סאַרדיניע, סיציליע און איבער די שפּאַ־נישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע און האָט אויך אויסגעשפּרייט זיין האַנט אויף אי־טאַליע.

4) פראַנסואַ I, דער דם שונא פון קאַרל V.

5) זשואַן III, קיניג פון פּאָרטוגאַל.

6) שלום מאַכן מיט קאַרל V האָט געהייסן פאַרשקלאַפן צו אים איטאַליע און די פּויפּסטלעכע נחלאות.

וועסט דאַרפֿן הילף,—וועט דער קיניג פֿון פּאָרטוגאַל דיר זי געבן. איך וועל צו אים שרייבן, און ער וועט אַלץ טאָן. אויך איז זיין לאַנד נעענטער צו דיין לאַנד, און דורכן ים הגדול 1) זיינען זיי געוויינט צו גיין אַהין אַלע יאָר מער ווי די צוויי מלכים, וואָס דו האָסט אָנגערופֿן.

דערויף האָב איך געענטפֿערט דעם פּויפּסט:

— אַלץ וואָס דו ווילסט איז מיין באַגער, און איך וועל ניט אָפּטרעטן ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס פֿון אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסן, דען איך בין געקומען צוליב דינען גאָט און ניט צוליב קיין אַנדער זאַך. און איך בין גרייט צו דיין הנאה און צו דיין טובה מיין גאַנץ לעבן.

נאָכדעם האָט דער פּויפּסט געשיקט צום קאַרדינאַל גוליאו און געפֿרעגט:

— וואו שטייט איין דער אינבאַשאַדאָר? 2)

און ער האָט אים געענטפֿערט:

— די יידן האָבן אים געבעטן, ער זאָל גיין מיט זיי אויף דעם טאָג שבת.

גם די בכבודיקע יידן זיינען געווען ביים פּויפּסט און זיי האָבן אים אויך געבעטן:

— לאָז דעם אינבאַשאַדאָר מיט אונז, דען מיר וועלן אים אַכפּערן פֿון דיין כבוד וועגן.

און דער פּויפּסט האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— אויב איר וועט אים אָנטאָן כבוד, וועל איך אייך באַצאָלן פֿאַר אַלע הוצאות, וואָס איר וועט מאַכן.

און איך האָב געזאָגט צום פּויפּסט:

— איך וועל קומען צו דיר איין מאָל אין צוויי טעג צו זען דיין פּנים, ווי צו זען דעם פּנים פֿון אַ מלאך אלהים.

און דער פּויפּסט האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער באַפֿעלט דעם קאַרדינאַל גוליאו, דאָס יעדן מאָל, ווען ער וועט קומען מיך

---

1) מיטללענדישער ים.

2) Imbasciatore—אַמבאַסאַדאָר—שליח פֿון אַ מלוכה.

זען, זאָל ער קומען מיט דיר, און ער וועט דורכפירן אַלע דיינע עסקים.

אזוי האָב איך גענומען פון אים רשות און איך בין אַרויס־געגאַנגען פון אים און געגאַנגען מיט די יידן, און איך בין געווען פריילעך און מיין האַרץ איז מיר גוט געווען. איך בין אַוועק אויפן וועג צו שאַנט גילע אין הויז פונם זקן. און אהרן דער ממונה 1) איז געווען באַליידיקט דערפון, וואָס איך בין אַוועק אין הויז פונם זקן הנ״ל. און ער איז אַוועק צום קאַרדינאַל גוליאו און האָט גע־זאָגט צו אים:

— היות די ממונים און די גאַנצע קהילה אָרדענען איין אַ הויז פאַר דעם אינבאַשאַדאָר, קען ער שטיין אַליין אין אַ דירה און מיר וועלן אים געבן משרתים.

האָט דער קאַרדינאַל געשריבן צו מיר, איך זאָל גיין מיט זיי. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן יענעם כתב, און איך בין געגאַנגען מיט זיי. מ׳האָט מיר איינגעאָרדנט אַ פיינע דירה פון דריי שיינע גרויסע און גוטע חדרים. דער נאָמען פון דעם בעל־הבית איז גע־ווען יוסף און ער האָט געהאַט דריי זין: דער עלטסטער האָט געהייסן משה, דער צווייטער בנימין און דער דריטער יהודה,— און זיי אַלע האָבן מיר באַדינט. און איך האָב פאַרבראַכט אין זייער הויז זעקס וואָכן. איך בין געגאַנגען אין הויז פון דעם קאַרדינאַל פינף טעג, טאָג נאָך טאָג, דען די אַנדערע קאַרדינאַלן פלעגן קומען צו אים אין הויז און פלעגן מיך פרעגן און בעטן פון פרימאָרגן ביז אָוונט.

און איך האָב אין יענעם הויז געפאַסט זעקס טעג און זעקס נעכט נאָך דער ריי אָן אויפהער, קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער ניט געטרונקען. און אויף פרייטאָג צו נאַכט האָט מען פאַר מיר אויפגעקאָכט וואַסער און געקאָכט האָט מען עס מיט פאַרשיידענע מינים קרייטעכצער. זיי האָבן קיין זאַך ניט גע־טאָן פון קיין אַנדער טעם, נייערט אויס ליבשאַפט צו מיר. און ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ רפואה נאָך אַ תענית, און

1) ממונה — אַ פרנס — אַ פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה.

מיין האַרץ איז מיר געווען פאַרשמאַכט און איך האָב געוואָלט טרינקען, — האָבן זיי מיר געגעבן דאָס געקאָכטע וואַסער. איך האָב זיך אָנגעטרונקען צו פיל, און דאָס וואַסער, וואָס איך האָב געטרונקען, האָט מיר גורם געווען אַ גרויסע און אַ שטאַרקע ברוסט-קראַנקהייט, דען איך בין ניט געוויינט געווען צו טרינקען אַזאַ וואַסער נאָך מיין תענית. אין ירושלים האָב איך געפאַסט זעקס מאָל זיבן טעג און נעכט און אין ווענעציע זעקס טעג און נעכט, און אין די אַלע תעניתים פלעג איך ניט טרינקען קיין אַנ-דער זאַך ווי וואַסער און גוטן צוקער, און עס פלעגט מיר ניט שאַדטן. און זיי האָבן אויך געמאַכט אָט דאָס וואַסער נאָר פון מיין טובה וועגן, ווייל זיי ווייסן ניט מיין טבע, — און זאָלן זיי גע-בענטשט זיין, די בעלי-בתים און די ממונים!

ס׳איז אויף מיר געקומען אַ גרויסע מחלה, און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— זעט זוכט מיר אויס אַ בית-המרחץ.

און עס איז געקומען איינער, וואָס זיין נאָמען איז געווען יום-טוב, און ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַ בית-המרחץ. איך בין אַוועק אַהין מיט פינף אָדער מיט זעקס משרתים, און איך האָב מיט זיי צוזאַמען פאַרבראַכט דאָרטן ביז האַלבער נאַכט. זיי האָבן מיר אין דעם זעלביקן מרחץ איינגעאָרדנט אַ צימער מיט אַ גוטער בעט און איך האָב דאָרטן געשלאָפן. אין דער זעלביקער נאַכט האָב איך מיר אַ סך בלוט געלאָזן ביזן צווייטן טאָג, און עס איז אַרויס פון אַלע מיינע אברים — היבשע פולע כוסות.

און עס איז געקומען צו מיר מיין בעל-הבית און האָט גע-זאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר אין מיין הויז.

האָב איך אים געענטפערט:

— געבענטשט זאָלט איר זיין ביי גאָט! אָבער איך פאַר-טראָג ניט אייער הויז מחמת דער קראַנקהייט און איך קען אַהין ניט גיין. גרייט מיר צו אַן אַנדער הויז.

און אַזוי האָט יום-טוב הלוי מיר איינגעאָרדנט אַ דירה. איך בין אַוועק מיט אים און אַריין אין חדר, וואָס ער האָט צוגעגרייט,

אָבער דאָס איז געווען אַ הויז פול מיט שכנים און אויך אַ דורכ־גאַנג פאַר אַלע שכנים.

דענסטמאָל האָב איך געשיקט נאָך החכם ר׳ יוסף צרפתי, און ער איז געקומען צו מיר. און איך האָב צו אים געזאָגט:

— דו זעסט, ווי איך געפין זיך. אויב דו ווילסט זיך קונה שם־טוב זיין, אָרדן מיר איין אַ צימער אין דיין הויז, וועל איך פאַרברענגען ביי דיר ביז עס וועט מיר פאַרבייגיין די דאָזיקע מחלה.

און ער איז אַוועק צו זיין מוטער און צו זיינע שוועסטער און האָט ביי זיי גענומען רשות, איז געקומען צו מיר און האָט געזאָגט, אַז ער האָט מיר איינגעאָרדנט אין זיין הויז אַ חדר און אַ שיינע בעט. איך האָב פאַרבראַכט ביי אים אין הויז דריי חדשים און ער האָט מיר געגעבן אויף אַלע הוצאות און אַלץ וואָס מיר איז נייטיק געווען. זאָל גאָט אייך בענטשן! זיי האָבן מיך גע־שפייזט, געמאַכט מיר אַ סך פאַרשיידנאַרטיקסטע רפואות, געוואַ־רעמט פאַר מיר גראָזן, געלייגט מיר אויף די פיס יענע גראָזן אַ סך נעכט, אַ סך מאָל מיר וויין געוואַרעמט, געוואַשן מיר די פיס און געמאַכט מיר שמירונגען. זיי האָבן פאַר מיר גענומען איילבערט־ביימל, אין אַ גרויסע כלי און איך בין אַריין אין יענעם וואַרעמען איילבערט־ביימל אין יענער כלי פיר מאָל. און נאָך מיין אַרויס־גיין פונם וואַרעמען בוימל פלעג איך אַריינגיין אין אַ גוטער בעט, און מען פלעגט מיר יעדן מאָל בייטן די ליילעכער. און איך בין גע־ווען ווי אַ מת. און זיי האָבן געזען זיין אויסזען, — אין אים איז דאָ אַזוי ווי אַ שטויב אויף אַ ראַנד. נאָר איך האָב זיי ניט געגלויבט. דען איך האָב געזאָגט:

— קוקט זיך איין גוט אין זיין מראה: אויב דער דאָזיקער סימן איז אין איר פאַרהאַן, — איז שלעכט. און איך האָב געזען, און זייערע רייד זיינען אמת. נאָר איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך וועל ניט שטאַרבן ביז איך וועל אויפזאַמלען ירושלים און אויסבויען דעם מזבח און מקריב זיין אויף אים דעם קרבן. און זיי האָבן זיך געפרייט אין זייער האַרצן, אַז דאָס איז פון גאָט און פון מיין גוטער טבע. — און דער שלאָף קומט צו מיר גאָרניט. מיי־נע באַדינער טראָגן מיך אַ גאַנצע נאַכט אויף זייערע אַקסלען ביזן

מאָרגנשטערן, און דענסטמאָל לייגן זיי מיך אַריין אין בעט. און איך האָב זיך מצער געווען מיט אַ גרויסן צער — צווישן לעבן און טויט. זיי האָבן מיך געזען אין מיין צער און האָבן געגלויבט, אַז איך האַלט ביים טויט. כמ״ר יוסף צרפתי הנ״ל און זיין שוועסטער דינה האָבן געזען מיין וואַסער און האָבן מיר געוויזן זיין מראה. האָב איך צו זיי געזאָגט:

— שרעקט זיך ניט איבער מיר, דען איך ווייס געוויס, אַז איך וועל ניט שטאַרבן פון אָט דער מחלה.

און זיי האָבן געזאָגט צו מיר:

— אפשר ווילסטו זאָגן ווידוי, דען דאָס דערנענטערט ניט דעם טויט און דערווייטערט אים ניט.

בין איך אויך זיי אין כעס געוואָרן און האָב געזאָגט:

— גייט געזונטערהייט! איך האָב קיין רצון ניט צו זאָגן ווידוי, דען איך האָב בטחון אין גאָט, אַז ער וועט זיין מיט מיר. פונקט ווי ער האָט מיך מציל געווען צוליב זיין עבודה ביז אַהער, אַזוי וועט ער מיט מיר אויך תמיד זיין.

און זיי האָבן זיך געוואונדערט און געפרייט מיט דער זאַך. און הקדוש ברוך הוא האָט מיר געגעבן אין דעם טאָג אַ גרויסן שוויים און איך בין געזונט געוואָרן פון דער גרויסער קראַנקהייט. און עס זיינען געשטאַנען פאַר מיר מיינע משרתים, חיים און דער חזן און מתתיה און שם טוב און דוד פיראַני און שמחה און שלמה הגבאני און יידן פון מערב: איינער שועה און זיין ברודער משה און דער דריטער שבתי, — און די אַלע זיינען געשטאַנען אין ה׳יז פון כמ״ר יוסף צרפתי טאָג און נאַכט און האָבן מיר באַדינט און זיינען געשלאָפן מיט מיר. און עס איז געקומען אַ גרויסע קראַנקהייט אויפן חזן מיין משרת, און ער איז אַוועק צו זיך אין הויז און האָט זיך פאַרשפּאַרט פערציק טעג, דען מ׳האָט מורא געהאַט, אפשר איז דאָס אַ קלעפּיקע קראַנקהייט. נאָר גאָט האָט אים מציל געווען און געווען אים צו הילף. נאָכדעם האָב איך גערופן דינהן און איר מוטער און געזאָגט צו זיי, אַז איך וויל ניט זיין אין דעם ה׳יז מחמת דער קראַנקהייט און איך וויל זיין אין אַן אַנדער הויז. און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— איך וויל דאָ מער ניט זיין בשום אופן.

האָבן זיי זיך מצער געווען זייער שטאַרק און אויך געוויינט, דען זיי ווילן ניט, איך זאָל אַוועקגיין אין אַן אַנדער הויז. האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איך גיי אין אַן אַנדער אָרט ביז נאָכדעם ווי איך וועל געזונט ווערן.

און איך האָב גערופן צו כמ״ר יוסף צרפתי און געזאָגט צו אים:

— געפין מיר אַ וואַרעמען בית־מרחץ.

האָט ער מיר איינגעאָרדנט אַ שיינעם מרחץ אין דער ספרדישער שול. און איך בין אַריין אין מרחץ און אַרוים פון אים, און דענסט־מאָל, נאָך אונזער אַרויסגיין, האָט יהודה קוטוניא איינגעאָרדנט פאַר אונז אַ גרויסע סעודה.

נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין הויז פון כמ״ר ר׳ יוסף צרפתי. און איך האָב גערופן דעם רופא ר׳ משה אבודרהין, און ער איז געקומען צו מיר און איך האָב געזאָגט צו אים:

— זע פאַר מיר אַ וואוינונג.

און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט אַ שיין הויז.

— און אַ גוטער חדר איז צוגעגרייט פאַר דיר און אַלץ וואָס נייטיק איז.

בין איך מיט אים געגאַנגען אין זיין הויז, און ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ שיינעם צימער, און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך האָב דריי זין, יוסף און שמואל און יצחק, און זיי וועלן דיר באַדינען, און אויך איך וועל דיר באַדינען, און אַזוי וועלן אויך די צוויי זין פון מיין ברודער, יצחק און אברהם, דיר באַדינען. און איך האָב פאַרבראַכט ביי אים אין הויז פון מיטוואָך ביז מוצאי שבת. און ער האָט געהאַט אַ יונגע טאָכטער, וואָס האָט געקענט עשרים וארבע און פלעגט דאַווענען אַלע טאָג שחרית און מעריב, און אין דעם טאָג שבת האָט זי געהאַט אַ גרויסע שמחה און זי האָט געטאַנצט. און זונטאָג איז אויף איר געקומען אַ קראַנקהייט פון אַ מין פעסט. נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט תפילת שחרית, איז געקומען צו מיר אַ קלוגע געלערנטע פרוי, און איר נאָמען איז

געווען רבית,—זי פלעגט לערנען מיט קליינע קינדער, איז געווען אַ רייכע און האָט געלערנט אויך מיט יענער מיידל,—און זי האָט געזאָגט צו מיר:

— זיי מתפלל פאַר דער טאָכטער פון ר׳ משה אבודרהין, דען אויף איר איז געקומען אַ היצקרענק אין אָט דער נאַכט.

און תיכף ווי איך האָב דערהערט די רייד פון דער פרוי, האָב איך גערופן צו ר׳ משה הנ״ל און געזאָגט צו אים:

— געפין פאַר מיר אַ סאָד, דען איך וויל גיין אין אַ סאָד.

האָט מען מיר געגעבן אַ סאָד. גם האָב איך געשיקט צו די משרתים, וואָס פלעגן מיר באַדינען אין הויז פון כמ״ר יוסף צרפתי, און זיי זיינען געקומען צו מיר אין סאָד. אויך זיינען אַהין צו מיר געקומען די דריי זין פון ר׳ משה הנ״ל. און מיר האָבן פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג ביז נאַכט אין סאָד.

נאָכדעם האָב איך געשיקט יוסף דעם זון פון ר׳ משה הנ״ל צו זיין פאָטער און געלאָזט אים זאָגן:

— איך קען ניט קומען אין אייער הויז ביז עס וועלן אַוועק־גיין אַכט טאָג און מיר וועלן זען, וואָס עס וועט זיין מיט דער קראַנקהייט פון דיין טאָכטער.

איז יוסף געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צוריק און מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ דירה און אַלץ וואָס נייטיק איז אין הויז פון זיין פעטער יצחק אבודרהין. בין איך אַוועק מיט אים אין הויז פון זיין פעטער ר׳ יצחק, אָבער דאָס איז גע־ווען אַ שלעכט הויז מיט אַ שלעכטן ריח. און יצחק זיין פעטער האָט געהאַט אַ חשובע פרוי, און איר נאָמען איז געווען פירנא, און זי האָט גערעדט אַראַביש און איז געווען אַ געלערנטע. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי זיי און זיי האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ צימער. און די דריי זין פון זיין ברודער ר׳ משה זיינען אויך געשטאַנען אין אונזער וואוינונג ביז ס׳איז אַריבער די קראַנקהייט פון זייער שוועסטער. און יצחק און זיין פרוי האָבן מיר באַדינט, און זיין זון משה גם אברהם אבודרהין — אַלע האָבן מיר באַדינט מיט זייער גוף און מיט זייער געלט. און איך האָב פאַרבראַכט אין אָט דעם הויז דריי חדשים. און די גאַנצע הוצאה איז געווען אויפן

חשבון פון ר׳ משה אבודרהין. און זיין ברודער אברהם פלעגט מיך יעדע וואָך באַזוכן מיט מתנות. און יצחק הנ״ל און זיין פרוי,— געבענטשט זאָל זי זיין צווישן די פרויען, אמן, — האָבן מיר באַדינט מיט זייערע אַלע כוחות. און די טאָכטער פון ר׳ משה אבודרהין איז געשטאָרבן. און די ברידער אירע, די זין פון ר׳ משה, האָבן פאַרבראַכט ביי מיר אין וואוינונג ביז עס זיינען אַוועק פערציק טעג. און דאָס, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אָט דעם הויז, האָב איך געטאָן נאָר פונוועגן זייער ליבשאַפט, דען דאָס הויז איז געווען זייער און זייער שלעכט, און די קריסטלעכע הערן פלעגן קומען צו מיר מיך זען אין אַ ניט צוגעפּאַסטן הויז. נאָכדעם האָב איך געשיקט צום קאַרדינאַל און אים דערציילט, אַז איך בין אַרוים פון יוסף צרפתים הויז אין אַן אַנדער וואוינונג מחמת דער קראַנקהייט, וואָס איז געקומען אויף מיר אין זיין הויז, און אַז איך געפין זיך איצטער אין אַ ניט צוגעפּאַסטער דירה. און תיכף ווי דער קאַרדינאַל האָט דערזען מיין כתב, האָט ער געשיקט צו די ממונים און זיי געפרעגט וועגן מיר, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— זוכט אויס פאַר אים אַ שיינע צוגעפּאַסטע דירה, גיט אים אָפּ כבוד און גיט אים אַלץ וואָס נייטיק מיט די פיר באַדינער.

נאָכדעם זיינען געקומען צו מיר די ממונים און האָבן געזאָגט צו מיר:

— היות ווי מיר האָבן געזוכט פאַר דיר אַ הויז און מיר האָבן געזען צוויי הייזער, בכן שיק דיינע באַדינער און זאָלן זיי זען, וועלכע איז בעסער, וועלן מיר נעמען פאַר דיר.

האָב איך געענטפערט די ממונים:

— איך וועל גיין צופוס.

און אַזוי בין איך מיט זיי געגאַנגען. און יצחק און זיין ווייב האָבן זיך מצער געווען. מיר זיינען געקומען אין אַ הויז און מ׳האָט מיר געוויזן אַ שיינעם צימער, נאָר דאָס הויז איז פול מיט שכנים. האָב איך געזאָגט צו די ממונים:

— דאָס הויז איז ניט גוט פאַר מיר.

און איך בין געגאַנגען מיט זיי אין אַן אַנדער הויז, אַ גרויס און אַ גוטס, און איך בין אַהין אַריין. און אין דעם הויז זיינען געווען

פיר חדרים און אַלע צוגעגרייט פאַר מיר, און קיין שכנים זיינען דאָרטן ניט געווען, נייערט אין אונטערשטן הויז אַ זקנה מיט אירע זין און טעכטער — די אייגנטימערין פון הויז. האָב איך געזאָגט צו די ממונים:

מיין ווילן איז צו וואוינען אין דעם דאָזיקן הויז.

און מען האָט געדונגען פאַר מיר דאָס הויז פון דער זקנה הנ״ל אויף זעקס חדשים און מ'האָט איר באַצאָלט דאָס גאַנצע דירה־געלט. און דוד בן פירנא און משה און יהודה קוטוניאה ז״ל מיט מיינע משרתים האָבן מיר איינגעאָרדנט דאָס הויז. זיי האָבן מיר איינגעאָרדנט גוט די חדרים און אַ שיינע בעט און האָבן אין גרויסן חדר געמאַכט אַ שול און אַריינגעשטעלט אַ ספר־תורה מיט דרייסיק שטענדיק ברענענדיקע ליכט. און די משרתים, וואָס האָבן מיר באַדינט, האָבן אַלץ געטאָן פון ליבשאַפט צום הייליקן נאָמען און ניט פאַרלאַנגט פון מיר קיין שום שכירות, נאָכמער — זיי האָבן מיר אַ נדר געגעבן מיטצוגיין מיט מיר אין אַלע וועגן, וואוהין איך וועל גיין. נאָר צוליב זייערע קינדער האָב איך ניט געוואָלט, זיי זאָלן גיין מיט מיר, כדי ניט צו לאָזן זיי אַליין. און מיט מיר איז שטענדיק געווען מיין סעקרעטער ר' אליהו בן יואב דער מלמד, און זיין ברודער דער חזן און אויך זיין ברודער בנימין האָבן מיר באַדינט די גאַנצע צייט פון מיין פאַרברענגען אין רוים. און דעם משרת, וואָס איז געקומען מיט מיר פון קאַנדיאה, יוסף הרשע, האָב איך אָפּגעשיקט צו זיין פאָטער קיין נאַפּאָלי, מחמת גאַנצענע טעג פלעגט ער זיך קריגן און רייסן מיט די איבעריקע משרתים און ער האָט געוואָלט הערשן איבער זיי. גם האָט ער געהאַט אַ גרויסע צונג און האָט אויף מיר מלשין געווען פאַר דאָן מיקעל [1], דעם אינבאַשאַדאָר פון דעם פּאָרטוגאַלישן קיניג, און האָט געזאָגט, אַז איך בין געקומען נאָר בכדי אומצוקערן די אנוסים צו דער יידישקייט. און אַז די אנוסים אין רוים האָבן געהערט זיינע רייד, וואָס ער האָט מלשין געווען אויף זיי, זיינען זיי געקומען צו מיר און האָבן געזאָגט:

---

1) מיגועל דאַ סילוואַ.

— מיר ווילן טויטן דעם משרת.

נאָר איך האָב זיי שטאַרק געבעטן, זיי זאָלן אים ניט טאָן קיין שלעכטס.

נאָכדעם האָב איך אים פאַררופן צו זיך, האָב אים געגעבן קליידער און געלט און אים אָפּגעשיקט צו זיין פאָטער קיין נאַפּאָלי. און איך האָב פאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן הויז ביז ראש־השנה. און עס האָבן געזאָגט צו מיר די משרתים, היינו חיים, מתתיהו און דער חזן, אַז דער קאַרדינאַל פאָרט אַוועק קיין וויטערבאָ און ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק פריער פון צוויי חדשים. נאָר איך האָב זיי געענטפערט:

— אַלץ איז פון גאָט. אויב ער וועט פאַרשפּאַרן די טיר, וועט ער עפענען אַן אַנדער טיר, אַ בעסערע.

און דער קאַרדינאַל האָט צו מיר אויך געשיקט וועגן דער דאָזיקער זאַך. און איך האָב געשיקט צו אים אַלע משרתים הנ״ל. און דער קאַרדינאַל האָט פאַרזאָגט וועגן דעם דאָזיקן ענין דעם סעקרעטער פונם פּויפּסט און האָט געשיקט צו אים דעם חיים און האָט געזאָגט:

— אויב דער יידישער אינבאַשאַדאָר וועט פאַרלאַנגען עפּעס פונם פּויפּסט, זאָלסטו אים זיין צו הילף.

און דער סעקרעטער האָט געפאָלגט. און אַזוי האָט ער געזאָגט צו חיים מיין משרת:

— אויב דער אינבאַשאַדאָר וועט פאַרלאַנגען עפּעס פונם פּויפּסט, וועל איך טאָן אַלץ.

און חיים איז געקומען און האָט מיר דערציילט די דאָזיקע אַלע רייד.

און דער קאַרדינאַל ג׳וליאו איז אַוועק קיין וויטערבאָ. און איך האָב געטראַכט: ווער וועט מיר זיין צו הילף און ווער וועט זיין אַ דאָלמעטשער צווישן מיר און דעם פּויפּסט? און איך האָב געזוכט אַ מענטשן, און זיין נאָמען איז געווען ר׳ דניאל פון פּיסאַ [1], וואָס פלעגט קומען צום פּויפּסט און האָט געוואוינט אין

---

1) Pisa.

אַ הויז ניט ווייט פון אים, און ער איז געווען אַן עושר און זייער געאַכט, אויך אַ חכם און אַ מקובל, — האָב איך אין האַרצן מסכים געווען אים צו רופן. און איך האָב געשיקט נאָך אים און ער איז געקומען צו מיר, און איך האָב מיט אים גערעדט און געזאָגט צו אים:

— איך זע, אַז דו ביסט געאַכט ביים פויפסט און ביי אַלע קאַרדינאַלן, און דו ביסט אַן אדם גדול און אַ חשוב, — בכן איז מיין באַגער, דו זאָלסט זיין צווישן מיר און צווישן פויפסט אַ מליץ און אַ יועץ און דו זאָלסט אונז ווייזן דעם גוטן וועג פונוועגן דער ליבשאַפט צו גאָט און דער ליבשאַפט צום קיניג יוסף מיין ברו־דער און צו זיינע זקנים פון מדבר חבור און פונוועגן דער ליב־שאַפט צו זיין פאָלק ישראל, און הקדוש־ברוך־הוא וועט דיר טאָן כבוד אַ סך גרעסער פון דעם, וואָס דו האָסט געהאַט, צוליב דיין דינען אים. דען איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב צוליב עבודת הבורא און פונוועגן דער ליבשאַפט צו ישראל, וואָס גע־פינט זיך אונטער מלכות אדום און ישמעאל.

און דענסטמאָל האָב איך אים דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיין האַרצן, און די סודות, וואָס דער קיניג יוסף מיין ברודער יצ"ו 1) האָט מיר געזאָגט, — אַלץ האָב איך צו אים מגלה געווען, עס איז ניט געבליבן ביי מיר קיין זאַך, וואָס איך האָב אים ניט דערציילט, אַלע רמזים און סודות, — און דאָס האָב איך געטאָן, ווייל איך האָב געזען, אַז ער איז גוט און רעכט־פאַרטיק אין די אויגן פון גאָט און מענטשן. און איך האָב אים צום סוף געזאָגט:

— „סוד ה׳ למראיו״ 2).

און ר׳ דניאל הנ״ל האָט צו מיר אַ נדר געטאָן, אַז ער וועט ניט ציען און ניט רירן זיך פון רוים ביז ער וועט פאַר מיר באַ־קומען פון דעם פויפסט אַלע בריוו, און ער וועט זיין אַ מליץ

---

1) יעזרהו צורו וגואלו — זאָל אים העלפן זיין פעלז (שוץ, גאָט) און זיין דערלייזער.

2) גאָטס סוד — צו די וואָס פאָרכטן זיך פאַר אים. זיין כוונה איז געווען ר׳ דניאל זאָל האַלטן אַלע זיינע רייד בסוד.

צווישן מיר און צווישן אים. אויך האָט ער צו מיר געטאָן אַ נדר, אַז ער וועט מיך פירן אין גלייכן וועג און ער וועט פאָרן מיט מיר אין שיף, ווען איך וועל זיך אין איר זעצן.

— און זאָל צופרידן־פריילעך זיין דיין הארץ, דען איך וועל טאָן אַלץ און איך וועל פירן דיך אין גוטן־גלייכן וועג פונ־ וועגן דער ליבשאַפט צו גאָט און דער ליבשאַפט צום קיניג יוסף דיין ברודער.

און דענסטמאָל, אין זעלביקן טאָג, האָט ער אָנגעשריבן פאַר מיר אַ בריוו צום פויפסט, און איך האָב אַוועקגעשיקט דעם בריוו צום סעקרעטער דורך מיין משרת חיים. און תיכף ווי חיים איז אַריין צו אים, און ביי אים זיינען געווען פיל מענטשן און שרים,— האָט ער גענומען ריידן מיט חיים מיין משרת און האָט געזאָגט צו אים:

— האָט דער אינבאַשאַדאָר דיך געשיקט נאָך וואָס?

און מיין משרת האָט צו אים געזאָגט:

— דער אינבאַשאַדאָר שיקט צו דיר שלום טויזנטפאַך און שיקט צו דיר אָט דעם בריוו, בכדי דו זאָלסט אים איבערגעבן דעם פויפסט. און זאָלסט מיר ענטפערן און לאָזן צו וויסן, אין וועלכער שעה איך זאָל קומען צו דיר נאָך דער תשובה.

און ער האָט מקבל געווען דעם בריוו און געזאָגט צו חיימען:

— גיי מיט פרידן, און קום נאָך אַ תשובה אין אַכצן שעה אַרום.

האָט זיך חיים אומגעקערט צו מיר, גם האָב איך גערופן צו ר׳ דניאל און דערציילט אים אַלץ. און אין דעם צווייטן טאָג האָב איך געשיקט דעם חיים צום סעקרעטער, און תיכף ווי ער איז אַריין צו אים, האָט דער סעקרעטער אים געזאָגט:

— גיי רוף דיין האַר דעם אינבאַשאַדאָר, ער זאָל גיך קו־ מען צום פויפסט, דען ער רופט אים.

און עס איז געקומען צו מיר חיים מיין משרת און אַ קנעכט פון ר׳ דניאל און ער האָט מיר געבראַכט אַ פערד פון ר׳ דניאל, און איך בין אַוועק צום פויפסט מיט אַלע מיינע משרתים, און

מ׳האָט פאַר מיר געעפנט אַלע חדרים און איך בין צוגעגאַנגען ביזן חדר, וואָס איז נאָענט צום פויפסט. און איך האָב געזאָגט צו די האַרן, וואָס היטן דעם פויפסטס חדר:

— איך וויל ניט אַריינגיין צום פויפסט ביז עס וועט קו־מען ר׳ דניאל פון פיסאַ, דען ער איז דער מליץ צווישן אים און צווישן מיר.

און איך האָב געשיקט נאָך אים. איך האָב נאָך געהאַלטן מיט זיי אין ריידן, און נון — ר׳ דניאל איז געקומען. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— גיי אַריין אַפריער צום פויפסט.

און ער איז אַריין און האָט זיך אומגעקערט צו מיר. דענסט־מאָל בין איך אַריין צוזאַמען מיט אים צום פויפסט, און איך האָב גערעדט מיט אים:

— היות איך בין געשטאַנען פאַר דיר שוין קרוב אַ יאָר, איז מיין רצון פון הקדוש־ברוך־הוא און פון דיין כבוד, דו זאָלסט שרייבן פאַר מיר די בריוו, וואָס איך האָב געבעטן פון דיין כבוד, צו פּעטרי ג׳ואַן, און אויך צו אַלע קריסטן, וואָס איך וועל דורכ־גיין דורך זייער לאַנד, צו גרויסע און צו קליינע פירשטן.

אויך כמ״ר ר׳ דניאל האָט גערעדט מיטן פויפסט, און דער פויפסט האָט אים געענטפערט גוטע רייד, און ער האָט געזאָגט צו אים:

— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס עס וויל דער אינבאַשאַדאָר.

און נאָכדעם בין איך אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט ר׳ דניאל פון פיסאַ פון דעם פויפסטס פּריילעך און צופרידן, און איך בין אַוועק צו זיך בשלום.

אין עס זיינען דענסטמאָל געווען אין רוים פינף־און־פערציק מוסרים, נאָר הקדוש־ברוך־הוא האָט אַריינגעגעבן אין זייער האַרץ אַ תשובה, זיי זאָלן צוריקקערן פון זייער בייזער מחשבה. און עס זיינען געווען אין רוים און אין מלכות איטאַליע שטאַרקע יידן, וואָס זיינען מסוגל צו מלחמה, און גבורים, וואָס זייער האַרץ איז געווען ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב צו יעדער זאַך. אָבער די יידן, וואָס זיינען אין ירושלים און אין מצרים און אין גאַנץ מלכות

ישמעאל, האָבן געהאַט אַ ווייך האַרץ, פול מיט פאָרכט און שרעק, און זיי האָבן ניט געטוינגט צו מלחמה, ווי די יידן פון איטאַליע,— זאָל גאָט זיי שטאַרקן און מערן טויזנט מאָל אַזוי פיל און זאָל זיי בענטשן!

און עס איז דענסטמאָל געווען אין רוים אַ ייד, אַ נעוויסער ממזר, וואָס זיין נאָמען איז געווען ר א ו ב ן, און מ'האָט אים געגעבן סמיכה אויף רב און גאון, נאָר ער איז געווען אַ גרויסער און געפערלעכער מוסר און ער האָט ניט געהאַט קיין שום רחמנות אויף קיין שום יידן. ער איז געווען אַ רופא, און ער פלעגט גיין אין גאַס ניט אַנדערש ווי מיטן הוט אין האַנט און פלעגט זיך בוקן צו אַלע קריסטן, — פון זיין פיל רשעות פלעגט ער טאָן אַזוי. און איך האָב ניט געזען אין מיין גאַנצן לעבן, פון מיין לאַנד אָן ביז איך בין געקומען קיין רוים, אַזאַ רשע ווי ער. און ער האָט אָנגערעדט אויף מיר נבלהדיקע רייד פאַר אַלע קאַרדינאַלן און פאַר די סעקרעטערס פונם פויפסט, אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו זיין קול, דען אַלע קריסטן האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ ממזר און אַ גרויסער מוסר אויף אַלע יידן. נאָכדעם איז דער דאָזיקער מלשין געקומען צו מיר אין הויז און האָט צו מיר געזאָגט:

— זיי ניט צאָרנדיק אויף מיר, למען־השם!

איך פלעג וועלן אים כאַפּן און געבן אים גרויסע קלעפּ, ביז עס זאָל דערהערן דער פויפסט אַליין. אָבער ער איז געקומען צו מיר און האָט מיר די האַנט געקושט, — האָב איך אים מוחל געווען אַלע עברדיקע מסירות, דען ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט עס מער ניט טאָן. און ער איז אַוועק פון מיר בשלום און האָט מיר געגעבן אַ נדר צו האַנדלען ערלעך, אָבער נאָכדעם האָט ער געטאָן דעם היפּך, דען אַלע טאָג פלעגט ער ווייטער מלשין זיין אויף מיר און אויף אַלע יידן. און עס זיינען געגאַנגען צוויי מוסרים פון די רשעי־ישראל פון רוים און האָבן געזאָגט צום פויפסט:

— היות דער דאָזיקער יידישער אינבאַשאַדאָר האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שליח פון גאָט, — איז מאַך פאַר אים אַ פייער

און וואַרף אים אַהין אַריין, און דו וועסט זען, אויב גאָט וועט אים מציל זיין פון פייער.

און דער פויפסט האָט געהאַט אַ גרויסן כעס אויפן ערשטן מוסר, האָט ער אים גענומען תפוס און פאַרשיקט אים אויף אַ שיף צו דינען דאָרטן זיין גאַנץ לעבן. איך האָב אָבער פון די אַלע ענינים גאָרניט געוואוסט. איז געקומען צו מיר דעם מוסרס ווייב און האָט זיך ביי מיר געבעטן, היות איך האָב, לויט אירע רייד, געזאָגט דעם פויפסט, ער זאָל אים פאַרשיקן אין אַ שיף. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך ווייס פון דער גאַנצער מעשה גאָרניט,— איז זי אַוועקגעגאַנגען פון מיר.

און עס איז געווען איינער, וואָס זיין נאָמען איז געווען משה לאַטין, און ער איז געשטאַנען מיר כנגד און האָט גערעדט טאָג איין טאָג אוים פאַר דאָן מיקעל, דעם אינבאַשאַדאָר פון פאָר־טוגאַלישן קיניג, אומווערדיקע רייד, גערעדט קעגן גאָט און קעגן גאַנץ ישראל. און איינמאָל איז געקומען צו מיר דער דאָזיקער משה לאַטין ווי אַ שליח פון דעם קאַרדינאַל וועניציאַן מיך רופן, איך זאָל גיין צו אים. און ער האָט אין הויז דערזען די שוועסטער פון כמ״ר יוסף צרפתי, דינהן, און געוואָלט זי נע־מען פאַר אַ ווייב, נאָר זי האָט אים ניט געוואָלט. איז ער געגאַנ־גען צו אַלע קאַרדינאַלן, זיי זאָלן קומען אים צו הילף — צו נע־מען זי פאַר אַ ווייב. און צווישן אים און כמ״ר יוסף צרפתי און זיין שוועסטער דינה איז געווען אַ גרויסע שנאה, און יעדע וואָך פלעגט כמ״ר יוסף צרפתי רופן אים וועגן דעם דאָזיקן ענין, און זיי האָבן אויסגעגעבן אַ סך געלט. און עס האָט געטראַכט דער דאָזיקער משה לאַטין ביי זיך אין האַרצן: היות איך וויל מיר נעמען דינהן פאַר אַ ווייב, און עס וועט זיין... 1). און אַלע יידן פלעגן פון אים לאַכן, און אויך די קריסטן. נון בין איך מיט אים געגאַנגען צום קאַרדינאַל וועניציאַן, און עס זיינען מיט מיר געגאַנ־גען אַ סך יידן. און איך האָב געריטן אויף אַ פערד און האָב געזען אין וועג דעם ממזר ראובן דורכגיין רייטנדיק אויף אַ מוילאייזעלין,

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

און ער האָט זיך געבוקט צו אַלע קריסטן, ביז ער האָט מיך דערזען און האָט אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ דעם הוט און איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען מיט גרויס עזות. און איך בין אַריין אין הויז פון דעם קאַרדינאַל וועגעציאַן, און ער האָט ביי מיר געפרעגט פראַגן, און איך האָב צו אים געזאָגט:

— עס זאָלן ביי דיר פאַרבלייבן ניט מער ווי דריי און איינער פון מיינע משרתים דער מליץ, וועל איך ענטפערן דיין כבוד אויף אַלץ.

האָט דער קאַרדינאַל געהייסן אַרויסגיין פון פאַר אים אַלע יידן און קריסטן, און עס זיינען ביי אים פאַרבליבן בלויז צוויי קריסטן און משה לאַטין דער דריטער און איך מיט צוויי משרתים. האָב איך געזאָגט צום קאַרדינאַל:

— שיק אַרויס דעם דאָזיקן משה לאַטין.

האָט ער אים אַרויסגעשיקט. און דער דאָזיקער משה לאַטין האָט געהאַט גרויס פאַרדרוס פונוועגן וואָס איך האָב אים געלאָזט אַרויסשיקן. נאָר איך האָב אים געלאָזט אַרויסשיקן, ווייל דינה האָט צו מיר געזאָגט בעת איך בין געווען אין וועג: „דו זאָלסט זיך היטן, משה לאַטין זאָל בשום אופן ניט זיין דערביי, ווען דו וועסט ריידן צום קאַרדינאַל". און פונוועגן דעם האָב איך דאָס אַלץ געטאָן. און נאָכדעם ווי משה הנ"ל איז אַוועק פון דעם קאַרדינאַל, איז ער געגאַנגען אין הויז פון דאָן מיקעל, דעם אינ־באַשאַדאָר פונם קיניג פון פּאָרטוגאַל, און האָט אָנגערעדט אויף מיר רייד, וואָס עס איז גאָרניט מעגלעך מיטן מויל זיי אַרויסצו־ברענגען. נאָר איך האָב אויף משה הנ"ל ניט געהאַט ניט קיין פאַרדרוס און ניט קיין כעס, דען ער האָט געהאַט אַ גערעכטע טענה, וואָס איך האָב אים געלאָזט אַרויסשיקן פון דעם קאַרדי־נאַלס הויז, און ער איז געווען פון אַ משפּחה מיוחסת, און זאָל אים הקדוש־ברוך־הוא איינגעבן אין האַרץ אַ תשובה, אים און אַלע מלשינים אויף ישראל, חוץ דעם ממזר ראובן, וואָס אים זאָל קיינמאָל גאָט ניט מוחל זיין!

און איך האָב דעם טאָג גערעדט מיטן קאַרדינאַל כמו אַ גאַנ־צע שעה, און גערעדט האָב איך מיט אים בלויז וועגן אַ טייל ענינים.

נאָכדעם בין איך צוועק צו זיך אין הויז, און עס איז גע־קומען צו מיר אַ תלמיד פון ר׳ יוסף צרפתי, וואָס זיין נאָמען איז געווען מרדכי, אַ גוטער יונגערמאַן, און האָט געזאָגט צו מיר, אַז מ׳האָט זיין מוטערס אַ ברודער פאַרהאַלטן ערגעץ אין אַ מדינה מחמת דער פעסט און מען פאָדערט פון אים צוויי הונדערט דוקאַטן און מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין געפענקעניש. האָב איך אָנגעשריבן צום פויפסט אַ בריוו, אַז דער תפוס איז מיינער אַ משרת, און איך האָב געזאָגט צום בחור מרדכי:

— גיב דעם דאָזיקן כתב דעם סעקרעטער, בכדי ער זאָל אים איבערגעבן דעם פויפסט. גם זאָלסטו אים אָפּגעבן שלום פון מיין זייט און זאָלסט אים פרעגן, אין וועלכער שעה זאָלסטו קו־מען נאָך אַן ענטפער אויף מיין בריוו.

אַזוי איז מרדכי הנ״ל אַוועק מיט מיין בריוו צום סעקרע־טער און האָט אים דערלאַנגט אין האַנט, און יענער האָט אים געזאָגט:

— קום מאָרגן נאָך אַ תשובה.

און עס איז געקומען צו מיר מרדכי הנ״ל און דערציילט מיר אַלץ. אויפן צווייטן טאָג איז ער אַוועק צום סעקרעטער, און יענער האָט אים געגעבן אַ כתב מיטן זיגל פון דעם פויפסט, די שררות פון דער מדינה זאָלן אַרויסלאָזן דעם תפוס אָן שום הוצאות. און אַזוי איז ער אַוועק אין דער מדינה און מ׳האָט יענעם אַרויס־געלאָזן אָן שום הוצאות.

און איך בין נאָך אַלץ איינגעשטאַנען אין דעם הויז, וואָס עס האָבן פאַר מיר געגומען די ממונים. און מען פלעגט מיר געבן יעדן חודש... 1) דוקאַטן, און פמ״ר ר׳ דניאל פון פיסאַ פלעגט מיר שאַפן אַלץ וואָס איז נייטיק. און וואָס עס פלעגן מיר געבן די ממונים, פלעג איך ניט דאַרפן בעטן, דען ער פלעגט שוין דער־פילן פאַר מיר אַלץ יעדן טאָג. אַזוי פלעגט ער קומען צו מיר יעדן טאָג איין מאָל אָדער צוויי דערווייסן זיך, וואָס מיר פעלט, און ער פלעגט אַלץ ממלא זיין. און כמ״ר דניאל הנ״ל פלעגט

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

בכבודו ובעצמו מיר געבן אַלע ליכט אין דער שול, וואָס אין מיין הויז, און ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה אין זיין הויז, דען ער איז געווען חתן־תורה. און עס זיינען געקומען אַלע יידן צו מיר אין הויז זיך משמח זיין און עסן צוזאַמען אויף דער סעודה. און די יידן האָבן געזען, אַז ר׳ דניאל פון פיסאַ האָט מיר געדינט פונ־ווענגן דער ליבשאַפט צו גאָט מיט זיין גוף און מיט זיין געלט. און עס איז געקומען צו מיר אַ ייד פון די בכבודיקסטע און מיוחסדיק־סטע אין רוים און האָט מלשין געווען פאַר מיר אויף ר׳ דניאל הנ״ל, ביז איך בין אויף ר׳ דניאלן אין כעס געוואָרן אַ גרויסן כעס. און ר׳ דניאל איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען זייער צאָרנדיק, איז געשטאַנען אויסער מיין סביבה צוויי מעת־לעת און ער האָט געהאַט אַ גרויס צער איבער מיר, דען איך האָב פאַרזאָגט אַלע מיינע משרתים, זיי זאָלן ניט גיין צו אים אין הויז און מיט אים ניט ריידן. נאָכדעם איז געקומען צו מיר חיים און האָט געבעטן ביי מיר רשות און צו מיר געזאָגט:

— צאָרן ניט אויף מיר, דען איך וויל גיין אין הויז פון ר׳ דניאל, נאָר איך וועל מיט אים ניט מרבה דברים זיין.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען. און אַז ר׳ דניאל האָט דערזען חיים מיין משרת, האָט ער אַרויסגעשיקט אַלע מענטשן, וואָס זיי־נען געווען ביי אים, — און ביי אים זיינען דענסטמאָל געווען אַלע מלשינים און ער האָט זיי אַלעמען אַרויסגעשיקט פון זיין הויז, — און נאָכדעם האָט ער גערעדט מיט חיים מיין משרת און האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אים וועגן מיין געזונט און האָט געזאָגט צו אים:

— גיי זאָג דיין האַרן, אַז איך ווייס, פונוועגן וואָס ער איז אויף מיר געוואָרן צאָרנדיק, — איבער דעם מלשין, וואָס האָט אָנ־גערעדט אויף מיר, — אָבער דער כעס קומט ניט פון זיין האַרצן. און איך וויל קומען און שטיין פאַר זיין געזיכט.

און עס איז געקומען צו מיר חיים מיין משרת און האָט צו מיר געזאָגט גאָר די רייד פון ר׳ דניאל.

נאָכדעם איז געקומען צו מיר ר׳ דניאל אַליין און האָט מיט מיר גערעדט און געזאָגט צו מיר:

— די מלשינים ג״לו בן, אַז איך וועל אַוועקגיין און דיך פאַר־

לאָזן און איך וועל גיין מיט זיי כנגד דיר. אָבער חלילה מיר צו טאָן כנגד גאָט! איך ווייס, אַז דער דאָזיקער גאַנצער פּעם דיינער איז געקומען ניט פון הארצן דיינעם, נייערט דער מלשין האָט גע־רעדט אַזוי אויף מיר, און דו האָסט געגלויבט, אַז איך האָב חס־ושלום געטאָן אַזוי, ווי זיי ריידן. איך האָב דאָך דיר געדינט מיט אַלע מיינע כּוחות פון ליבשאַפט צו גאָט, און איך רייד כנגד די מלשינים פאַרן פויפסט און פאַר די קאַרדינאַלן, פאַר די סעקרע־טערס און פאַרן אינבאַשאַדאָר 1) און פאַר אַלע שררות, און אַז זיי האָבן בּיי מיר געפרעגט וועגן דיין כבוד, האָב איך זיי געענטפערט אויף אַלץ נאָר לטובת דיין כבוד, און איך האָב געשאָלטן די מלשינים פאַר אַלע גדולים אין די אויגן.

און איך האָב זיך באַדענקט און האָב געזאָגט צו ר׳ דניאלן:

— איך בּין אַהער געקומען פונוועגן דער ליבשאַפט צו זיין נאָמען און צו דינען אים, פונוועגן דער ליבשאַפט צו ישראל און פונוועגן ירושלים דער הייליקער שטאָט. און איך בּין ניט געקומען פון מזרח קיין מערב צוליב קיין אַנדער זאַך, נייערט צוליב דעם. און אַז איך בּין געקומען קיין רוים, האָב איך ניט געזען קיין מענטשן פון די יידן אין דעם דאָזיקן גליל, נייערט דיך, גוט און רעכטפאַרטיק און גאָטספאָרכטיק, און דו בּיסט ראוי צו זיין אין דער דאָזיקער מצווה און דו וועסט זיך קונה שם טוב זיין, גם פאַר דיינע קינדער, פאַר ס׳געזיכט פון כל ישראל.

און ר׳ דניאל האָט געזאָגט צו מיר:

— זאָלסט ניט צוהערן קיין וואָרט, וואָס עס וועלן דיר זאָגן די מלשינים, דען בּכדי דיך אויסצופּרווון קומען זיי מבטל מאַכן דיינע רייד, אָבער איך וועל זיך משתדל זיין און ניט אַוועקגיין אין מיין לאַנד בּיז איך וועל מקבל זיין פאַר דיר פון פויפסט אַלע בּריוו, וואָס דו באַגערסט, און איך וועל דיך פירן אין אַ גלייכן וועג.

אַזוי איז ר׳ דניאל אַוועק צו זיך אין הויז. און אין ווייניק טעג אַרום האָט ער באַקומען די בּריוו פון פויפסט. דענסטמאָל האָב איך געשיקט מיינע משרתים חיים און מתתיהו מיט ר׳ דניאלן

1) דעם פּאָרטוגאַלישן.

צום פויפסט, און די סעקרעטערס האָבן מקבל געווען די כתבים און איבערגעגעבן זיי צו מיר.

און אין יענער נאַכט זיינען געקומען צו מיר אין הויז פיל יידן זיך משמח זיין מיט מיר, צוליב דעם וואָס איך האָב מקבל געווען די כתבים. און ביי מיר אין הויז זיינען דענסטמאָל אויך געווען מלשינים=אויסשפּירער, און איך האָב ניט געוואוסט פון זיי. און עס זיינען געקומען צו מיר פיר נכבדים פון די ראשים פון דער קהילה אין רוים, הרב ר׳ עובדיה ספורנו און ר׳ יהודה הרופא אסקל און נאָך צוויי אַנדערע. און זיי האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען אַן אָפּשריפט פון די כתבים, וואָס דער פויפסט האָט פאַר מיר געמאַכט, בכדי צו מאַכן עס פאַר אַ זכר לדורות און צו פרייען זיך דערמיט. בין איך אין יענער נאַכט געוואָרן זייער צאָרנ=דיק אויף זיי. אָבער איך האָב געצאָרנט אויף זיי נאָר ווייל מ׳האָט מיר געזאָגט:

— זיי זיינען מרגלים, בכדי צו שאַדן דיינע ענינים, און זיי ווילן דערמיט גיין צו די סעקרעטערס.

דאָס האָט אַריינגעגעבן אין מיין האַרצן אַ סך מחשבות און אומרויקייט.

די פיר ראשים זיינען פון מיר אַוועקגעגאַנגען אין גרויס צער. נאָר אויך איך האָב איינגענומען פיל צער פון זיי. איך האָב זיך מצער געווען, וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זיך מיט לייּ=דיקן.

נאָכדעם בין איך אַריין אין גרויס גרימצאָרן אויפן מלשין, וואָס האָט אָנגערעדט אויף זיי פאַר מיר, און איך האָב געזאָגט צו אים:

— דו האָסט אַלץ גורם געווען.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן די סעקרעטערס פון דעם פויפסט גענומען תפוס די פיר נכבדים, וואָס זיינען געקומען צו מיר. און תיכף ווי איך האָב דערהערט, אַז זיי זיינען אין געפענקעניש, האָב איך געשיקט נאָכן סעקרעטער, וואָס האָט זיי פאַרהאַפט, גערופן אים צו זיך אין הויז און גערעדט מיט אים:

— אויב דו וועסט זיי ניט באַפרייען אין דער דאָזיקער

נאַכט, וועל איך גיין צום פּויפּסט און איך וועל זיי באַפרייען קענען דיין ווילן. און אויב דו ווילסט זיין ביי מיר באַליבט, גיי און באַפריי זיי איצט.

איז יענער סעקרעטער אַוועקגעגאַנגען און האָט זיי באַפרייט פון תפיסה. און יענע אַלע יידן, וואָס זיינען געווען פאַרהאַפּט, זיינען מיר געוואָרן נאָך מער גוטע פריינד איידער אַלע אַנשי הקהילה אין רוים.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט דער פּויפּסט גערופן צו ר' דניאל פון פּיסאַ און האָט מיט אים גערעדט וועגן מיר און וועגן דעם, אויב איך וויל גיין (קיין פּאָרטוגאַל), דען ער גיט מיר רשות. און ער האָט אים פאַרזאָגט, איך זאָל קומען צו אים אין אַכצן שעה אַרום. און איך בין געגאַנגען צו אים צוזאַמען מיט ר' דניאל, און איך האָב פאַרבראַכט ביי אים צוויי שעה, און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געמאַכט פאַר דיר אַ כתב צום קיניג פּעטרי ג'ואַן, און איך האָב אויך באַזונדער געשריבן צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, גם האָב איך געשריבן צו אַלע קריסטן, צו וועמען דו וועסט גיין, זיי זאָלן דיר זיין צו הילף און דיר כבוד געבן פונוועגן דער ליבשאַפט פון גאָט און פונוועגן מיין ליבשאַפט.

און דער פּויפּסט האָט מוסיף געווען:

— זיי שטאַרק און פעסט און האָב קיין מורא ניט, דען גאָט איז מיט דיר.

— און איך האָב צו אים געזאָגט:

— פאַר מיר איז ניטאָ קיין אַנדערער, נייערט גאָט און דו, און איך בין גרייט צו דיינע באַפעלן מיין גאַנץ לעבן. און אויך דער קיניג יוסף מיין ברודער און אַלע זין פון אונזער פאָלק זיינען גרייט צו דיר.

און דער פּויפּסט האָט באַפוילן, מ'זאָל מיר געבן אַ סימן און אַ שילד, כדי איך זאָל קענען ווייזן אים דעם קיניג יוסף מיין ברודער. און אַזוי איז געווען דער אופן פון געבן: איך בין געשטאַנען פאַר דעם פּויפּסט, און דער פּויפּסט האָט אים (דעם שילד)

דערלאַנגט אין האַנט צו ר׳ דניאל און ר׳ דניאל האָט אים געגעבן אין מיין האַנט פאַר די אויגן פון דעם פויפסט.

און דער פויפסט האָט צו מיר געזאָגט:

— דו וועסט דעם דאָזיקן שילד מיינעם ווייזן דעם קיניג יוסף דיין ברודער.

דערצו האָט ער מיר געגעבן הונדערט דוקאַטן גאָלד, נאָר איך האָב ניט געוואָלט נעמען און אָננעמען דאָס געלט בתורת מתנה. האָט ער צו מיר געזאָגט:

— נעם עס פאַר די משרתים דיינע.

און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם פויפסט צו זיך אין הויז בשלום און מיט פרייד און מיט אַ גוטן האַרצן.

און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו דאָן מיקעל, דעם אינבאַשאַ-דאָר פונם פּאָרטוגעזישן קיניג, צו אים אין הויז, כדי צו באַקומען פון אים אַ כתב-בטחון 1) אויפן וועג. און איך האָב געזאָגט צו אים צוזאַמען מיט ר׳ דניאל:

— שרייב מיר אָן אַ זיכער-בריוו אין וועג.

און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— אויב דו ווילסט גיין קיין פּיסאַ, וועל איך אָנשרייבן און דיר צושיקן דעם זיכער-בריוו קיין פּיסאַ, דען זיי וועלן גיין מיט דיר פון דאָרטן ביז פּאָרטוגאַל צום קיניג.

און ער האָט ניט געוואָלט שרייבן פאַר מיר, דען דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַן אויסרייד. האָב איך געזאָגט צו ר׳ דניאל, אַז ער איז אַ רשע און טוט מיר אַ גרויסע רעה. ווען איך בין געקומען צו אים נאָכן דורכפאָר-כתב אין דער ערשטער וואָך, האָט ער מיר געמאַכט אַן אָנשטעל און מיר געשיקט זאָגן, איך זאָל גיין צו אים אין הויז; בין איך געגאַנגען צו אים אין הויז, האָבן די משרתים מיר געזאָגט, אַז ער איז ביים פויפסט, — און ר׳ דניאל און מיינע משרתים זיינען דענסטמאָל געווען מיט מיר; האָב איך געשיקט צום פויפסט אין הויז זען, אויב ער איז דאָרטן, האָט מען מיר געענט-

1) אַ ספּעציעלער דורכפאָר-שיין, וואָס מען פלעגט אַרויסגעבן געוויסע יידן אַריינצופאָרן קיין פּאָרטוגאַל נאָכן גירוש פון די דאָרטיקע יידן.

פערט, אַז ער איז דאָרט ניטאָ. און זיינע משרתים האָבן מיר גע־זאָגט, אַז ער איז ביים סעקרעטער,—האָב איך געשיקט זען, אויב ער איז דאָרטן, און מ'האָט אים ניט געזען.

נאָכדעם איז ר' דניאל אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים, מחמת זיינע עסקים האָבן אים פאַרהאַלטן, און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— שטיי דאָ און וואַרט אים אָפּ ביז ער וועט קומען, דעמסט־מאָל זאָלסטו שיקן נאָך מיר, און איך וועל תיכף קומען.

און איך האָב געוואַרט ביי דאָן מיקעלן אין הויז פון האַלבן טאָג ביז נאַכט. ערשט דענסטמאָל איז ער געקומען. האָב איך גע־שיקט נאָך ר' דניאלן. איך האָב געברענט אויף דאָן מיקעל מיט אַ גרויסן כעס און איך האָב געוואָלט דערלאַנגען אים מיט זיין שווערד, נאָר ר' דניאל האָט מיך אָנגענומען פאַר מיינע אָרעמס און האָט מיך ניט געלאָזן טאָן עס, — האָב איך אים ניט דער־הרגעט.

נאָכדעם בין איך אַרויס פון אים אין זייער גרויס גרימצאָרן און איך בין אַוועק צו זיך אין הויז אין יענער נאַכט.

און אַז דער פויפסט האָט דערהערט די דאָזיקע גאַנצע גע־שעעניש, האָט ער געזאָגט צו דאָן מיקעל:

— איך ווייס, איבער וואָס עס איז אַזוי אין גרימצאָרן אויף דיר דער יידישער אינבאַשאַדאָר — איבער דעם זיכער־בריוו, וואָס דו האָסט פאַר אים ניט געשריבן.

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— דו זאָלסט אים אָנשרייבן דעם זיכער־בריוו על־כל־פנים, דען אַזוי האָב איך געשריבן צום קיניג פון פּאָרטוגאַל.

אָבער ער האָט ניט געפאָלגט דעם פויפסט און איז אַוועק אויף געיעג, האָט פאַרבראַכט אַ וואָך און זיך אומגעקערט צוריק.

דערנאָך, אין דער נאַכט פון ט"ו אדר, בין איך און ר' דניאל פון פיסאַ און אַלע מיינע משרתים געגאַנגען און געבעטן פון אים דעם בטחון־כתב, — האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט אים אָפּ־שיקן צו מיר קיין פיסאַ בכל אופן. איך האָב געגלויבט זיין וואָרט און בין אַוועק צו זיך אין הויז און ר' דניאל איז מיט מיר מיט־געגאַנגען. און איך האָב געזאָגט צו ר' דניאלן, אַז איך וויל אַרויס־

גיין פון רוים בכל אופן מאָרגן, אין האַלבן חודש, ווי עס זיינען אַרויסגעגאַנגען אונזערע אבות פון מצרים. און איך וויל מער אין רוים בשום־אופן ניט פאַרהאַלטן זיך, דען איך האָב ביי זיך אין האַרצן באַשטימט צו גיין מאָרגן על־כל־פנים.

און איך האָב פאַררופן צו זיך די משרתים, יענע וואָס האָבן אַ נדר געטאָן צו גיין מיט מיר, און פאַר מיר זיינען געשטאַנען חיים און מתתיהו און שמחה און דער חזן. נאָר דער חזן האָט ביי מיר מיט אַ וואָך פריער געבעטן רשות און מחילה, — האָב איך אים געגעבן רשות און מחילה אין דער ערשטער וואָך; אָבער די איבעריקע דריי משרתים מיינע האָבן ביי מיר ניט געבעטן ניט קיין מחילה און ניט קיין רשות. אַלע טאָג פלעגן זיי ריידן מיט מיר, אַז זיי האָבן אַ רצון צו גיין מיט מיר על כל פנים. און איטלעכער פון זיי פלעגט בסתר מלשין זיין פאַר מיר אויף זיין חבר און קיין שלום איז צווישן זיי ניט געווען, ביז עס איז פאַר אונז געקומען די צייט צו גיין אין וועג, און יעדערער פון זיי האָט געזאָגט צו מיר:

— איך קען ניט מיטגיין.

און איך בין געשטאַנען אין רוים ביז האַלבן טאָג ט״ו אדר אין אָרדענונג צו ברענגען מיינע ענינים און צו זען און זוכן, ווער עס וועט מיטגיין מיט מיר. און נון — ר׳ דניאל איז מיט מיר. און עס זיינען געווען נאָך צוויי משרתים. איינער פון זיי, וואָס זיין נאָמען איז געווען ר׳ רפאל הכהן, איז געווען אַ מגנן אין מיין הויז זינט דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין רוים, און אַ גבור און אַ קריגסמאַן, — און זיי, מיינע יענע משרתים, האָבן אים פיינט געהאַט און פלעגן אויף אים פאַר מיר אַלץ מלשין זיין, אַז ער איז אַ רשע, און איך האָב ניט געוואָלט, ער זאָל זיך אויפהאַלטן אין מיין הויז. איצט אָבער, אַז עס איז געקומען די צייט צו גיין, האָט געזאָגט צו מיר ר׳ רפאל הכהן:

— איך האָב דיר געזאָגט, אז אין גאַנצן וועג, וואָס דו וועסט גיין, וועט קיינער מיט דיר ניט מיטגיין, נייערט איך.

און ער האָט צו מיר געגעבן אַ נדר, אַז ער וועט מיט מיר מיטגיין.

און דער צווייטער, וואָס זיין נאָמען איז געווען יוסף הלוי, איז געווען שטאַרק ווי רפאל הכהן און נאָך שטאַרקער, און ער האָט מיר אויך באַדינט זינט דעם טאָג פון מיין אָנקומען קיין רוים, און איבער די מלשינים, וואָס האָבן אָנגערעדט אויף אים פאַר מיר, אַז ער איז אַ רשע, האָב איך ניט געוואָלט, ער זאָל זיין ביי מיר אין הויז; — ביז עס איז געקומען אָט דער טאָג, ווען איך בין געשטאַנען אויפן וועג, האָט ער צו מיר געטאָן אַ נדר, אַז ער גייט־מיט מיט מיר. און איך האָב יעדערן פון זיי אין רוים געגעבן צו פינף דוקאַטן, בכדי זיי זאָלן ברענגען אין אַ סדר אַלע זייערע עסקים. און עס איז צו מיר געקומען אַ דריטער משרת, וואָס זיין נאָמען איז געווען ניסים. ער האָט גערעדט אַראַביש, און ער האָט מיר באַדינט פון כמ״ר יוסף צרפתים הויז עד היום. ער איז געווען אַ בכבודיקער מאַן און ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קליינע קינדער. האָב איך צו אים געזאָגט:

— עס איז ניט רעכט, דו זאָלסט גיין מיט מיר. דו האָסט קליינע קינדער און די מצווה איז גרוים צו באַדינען און מפרנס זיין די קינדער דיינע.

און ר׳ דניאל האָט צו מיר געטאָן אַ נדר, אַז ער
וועט מיר געבן משרתים. גם האָט ער מיר
געגעבן אין רוים אַ דינער טוביה,
וואָס עס האָט זיך שפּעטער
אַרויסגעוויזן, אַז ער
איז אַ רשע.

ה. אין פיסאַ אין הויז פון ר' יחיאל נסים ב"ר שמואל.[1]

און נאָכדעם האָב איך אָפּגערייזט פון רוים אין האַלבן טאָג דעם פופצנטן אין אדר, פונקט ווי איך בין אַריין אין רוים דעם פופצנטן אין אדר אין האַלבן טאָג, — נמצא, אַז איך האָב פאַרבראַכט אין רוים פונקט אַ גאַנצן יאָר. און די יידן פון רוים זיינען געקומען באַגלייטן מיך אויף דרייסיק פערד פינף מייל.

און איך האָב געטראָפן אין ראָנצלאָן[2] אַ חייל פון דעם פראַנצויזישן קיניג אויף כמו פינף הונדערט פערד. און זיי האָבן אונז אָנגעטאָן גרויס כבוד, ת"ל[3], ביז איך בין אָנגעקומען קיין וויטערבאָ אין הויז פון ר' יוסף כהן, און מיט מיר זיינען געווען מיינע משרתים רפאל הכהן, יוסף הלוי און טוביה. גם האָט ר' דניאל געשיקט מיט מיר דעם מאַן יואב. ר' דניאל אַליין האָט זיך צוליב אַן ענין פאַרהאַלטן אין רוים און האָט פאַרזאָגט דעם יואב הנ"ל צו גיין מיט מיר קיין פיסאַ אין הויז פון ר' יחיאל

---

1) ר' יחיאל נסים ב"ר שמואל איז געווען אַן אייניקל פונם באַרימטן נדיב אין איטאַליע ר' יחיאל פון פיזאַ, וואָס איז געווען אַ ידיד פון דון יצחק אברבנאל. פונקט ווי זיין זיידע און זיין פאָטער, איז אויך ר' יחיאל נסים געווען אַ גרויסער עושר און אַ פזרן אויף געזעלשאַפטלעכע הילף בכלל און אויף הילף די מגורשים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל בפרט. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער מלומד און אַ פרומער וועגן דער גאולה פון זיין פאָלק. ער איז באַרימט אויך מיט זיין ספר „מנחת קנאות", וואו ער דערציילט, אַז די תורה נייטיקט זיך נים אין דער הילף פון דער פילאָסאָפיע.

2) ראָנציליאָנע — שטאָט אין איטאַליע צו צפון פון רוים.

3) ת"ל — תהילה לאל — אַלויב צו גאָט.

נסים[1], און נאָכדעם האָט ער געוואָלט קומען נאָך אונז. און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פון ר׳ יוסף הכהן. ער איז געווען אַ בכבודיקער ייד און האָט געהאַט קליינע קינדער און זיין מוטער ז״ל האָט נאָך דענסטמאָל געלעבט. און זיי האָבן פאַר מיר געטאָן אַלץ וואָס נייטיק. און עס זיינען געקומען צו מיר די יידן פון וויטערבאָ און עס זיינען צווישן זיי געווען מחלוקות, רייסעניש און שנאת=חנם, ביז איך האָב געמאַכט שלום צווישן זיי מיט מיינע גוטע רייד, וואָס איך האָב געזאָגט צו זיי, און זיי זיינען שלום געוואָרן. נאָכדעם האָט געשיקט נאָך מיר דער גראַן מאַעסטראָ פון ראָדאָס[2], און עס זיינען מיט מיר מיטגעגאַנגען ר׳ יחיאל און ר׳ משה[3], און איך האָב גערעדט מיט אים זייער אַ סך, און ער איז אַ מאַן אַן אַלטער און אַ בכבודיקער. נאָכדעם האָב איך געצויגן פון וויטערבאָ און עס איז מיך געקומען באַגלייטן אַן עולם אויף צען פערד. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין באָלאָסעגנאַ אויף שבת אין הויז פון ר׳ יוסף הנ״ל ז״ל. זיין ערשטע ווייב איז ביי אים געשטאָרבן און ער האָט פון איר אַ גרויסן און בכבודיקן זון, און ער האָט גענומען אַ ווייב אַן אלמנה, און ער האָט פון איר אַ זון אַן עושר. זיינען מיר איינגעשטאַנען ביי אים אין הויז ביז זונטאָג, און מ׳האָט אונז אָנגעטאָן כבוד גדול מער ווי עס איז ראוי געווען. און אַזוי האָבן מיר געצויגן זונטאָג און זיינען אָנגעקומען קיין סיענאַ. מיר זיינען אַריין אין הויז פון דעם נכבד ישמעאל פון ריעט[4]. ישמעאל איז דענסטמאָל ניט געווען אינדערהיים, דען ער איז געווען אין שטאָט. נאָכדעם איז ער געקומען און ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן חדר אין זיין הויז און האָט מיר איינגעאָרדנט אַ גוטן צי=

1) ר׳ דניאל בן יצחק פון פיסאַ איז געווען אַ שוועסטערקינד פון ר׳ יחיאל נסים.

2) דער גרויס-מייסטער פון ראָדאָס.

3) אומבאַשטימט, וועלכער ר׳ משה — קאַשטילעץ דער מאָלער אָדער אבודרהין דער רופא.

4) אַ שוואָגער פון ר׳ יחיאל נסים פון פיסאַ.

מער. ער האָט געהאַט אַ גרויסע דירה און איז געווען אַ גרויסער עושר. און איך האָב צו אים געזאָגט:

— וואָס ווילסטו, ירושלים אָדער פאַרבלייבן דאָ אויף אַן אָרט?

און ער האָט מיר געענטפערט:

— איך האָב ניט קיין באַגער אין ירושלים, איך האָב ניט קיין רצון און קיין חשק, נייערט אין סיענאַ.

און איך האָב זיך זייער געוואונדערט אויף זיינע רייד. פון דער עשירות, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, קען ער ניט טאָן קיין מצווה צו דינען גאָט, דען ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט ניט זאַט פון דער רייכקייט, — ווער עס האָט ליב געלט, ווערט פון געלט ניט זאַט. און ער האָט צו מיר געטאָן אַ נדר, אַז ער וועט מיר טאָן חסד פונוועגן די משרתים. ער האָט זיך אָבער באַדענקט דער־נאָך און ניט געוואָלט זיך קונה שם טוב זיין פאַר כל ישראל און ער האָט ניט געטאָן קיין שום זאַך פון דעם, וואָס ער האָט צו־געזאָגט.

און איך האָב געצויגן פון סיענאַ מאַנטאָוו און בין אָנגעקו־מען קיין פיסאַ אין הויז פון ר׳ יחיאל, זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט טויזנטער מאָל טויזנט, ער און זיין מוטער און זיין על־טערמוטער מרת שרה תמ״א 1), דען ער איז ווי אַ מלאך אלהים, אַ חכם אין תורה און אין תלמוד, אַ עניו און אַ חסיד און אַ בעל־צדקה, און זיין נשמה אין באַהעפט אין ירושלים דער הייליקער שטאָט, און זיין הויז איז אָפן פאַר אַלע אָרעמע פון ישראל און אַלע, וואָס קומען אַריין צו אים אין הויז, עסן אויף זיין טיש, און צדקות ניט ער בכל־יום צו אָרעמעלייט. ער גיט מיט זיין האַנט און זיין מוטער גיט מיט איר האַנט, גם די חשובע זקנה מרת שרה תמ״א גיט מיט איר האַנט. מיט מיינע אויגן האָב איך געזען אַלע זייערע גוטע מעשים, אַז זיי זיינען מענטשן פון חסד און פון אמת. און איך האָב געזען אין זייערע מעשים מער פון

1) תמ״א — תבורך מנשים, אמן — געבענטשט זאָל זי זיין צווישן פרויען, אמן.

אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין גאַנץ איטאַליע. איך האָב פאַר־בראַכט אין זייער הויז זיבן חדשים, איך און מיין משרת רפאל הכהן. יוסף הלוי און טוביה זיינען געשטאַנען מיט מיר אין הויז פון ר׳ יחיאל אין פיסאַ כמו אָנדערטהאַלבן חדשים.

נאָכדעם האָב איך זיי אָפּגעשיקט צוריק אין רוים איבער לשון הרע און איבער טוביהן, וואָס האָט אָנגעמאַכט קריג און ריי־סעניש מיט זיי. מ׳האָט געוואָלט זיי הרגענען אין הויז פון ר׳ יחיאל און איך האָב אויף זיי געצאָרנט, נאָר זיי האָבן מיך ליב געהאַט און האָבן אָנגענומען אַלץ, וואָס איך האָב צו זיי גערעדט און האָבן מיך געפאָלגט און מיך געאַכט, און איך האָב מבטל געווען מיין ווילן איבער זייער ווילן און איבער אַנדערנס ווילן. און איך האָב זיי אָפּגעשיקט, כאָטש זיי האָבן געוואָלט מיט אַן אמת גיין מיט מיר אומעטום, וואוהין איך וועל גיין. טוביה הנ״ל איז געווען מיין קאָכער. דאָס איז געווען פונוועגן דער ליבשאַפט צו ר׳ דניאל פון פיסאַ, דען ער האָט עם מיר געגעבן אים, ער זאָל מיר באַדינען אין מיין הויז, און האָט צו מיר געזאָגט:

— דער דאָזיקער טוביה וועט דיר באַדינען ביז פּאָרטוגאַל.

און דאָן מיקעל דער רשע האָט מיר ניט צוגעשיקט דעם זי־כער־בריוו, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט,—האָב איך אַוועקגעשיקט קיין רוים איינעם אַ זקן מיטן נאָמען אהרן, וואָס איז געקומען צו מיר פון רוים און האָט געוואָלט גיין מיט מיר קיין פּאָרטוגאַל, דען ער האָט געהאַט ברידער און קרובים אין טאַווילה 1). האָב איך אים געשיקט צו דאָן מיקעל, ער זאָל מיר געבן דעם כתב־בטחון. דאָס האָט עם אייגנטלעך ר׳ דניאל, נאָך זיין קומען צו מיר קיין פּיסאַ, געשיקט דעם אהרן קיין רוים. אהרן האָט זיך אומגעקערט צוריק דעם אַנדער חודש און האָט מיר ניט געבראַכט דעם זיכער־כתב פון דאָן מיקעל, נאָר בריוו, וואו יענער האָט געשריבן: „היות דער קיניג וויל ניט, דו זאָלסט גיין קיין פּאָרטוגאַל דעם יאָר״. דאָס איז אָבער געווען שקר וכזב, דען דער קיניג האָט אים גאָר־נישט געשריבן דערפון. האָב איך זיך זייער מצער געווען פון דעם

1) טאַווילה—טאַווירא.

און איך האָב פאַרבראַכט אין טרויער אין ר׳ יחיאלס הויז, וואו מ׳האָט מיר געהאַט איינגעאָרדנט אַ שיינעם חדר אין בעסטן טייל פון דער דירה, וואָס איז בכלל געווען אַ גרויסע און אַ הערלעכע. און עס פלעגן קומען גרויסע שרים מיך זען אין הויז פון ר׳ יחיאל. און איך האָב געפאַסט זעקס מאָל זעקס טעג און נעכט, קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער ניט געטרונקען. גם האָב איך געפאַסט פערציק טעג און דריי טעג און דריי נעכט. זיי פלעגן מיר געבן פון אַלע מיני מאכלים און בשמים און ליליענבלומען און אַלרוינען־וואַסער. און מ׳האָט מיך דערנערט מיט כל מעדני עולם און פיל מיני שפייזן, וואָס איז גאָר אוממעגלעך זיי אויסצורע־כענען. און די מוטער פון ר׳ יחיאל, מרת לאוורה תמ״א, פלעגט מיר באַדינען מיט יעדער זאַך, און גם איר מוטער די באַ־רימטע מרת שרה תמ״א האָט געטאָן מיט מיר חסד ואמת און געגעבן מיר גרויסע געשאַנקען, זי און איר טאָכטער. גם ר׳ יחיאל אַליין האָט מיר געגעבן מתנות און זיידענע בגדים, און זיי אַלע האָבן נאָך געגעבן געלט צו אַלע מיינע משרתים.

און אין די טעג פון מיינע גרויסע תעניתים פלעגן קומען צו מיר אין הויז מיט גרוים כבוד ר׳ יחיאל און זיין ווייב, וואָס איר נאָמען איז דיאַמאַנטע תמ״א בת ר׳ אשר משולם פון ווע־נעציע. און עס פלעגט קומען צו מיר מרת שרה און איר טאָכטער מרת לאוורה און אייניקע מיידלעך און זיי פלעגן דורכפירן ריקודים אין דעם חדר, וואו איך פלעג זיך געפינען. און זיי פלעגן מיר זאָגן:

— פון דיין כבוד וועגן און פונוועגן עס זאָל פון דיר אַוועק דער טרויער און דו זאָלסט זיין פריילעך בעת דיינע תעניתים — קומען מיר עס צו דיר.

און זיי האָבן מיך געפרעגט:

— האָסטו פאַרגעניגן פון די האַרפן־קלאַנגען און פון די ריקודים, וואָס פאַר דיר?

און איך האָב זיי געענטפערט:

— גוטס טוט איר מיט מיר, נאָר הקדוש־ברוך־הוא וויים די מחשבות פון מיין האַרצן, אַז מיין האַרץ איז באַהעפט אין גאָט

ביטאָג און ביינאַכט און אַז איך וויל ניט הערן די קלאַנגען פון אַ האַרף און אַ שאַלריי און קיין געמאַכטע שמחות.

און עס פלעגן קומען צו מיר אין פיסאַ גויים מיט טרו־מייטן, און עס פלעגן זיך צענויפקלייבן אין הויז פון ר׳ יחיאל אַ סך גויים און פלעגן בלאָזן אין די טרומייטן און זינגען פיל, בכדי צו באַקומען געלט. אויך ווען איך בין געשטאַנען אין רוים, פלעגט מען קומען צו מיר אַ סך מאָל פון פויפסט מיט טרומייטן, בדי צו באַקומען געלט, און גם אין וויטערבאָ און באָלסענאַ פלעגן צו מיר קומען די לייט מיט די טרומייטן.

און איך בין געשטאַנען אין הויז פון ר׳ יחיאל אין אייבערשטן חדר, אין אַ שיינעם חדר.

און ביי מיר איז געווען איינער, דוד הרומאני, וואָס איז געקומען מיט מיר פון רוים צוזאַמען אין איין חבורה מיט רפאל און מיט יוסף הלוי און מיט טוביה, דען פיר זיינען געווען די וואָס זיינען געקומען מיט מיר צוגלייך פון רוים. דוד הרומאני איז געגאַנגען פון רוים צופוס, בעת אַלע איבעריקע זיינען געווען אויף פערד. און ער האָט ביי מיר ניט געבעטן ניט קיין געלט און ניט קיין קליידער, און איך האָב אים געגעבן צו היטן מיינע בגדים און דאָס געלט, און ער איז געווען אַ געטרייער און גאָטספאָרכטי־קער. און איך האָב אים ליב געהאַט מיט אַ גרויסער ליבשאַפט מער ווי אַלע משרתים, וואָס האָבן מיר באַדינט. און ער איז מיט מיר געשטאַנען אין פיסאַ ביז עס איז געגאַנגען די שיף, וואָס איך האָב געוואָלט גיין מיט איר קיין פאָרטוגאַל. גם האָב איך געשיקט אַ בריוו צום קיניג פון פאָרטוגאַל דורך אַ גלח אַ מאַראַן, וואָס איז געווען מיינער אַ גוטער פריינד. געשריבן יענעם בריוו האָט ר׳ יחיאל, און איך האָב אים דערלאַנגט דעם מאַראַן הנ״ל און פאַר־זאָגט אים, ער זאָל אים איבערגעבן אין דאַנט דעם קיניג, און ער האָט אַ נדר מיר געגעבן, אַז ער וועט טאָן אַזוי מיט אַלע כוחות זיינע. און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט יענער שיף. איך אָבער בין געבליבן שטיין אין פיסאַ, דען דאָן יִיקעל דער אינבאַשאַדאָר האָט מיך מעכב געווען. און דוד הרומאני האָט געזען דעם דאָזיקן עיכוב,

אַז איך האָב דעם יאָר ניט געקענט גיין (קיין פּאָרטוגאַל), האָט ער צו מיר געזאָגט:

— גיב מיר רשות צו גיין קיין רוים זען מיין מוטער, און נאָכדעם וועל איך זיך אומקערן צוריק.

און ער האָט צו מיר געגעבן אַ נדר, אַז אויב ער וועט דערהערן וועגן דער שיף, וואָס איך וועל גיין מיט איר, וועט ער זיך תיכף אומקערן צו מיר. האָב איך אים געגעבן רשות, און ער איז אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ דניאל קיין פלאָרענציע. און ר׳ דניאל האָט אים געגעבן פיר דוקאַטן אויף הוצאות הדרך. און אַזוי האָט ר׳ דניאל געגעבן צו יוספן און רפאלן צוועלף דוקאַטן גאָלד. און איך בין נאָך ווייער אַוועקגיין פאַרבליבן אין הויז פון ר׳ יחיאל אין פּיסאַ, און איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער משרת, נייערט דעם טוביה. און ביי ר׳ יחיאלן זיינען געווען אַ סך משרתים. און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— האָב קיין פּאָרכט און קיין אַנגסט, דען אַלע מיינע משרתים וועלן דיר באַדינען, און אויך מיר אַליין.

און ר׳ יחיאל פלעגט קומען מיך זען דריי אָדער פיר מאָל אין טאָג אין אויבערשטן חדר, וואָס איך האָב גערוט אין אים. און איך פלעג גיין מיט זיי אין בית־הכנסת דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב, און די איבעריקע יידן, וואָס זיינען געווען אין פּיסאַ, זיינען אַלע געווען אָרעמע, — זאָל גאָט זיי לייטזעליקן און זיך מרחם זיין אויף זיי!

און דערנאָך איז געקומען דער ברודער פון מרת שרה דער זקנה תמ״א, וואָס זיין נאָמען איז געווען ר׳ שבתאי יצ״ו [1]. און ער איז געקומען פון טערקנלאַנד זען זיין שוועסטער און באַקומען פון איר געלט. ער איז געווען אַ דאָקטאָר אַ געלערנטער און אַ נעאַכטער און איז איינגעשטאַנען מיט אונז אין הויז פון ר׳ יחיאל. און ביי אים איז געווען אַ משרת יעקב, וויאָס איז געקומען מיט אים צוזאַמען פון טערקנלאַנד און האָט געקענט ריידן אַראַביש

1) יעזרהו צורו וגואלו — זאָל אים העלפן זיין פעלז (שוק—גאָט) און זיין דערלייזער.

און אויף דעם לשון פון לאַנד. האָט געזאָגט צו מיר די זקנה מרת שרה:

— אויב דו ווילסט, וועט דער דאָזיקער משרת פון מיין ברודער קומען דיר באַדינען. איך ווייס, אַז ער וועט דיר באַדינען בעסער פון אַלע דיינע משרתים.

אויך ר׳ יחיאל האָט מיר דאָס אַלץ געזאָגט. האָב איך זיי נעענטפערט, אַז איך ווייס די טבע פון די משרתים, אַז זיי באַגייען קעגן מיר רמאות, נעמען פון מיר קליידער און געלט און גייען זיך אַוועק זייער וועג. איז געקומען צו מיר ר׳ שבתאי הנ״ל און האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דער איז אַ חשובער און אַ גוטער משרת:

— אויב דו ווילסט אים, וועל איך אים איבערלאָזן פאַר דיר און זאָל ער דיר באַדינען. און אויב דו ווילסט אים ניט, וויל איך, ער זאָל גיין מיט מיר אין מיין וועג, ווייל איך בין אָן משרתים.

נאָכדעם האָב איך אים גערופן און געפרעגט ביי אים:

— ווילסטו מיר באַדינען און גיין מיט מיר אין יעדן לאַנד, וואוהין איך גיי?

האָט ער מיר געענטפערט:

— יאָ.

דענסטמאָל האָב איך אים געגעבן נייע בגדים, און ער האָט מיר באַדינט. ער האָט געקענט אַראַביש און לשון הקודש, נאָר ער איז געווען אַ צעלאָזענער און אַ סורר ומורה, און די הויזלייט האָבן אים פיינט געהאַט איבער טוביהן, ווייל ער (טוביה) פלעגט מלשין זיין אויף אים מיט אמתדיקע רייד. און טוביה האָט פאַרפירט מיט מיר אין פיסאַ אַ גרויסן קריג. ער האָט ניט געוואָלט, עס זאָל מיטגיין מיט מיר אַן אַנדער חבר אויסער אים.

נאָכדעם זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אין דעם פּרדס פון ר׳ יחיאל, און עס איז געקומען ר׳ יחיאל און זיין ווייב תמ״א און זיין מוטער, און מיר זיינען אַריין אין גאָרטן אין אַ גרויסער דירה, וואו עס זיינען געווען אַ סך הדרים און אין יעדן חדר — בעטן און טישן. און אַ באַרג איז פאַרהאַן העכער פון דעם פּרדס פול איילבערטביימער, נאָענט פון דער דירה. און אַ טייך אַ גרויסער פון

שפיץ באַרג גייט דורך פּיסאַ ביזן ים־הגדול. און די שיף גייט צו נאָענט צו דער דירה פון ר׳ יחיאל צו פירן האָלץ קיין פּיסאַ צו זיין הויז פון דער זייט פון פּרדס. און מיר פלעגן גיין אין דער שיף פון פּיסאַ ביז צום בוימגאָרטן.

איינמאָל זיינען מיר געקומען אויף פערד, און טוביה האָט זיך געשטעלט לעבן יעקבן מיין משרת אין דעם פּרדס און געוואָלט אים דערהרגענען.

ר׳ יחיאלס ווייב פלעגט שפּילן אויף אַ האַרף, און פיל שרים פלעגן קומען אין יענעם גאָרטן הערן זי. אין יענער דירה האָבן מיר פאַרבראַכט צוויי טעג און האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין פּיסאַ. ר׳ שבתאי איז אַוועק זיין וועג קיין טערקנלאַנד, און יעקב זיין חבר איז פאַרבליבן ביי מיר און האָט אַלע טאָג געהאַט טענות און קריג מיט טוביהן. איך האָב פון טוביהן ניט אָנגענומען קיין שום שלעכטן וואָרט אויף אים, ביז ער איז אַמאָל געקומען צוזאַמען מיט ר׳ יחיאלס ווייב און האָט אַרויסגענומען פּסחדיקע מצה פון אונטערן בעט, וואָס ער האָט אין איר געשלאָפן. ער האָט מיר געוויזן די זאַך און זיי האָבן געזאָגט צו מיר:

— איז דען ניטאָ קיין מצה אויפן טיש צום עסן, אַז ער באַהאַלט?

און אַלע בני־בית האָבן אים פיינט באַקומען איבער דעם. און עס האָט געזאָגט צו מיר ר׳ יחיאל און אויך שרה זיין עלטער־מוטער:

— שיק אים אַוועק דעם דאָזיקן משרת, דען ער איז ניט ראוי צו באַדינען דיר און עס איז אַ חרפּה, ער זאָל זיצן אין דיין הויז.

האָב איך צוגעהערט זייערע רייד און אים אַוועקגעשיקט. איך האָב אים געגעבן בגדים פאַר אַכט דוקאַטן און אַ סידור צום דאַווענען, געקויפט פאַר אים אַ שווערד און אים אַוועקגעשיקט צו ר׳ דניאלן קיין פלאָרענציע, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פון ר׳ דניאל. ביי ר׳ דניאלן זיינען דאָ משרת׳ים, וואָס ווייסן מוסר און די טבע פון לאַנד, און זיי זיינען מסדר דעם טיש אין הויז פון ר׳ דניאל. האָט מען מיר דערציילט, אַז יעקב מיין משרת זיצט אין הויז פון ר׳ דניאל ביים טיש מיט אים צוזאַמען, אָבער

ר׳ דניאל האָט געזען, אַז זיינע מעשים זיינען שלעכט און ער האָט ניט קיין דרך־ארץ. און יעקב הנ״ל איז געווען ביי אים אין הויז כּמו אַכט טעג, דען איך האָב געשריבן צו ר׳ דניאלן, ער זאָל זיין ביי אים אין הויז מחמת די קריגערייען, וואָס זיינען געווען צווישן אים און טוביהן. איך האָב צו אים געשריבן, אַז אויב עס איז דאָרטן פאַרהאַן אַן אנדער משרת, וואָס זאָל קומען מיר באַדינען, וועל איך דעם יעקבן אַוועקשיקן זיין וועג. און ער האָט געבעטן ביי ר׳ דניאל אויף הוצאות צו גיין אין מחנה. און יעדן טאָג פלעגט ער עסן ביי ר׳ דניאלס טיש און נאָכדעם פלעגט ער גיין עסן אין מחנה. נאָכדעם האָט ר׳ דניאל אים געגעבן צוויי דוקאַטן און געזאָגט צו אים:

— גיי דיין וועג, דען איך וויל ניט, דו זאָלסט באַדינען ר׳ דודן.

אויך האָט יעקב געגנבעט ביי ר׳ דניאלן אַ בגד, וואָס איז ווערט געווען אַכט דוקאַטן, און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב זיך מצער געווען, וואָס איך האָב ניט ביי זיך קיין שום מענטשן, וואָס זאָל מיר באַדינען, נייערט טוביהן. נאָר ביי ר׳ יחיאלן איז געווען אַ בחור עמנואל, וואָס איז ביי אים געשטאַנען אין זיין קראָם 1), און ער איז געווען אַ חשובער, אַ געטרייער און אַ גאָטספאָרכטיקער,—האָט ער מיר באַדינט און ער איז געווען אַ פרומער און אַן ערלעכער.

איינמאָל זיינען מיר, איך און ר׳ יחיאל, געגאַנגען אויף אַ טורעם אין אַן אומווערדיקייט, און דאָרטן איז געווען אַ גרויסער טורעם. זיינען מיר אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון דעם טורעם און איך האָב דערזען דריי אומווערדיקייטן מיט צורות, וואָס איז אומ־מעגלעך פאַר אַ מענטשן אַרויסצורעדן.

דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, פאַרבראַכט עט־לעכע טעג און אַוועק אין בוימגאָרטן אויף פערד. דענסטמאָל איז ר׳ דניאל געקומען פון פלאָרענציע צו מיר אין גאָרטן אין יענער דירה.

---

1) ר׳ יחיאל האָט געהאַלטן אַ קראָם פון אַ געלטוועקסלער.

און נאָכדעם האָבן זיך אומגעקערט ר׳ דניאל און ר׳ יחיאל פון פיסאַ, היות זיי האָבן געהאַט עסקים, און מיר האָבן פאַרבראַכט אין גאָרטן ביזן צווייטן טאָג און זיך צוריקגעקערט קיין פיסאַ. ר׳ דניאל איז אַוועק צוריק קיין פלאָרענציע און ר׳ יחיאל האָט נאָך פאַרבראַכט אינדערהיים עטלעכע טעג און האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין צו ר׳ דניאל קיין פלאָרענציע׳ ווייל ער דאַרף פון אים באַקומען פיר טויזנט דוקאַטן. אַזוי איז ער אַוועק בשלום, האָט זיך אָפּגעזאַמט צוויי חדשים און איז צוריק געקומען קיין פיסאַ.

ר׳ יחיאל האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן אַ ספר־תורה, און בעת איך בין געווען אין פיסאַ, האָב איך געמאַכט די ברכות איבער יענער ספר־תורה אַ סך שבתים. די כתיבה פונם ספר איז געווען זייער שיין.

און עס האָט געשיקט צו מיר די סעניאָרע פון נאַפּאָלי תמ״א[1]) קיין פיסאַ אַ שיינע זיידענע פאָן, וואָס אויף איר זיינען געווען אויסגעהאַפּט מיט גאָלד די עשרת הדברות פון ביידע זייטן, נאָר די פאָן איז געווען אַן אַלטע. גם האָט די סעניאָרע הנ״ל געשיקט צו מיר אַ הערלעכן גאָלד־בגד, איך זאָל אים אָנטאָן לכבוד איר נאָמען ז״ל, חוץ דעם וואָס זי האָט געשיקט צו מיר נאָך בעת מיין זיין אין רוים דריי מאָל געלט. איך האָב געהערט וועגן איר, אַז זי פאַסט אַ סך. אויך האָב איך געהערט וועגן איר שוין זייענדיק אין אַליסאַנדריא און אין ירושלים, אַז זי פלעגט אויסלייזן געפאַנגענע, אַז זי האָט אויסגעלייזט מער ווי טויזנט שבויים, אַז זי טוט צדקה יעדערן וואָס בעט ביי איר, — געבענטשט זאָל זי זיין ביי גאָט!

און מרת שרה פון פיסאַ תמ״א איז געווען זייער אַ חשובע

1) די וואונדערבאַרע דאָנאַ בענוווענודאַ אַבּרבּנאלה, די פרוי פונם מערקווערדיקסטן זון פון דאָן יצחק אַבּרבּנאל, דאָן שמואל, וואָס איז געווען אַ גדול הדור און פול ליבע צום פאָלק, מיט אַ קאָלאָסאַלער השפעה אויף דער פּאָליטיק פונם נעאַפּאָליטאַנישן קיניגרייך אַדאַנק זיין הויכער שטעלונג אַלס פינאַנס-מיניסטער. דאָנאַ בענוווענודאַ האָט אים אָבער איבערגעשטיגן אין אַלע פרטים און האָט ערשיינט פאַר איר פאָלק ווי ליכטיקער שטראַל אין דער פינסטערער צייט, וואָס נאָך גירוש שפּאַניע.

ז״ל; איך האָב מיט מיינע אויגן געזען אירע מעשים טובים, וואָס גאָר ניט מעגלעך אויסצודערציילן. אויך זי האָט מיר געגעבן אַ גיל־דערנעם זיגל און האָט געזאָגט צו מיר:

— זאָל דאָס זיין פאַר אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר!

גם האָט זי מיר געגעבן אַ גרויסן ספר תהילים־משלי־איוב און די חמש מגילות אויף פּאַרמעט. און מיט איר אייגענער האַנט האָט זי אָנגעשריבן בראש פון יענעם ספר אַן עצה, פונוועגן איך זאָל עס טאָן און דערמאָנען אירע מעשים. און זי האָט געזאָגט צו מיר אין יענעם כּתב, וואָס זי האָט געשריבן:

— אַל תכעס ואַל תבהל [1].

און זי האָט מיר אויך געגעבן אַ סידור תפילות און געזאָגט צו מיר:

— דערין זאָלסטו מתפלל זיין פון מיין ליבשאַפט וועגן.

און ביי איר איז געווען אַ יונגע מיידל, דבורה תמ״א, אַ טאָכטער פון איר ברודער, וואָס אין ירושלים, און די דבורה איז געווען אַ חכמה און אַ משכלת, און זי האָט געלייענט עשרים וארבע און געדאַוונט. איר מלמד איז געווען שלמה כּהן [2], אַ ביסל אַ טויבלעכער און אַ בחור און אַ חכם־גדול. און די זקנה האָט זי געלערנט גוטע מידות און דרך ארץ.

אין דער צייט, ווען איך בין איינגעשטאַנען אין ר׳ יחיאלס הויז, איז געווען אַ מענטש מיטן נאָמען ר׳ אליעזר, וואָס האָט געלערנט מיטן זון פון ר׳ דניאלס שוועסטער. און דער דאָזיקער ר׳ אליעזר האָט געוואָלט נעמען אָט די דבורה זיך צו אַ ווייב. האָט אָבער די זקנה מרת שרה ניט געוואָלט זי געבן אים.

— האָב איך ביי איר נעפרעגט:

— וואָרעם זאָל זי ניט גענומען ווערן צו אָט דעם בחור, — ער איז דאָך אַ נכבד און אַ חכם?

---

1) ווער ניט אין כּעס און ווער ניט צעטומלט.

2) שלמה ב״ר אברהם כּהן פון פּראַטאָ, דוד הראובנים לעצטער משרת, איינער פון זיינע געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע פריינד, וואָס האָט אָנגעשריבן „לזכרון״ זיין פינאַנסיעלן געניויעם דין וחשבון.

האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי וויל ניט געבן זי צו קיין שום מענטשן אין דער וועלט, ביז זי וועט גיין קיין ירושלים און דאָרטן איז איר רצון זי אויסצוגעבן. און גאָט וועט איר געבן ווי איר גוט האַרץ גלוסט און וועט דערפילן די פאַרלאַנגען פון איר האַרצן, אמן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם האָט דער מלך פאָרטוגאַל געשיקט נאָך דאָן-מיקעל פון רוים [1]. און ער האָט געשיקט אויפן אָרט פון דאָן-מיקעל פאַר אַן אינבאַשאַדאָר דעם דאָן מאַרטין [2]. און דאָן מאַרטין הנ״ל האָט, קומענדיק קיין רוים, תיכּף געשריבן צו מיר קיין פּיסאַ:

— היות דער מלך פאָרטוגאַל האָט געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט געקומען צו זיין דינסט, און ער פרייט זיך מיט אַ גוט האַרץ, על כּן גרייט זיך צו און גיי מיט אָט דער שיף.

און וואָר, אַ גרויסע שיף איז געשטאַנען אין ליגורנה [3] און האָט געדאַרפט אָפּגיין קיין פּאָרטוגאַל, נאָר דער קאַפּיטאַן אירער האָט זיך פאַרהאַלטן אין רוים, ווייל ער האָט געהאַט עסקים מיטן פּויפּסט, און איך האָב געמוזט וואַרטן ביז דער קאַפּיטאַן וועט קומען. האָב איך געשיקט קיין פלאָרענציע נאָך ר׳ דניאלן און ער איז געקומען צו מיר קיין פּיסאַ און איך האָב מיך מיט אים באַ-ראָטן, און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך וויל ניט, דו זאָלסט גיין מיט אָט די כּתבים, וואָס דאָן מאַרטין האָט צוגעשיקט, נייערט מיר וועלן שיקן אַ שליח מיוחד קיין רוים, — וועט דאָן מאַרטין געבן אַנדערע בריוו און אויך פון פּויפּסט וועלן זיך אַנדערע כּתבים באַקומען.

און אַזוי האָט ר׳ דניאל אַוועקגעשיקט פון פּיסאַ קיין רוים אַ שליח און אַלע הוצאות האָט ער געמאַכט פון דער אייגענער טאַש, הן פאַר די פערד הן פאַר די שלוחים, און אַלץ, וואָס ער

---

1) ד. ה. ער האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל אַלס אַמבאַסאַדאָר.

2) אַרציבישאָף פון פונכאַל מאַרטינהו דע פּאָרטוגאַל, וואָס האָט געהאַט נאָך אַ ספּעציעלע אויפגאַבע צו ווירקן אויפן פּויפּסט לרעה די אַנוסים.

3) ליגורנה — ליוואָר.

האָט געגעבן מיר און מיינע משרתים. און ר׳ דניאל האָט זיך אומגעקערט קיין פלאָרענציע.

דענסטמאָל איז געקומען ר׳ יוסף צרפתי פון רוים קיין פלאָרענציע און ער האָט ניט געוואָלט קומען צו מיך קיין פיסאַ. האָב איך מיך זייער געוואונדערט הפלא ופלא, ווייל ער איז אַמאָל געווען אַ מליץ צווישן מיר און דעם פויפסט און ער האָט אָפּגעלייגט דעם ענין, וואָס איך האָב גערעדט מיט אים, און האָט מיטן פויפסט גערעדט וועגן זיינע אייגענע עסקים. און אַז איך בין געגאַנגען מיט אים צום קאַרדינאַל, האָט ער מיט אים אויך גערעדט וועגן מיין ענין ווייניק און איז אַריבערריידן מיטן קאַרדינאַל וועגן זיינע געשעפטן. אין ער פלעגט מיר זאָגן, אַז ער האָט מיך ליב. און איך האָב בתם לבבי אים ליב געהאַט, דען איך בין אין זיין הויז געשטאַנען און ער פלעגט זייער מרבה בדברים זיין. און אין דעם טאָג, ווען יוסף צרפתי איז געקומען קיין פלאָרענציע, האָט מען מיר איבערגעגעבן קיין פיסאַ אַ בריוו פון רוים. אין דעם בריוו איז געווען געשריבן, אַז מיין סעקרעטער ר׳ אליהו יצ״ו איז פאַרשפאַרט ביי זיך אין הויז אין רוים, ווייל אין זיין הויז איז די מגפה, און אַז זיין ווייב און זיינע קינדער זיינען געשטאָרבן, — און איך האָב זיך מצער געווען פון אים זייער טיף אין האַרץ.

נאָכדעם איז געקומען מיין משרת דוד הרומאַני פון רוים און האָט מיר אַלץ קלאָר דערציילט. ער איז געקומען צו מיר קיין פיסאַ אין הויז פון ר׳ יחיאל און איך האָב זיך מיט אים דערפרייט זייער און זייער אַ גרויסע פרייד. און איך האָב אים ווידער אָפּגעגעבן צו היטן די קליידער און דאָס געלט. אויך איז געקומען צו מיר קיין פיסאַ אין הויז פון ר׳ יחיאל יוסף הלוי פון רוים און מיט אים איז געווען אַ משרת ו ר אַ נ צ י ש ק ו[2]), און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי מיר אין הויז פון ר׳ יחיאל.

דענסטמאָל האָב איך געשיקט מיין משרת טוביה קיין פלאָרענציע מיט אַ געלויף צו ר׳ יחיאל, ער זאָל קומען צו מיר וואָס

1) פראַנצעסקאָ.

גיבער, תּיכּף ווי ער וועט דערזעהן מיין כּתב, ווייל עס איז געקו־מען דער קאַפּיטאַן פון שיף און ער וויל גיך אָפּגיין. אָבער עס איז ניט געקומען צו מיר ניט ר׳ דניאל, ניט ר׳ יחיאל, ניט טוביה — אין משך פון דריי טעג.

איך האָב פאַרבראַכט אין הויז פון ר׳ יחיאל עטוואָס ווייני־קער פון זיבן חדשים, איך און אַלע מיינע משרתים, און ר׳ יחיאל האָט מיך אויסגעהאַלטן מיט אַלע הוצאות מיינע אויף זיין אייגע־נעם חשבון. עס איז גאָר ניט מעגלעך איבערצוגעבן און אויסצו־דערציילן אַלע זיינע גוטע מעשים, וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז. און אין דעם טאָג, ווען איך בין געווען נאָענט צו גיין אין מיין וועג, האָט מיר ר׳ יחיאל געגעבן צען דוקאַטן.

נאָכדעם איז געקומען דער קאַפּיטאַן פון שיף און האָט גע־זאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט גיין מיט אונז, זאָלסטו וויסן קלאָר, אַז מיר ציען מאָרגן על כּל פּנים. און מיר האָבן שוין צוגעגרייט און איינ־געאָרדנט פאַר דיר אַ שיינעם חדר אין דער שיף און אַלץ, וואָס דו דאַרפסט, וועלן מיר טאָן מיט גוטן האַרצן מיט גאָטס הילף, ביז דו וועסט קומען קיין פּאָרטוגאַל צום קיניג.

און נאָך די דאָזיקע אַלע רייד איז דער קאַפּיטאַן אַוועק זיין וועג.

אויף דעם צווייטן טאָג האָב איך מסדר געווען אַלע מיינע זאַכן, אַרויפגעלייגט זיי אויף די מוילאייזלען און אָפּגעשיקט קיין ליגורנה (ליוואָרנאָ). און איך האָב אָפּגערייזט, איך און ר׳ יחיאל און ר׳ ראובן און זיינע זין. און ר׳ יחיאלס מוטער איז געלעגן קראַנק צו בעט, גאָט זאָל זי אויסהיילן. און יוסף הלוי און דוד הרומאני זיינען געווען מיט מיר. פראַנצישקו דער משרת, וואָס איז געקומען מיט יוסף הלוי, איז קראַנק געוואָרן. און איך האָב ניט געוואוסט, אויב דאָס איז געווען פון דער פּעסט אָדער אַן אַנדער קראַנקהייט.

מיר זיינען אָנגעקומען מיט אַלע אונזערע זאַכן קיין ליגור־נה (ליוואָרנאָ), און מיר זיינען געגאַנגען אין איין מחנה.

איך האָב געפאַסט די נאַכט, די צווייטע אין די דריי תעניתים־טעג. די גרויסע תעניתים, וואָס איך האָב געפאַסט אין פיסאַ, זיינען געווען זעקס מאָל צו זעקס טעג און זעקס נעכט, און פערציק טעג: האָב איך געפאַסט און דריי טעג און נעכט.

אין דער דאָזיקער מחנה, וואָס מיר זיינען מיט איר אָנגעקומען קיין ליגורנה (ליוואָרנאָ), האָב איך געהאַט אַ זאָרג און אַ גרויסן צער אין האַרצן פונוועגן דעם, וואָס טוביה איז אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ דניאל און עס האָט זיך ניט צוריקגעקערט צו מיר מיט ר׳ דניאל און ניט מיין משרת טוביה. און דער קאַפּיטאַן פון שיף איז געקומען צו מיר אין דער דאָזיקער נאַכט און געזאָגט, אַז זיי רייזן אָפּ מאָרגן באַגינען. און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אונז.

מ׳האָט מיר דאָ אין דער מחנה אין ליגורנה איינגעאָרדנט אַ בעט, און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. זיי ווידער האָבן זיך געזעצט עסן: ר׳ יחיאל יצ״ו און אַלע זיינע משרתים און מיינע. אַגב האָט ר׳ דניאל צו מיר געשיקט אַ בחור, און זיין נאָמען איז געווען בן־ציון פון קוריין[1], און ער איז געקומען צו מיר קיין ליגורנה. נאָכן עסן זיינען אַלע געגאַנגען שלאָפן. יעדערער אין זיין בעט, און נון אין האַלבער נאַכט איז געקומען צו מיר קיין ליגורנה — ר׳ דניאל פון פיסאַ. ער איז אַרויסגעפאָרן פון פלאָרענציע אין יענעם פרימאָרגן און איז געקומען קיין פיסאַ, נאָר ער האָט אונז ניט געטראָפן. נאָכדעם האָט ער אונז נאָכגעיאָגט קיין ליגורנה און איז געקומען צו מיר, בעת איך האָב געהאַלטן אין שלאָפן, און ער האָט גערעדט צו מיר. איך האָב זיך זייער שטאַרק דערפרייט, ווען איך האָב אים דערזען. נאָכדעם איז ער אַוועקגעגאַנגען אין האַלבער נאַכט צום קאַפּיטאַן פון שיף און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין הויז. און איך האָב אָפּגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

און אינדערפרי איז געקומען צו מיר ר׳ דניאל און האָט מיר

[1] אָרט אומבאַקאַנט.

איבערגעגעבן פונם פויפסט אַ נייעם רעגנמאַנטל פון דמשקער גע־וועב און אַ קאַפּל פון שוואַרצן סאַמעט. און דער רעגנמאַנטל איז געווען אַ שוואַרצער מיט אַ גרינעם אונטערשלאַק. ער האָט דאָס מיר אַלץ געגעבן פאַר זיך און פאַר זיין נאָמען ז״ל.

ר׳ דניאל האָט צו מיר געשיקט דעם שלמה כהן פון פּראַטאַ, ער זאָל גיין מיט מיר, און ער האָט אים געגעבן צוועלף דוקאַטן. און ער האָט אויך געגעבן צו בן־ציון זעקס דוקאַטן און צו דוד הרומאני האָט ער געגעבן צען דוקאַטן, אויך צו טוביה צען דוקאַטן. צו יוסף הלוי האָט ער געגעבן צוויי דוקאַטן, בכדי ער זאָל זיך אומקערן צוריק קיין רוים. און איך האָב אים אויך צו דעם צוועק געגעבן צוויי איבעריקע דוקאַטן, דען טוביה האָט געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, אַז יוסף הלוי זאָל גיין מיט דיר, וועל איך מיט דיר ניט גיין.

און טוביה איז געווען אַ קאָכער, און איך האָב אים (יוסף הלוי) אָפּגעשיקט קיין רוים.

און עס איז געקומען דער קאַפּיטאַן פון שיף און האָט גע־זאָגט צו מיר:

— אויב דו וועסט דאַרפן דריי הונדערט אָדער פינף הונ־דערט דוקאַטן, וועל איך דיר זיי געבן, ביז דו וועסט קומען צום קיניג און דו וועסט זיי מיר אומקערן. ווייטער האָב איך איינגע־קויפט פאַר דיר אַלץ וואָס דו דאַרפסט פון ברויט, פון אייער און פון עופות.

נאָכדעם האָט מיר ר׳ דניאל געגעבן הונדערט מיט צוויי דו־קאַטן און האָט צו מיר געזאָגט:

— נעם דאָס פון מיין ליבשאַפט וועגן.

און איך האָב גענומען אַלע מיינע זאַכן און אַוועקגעפירט זיי אין דער גרויסער שיף. און טוביה האָט געבלאָזן אין טרומייטערס. ר׳ דניאל און ר׳ יחיאל זיינען געשטאַנען אויפן ברעג פון ים, און מיר — אין דער גרויסער שיף אין אַ שיינעם חדר. און דער קאַפּיטאַן פון שיף, וואָס האָט מיר אַלץ צוגעזאָגט, האָט זיך פאַר־

האַלטן אין ליגורנה, און האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען נאָך אונז מיט דער יבשה.

נאָכדעם זיינען געקומען צו מיר אין דער גרויסער שיף ר׳ דניאל און ר׳ יחיאל און זיי זיינען אריין אין מיין חדר מיך צו זען, זיינען געשטאַנען אַ ביסל און האָבן צו מיר גע־רעדט, האָבן מיר ווידערגעגעבן שלום און זיינען אַוועק זייער וועג. און איך און ר׳ שלמה הכהן און טוביה און דוד הרומאני און בן־ציון זיינען אָפּ־געפאָרן פון ליגורנה מיט אַ גוטן ווינט, אַ לויב צו גאָט, זאָל גאָט אונז היטן, סלה!

ז. אין פּאָרטוגאַליאַ.

און מיר זיינען געגאַנגען מיט אַ גוטן ווינט איבערן ים־הגדול אויפן וועג קיין מערב צום קיניג פון פּאָרטוגאַל. און מיר זיינען צוגעקומען נים ווייט פון קאַליצי[1]) אין מלכות קיסר[2]). דאָ האָב איך געשיקט דעם טוביה צו דעם ריכטער[3]) מיטן כּתב פון פּויפּסט. איז טוביה געגאַנגען און האָט געבעטן ביי אים רשות אַראָפּצושטייגן פון שיף אין לאַנד אַריין, דען מיר ווילן שטיין איין טאָג און נאָכדעם זיך אומקערן צוריק אין שיף, — האָט דער ריכטער נים געוואָלט. האָט זיך טוביה אומגעקערט צוריק צו מיר און האָט דערציילט, אַז די לייט פון דער מדינה האָבן גערעדט. צו אים שלעכטע רייד פאַרן ריכטער אין די אויגן. און אויך דער שטעלפאַרטרעטער, וואָס דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט אים איבערגעלאָזן אָנשטאָט זיך, איז געגאַנגען אין יענם לאַנד אַריין און האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר און האָט דערציילט, אַז דער ריכטער האָט אים גערופן צו זיך, און עס זיינען דערביי געווען גרויסע שררות פון דער מדינה, און ער האָט געשריען.

— זיי זיינען אַלע אין איין עצה אויף אייך. זיי האָבן געשריען: „ווי גייט עס דער יידישער קיניג צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, וואָס איז דער קלענסטער (פון די מלכים)!“ — זיי מיינען, אַז מיר גייען כּנגד דעם קיסר. זיי האָבן אַפילו באַשלאָסן דיך צו

1) קאַדיקס — קאַדיצי — פּאָרט אין שפּאַניע אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

2) ד. ה. אין דער אימפּעריע פון דעם גערמאַנישן קייזער קאַרל דעם פינפטן, וואָס האָט געוועלטיקט אויך איבער שפּאַניע און אירע קאָלאָניעס.

3) גרענעץ־ריכטער, וואָס באַשטימט, ווער עס מעג אַראָפּגעלאָזן ווערן פון שיף און ווער ניט.

נעמען תפוס. און זיי זוכן פאַר דיר פערד און ווילן דיך אָפּשיקן צום קיסר.

איך האָב זיך אָבער געפרייט אין האַרצן מיט אַלץ, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט געטאָן, און איך האָב געטראַכט אין האַרצן, אַז אויב עס װעלן קומען מענטשן און מיך נעמען תפוס מיט גע־וואַלד, איז דאָס אַ סימן, אַז הקדוש־ברוך־הוא שיקט זיי פון מיין טובה וועגן און לטובת כל ישראל. און איך בין שטאַרק אין דער שליחות פון גאָטס דינסט און אין זיינע מצוות. אַלע משרתים מיי־נע האָבן זיך געפאָרכטן און געשראָקן און איך האָב מיך געפרייט אַנטקעגן זיי. און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— האָט קיין פאָרכט ניט און קיין אַנגסט.

נאָכדעם איז צו מיר געקומען דער קאַפּיטאַן פון שיף אַ צווייטן מאָל און האָט געזאָגט צו מיר:

— בעסער גייט אַרויס פון דער דאָזיקער שיף אין אַן אַנ־דער שיף אַריין — פון דעם מלך פאָרטוגאַל.

זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון יענער שיף אין האַלבער נאַכט, האָבן אַוועקגעלייגט אַלע זאַכן אונזערע אין אַ חדר און פאַרשלאָסן אים, און מיר זיינען אַריין אין אַ קליין שיפל, ביז מיר זיינען צו־געקומען צו דער שיף פון מלך פאָרטוגאַל. און מיר זיינען אַריין אין דער קיניגלעכער שיף. דער קאַפּיטאַן פון יענער שיף איז געשלאָפן אין זיין בעט, נאָר אַז ער האָט דערהערט, אַז מיר זיי־נען געקומען צו אים אין שיף, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין בעט. זיינען מיר אַריבער צו אים אין חדר און האָבן אים געוויזן דעם כתב פון מלך פאָרטוגאַל, און דער קאַפּיטאַן פון אונזער שיף האָט גערעדט באַריכות מיטן קאַפּיטאַן פון דער קיניגלעכער שיף וועגן די רייד פון די ריכטער און די שררות, וואָס אין דער מדינה כאַליצי (קאַדיצי—קאַדיקס). און מיר זיינען געשטאַנען ביי אים ביז כאור. נאָכדעם זיינען מיר אָפּגעפאָרן און אָנגעקומען אין דער מדינה אַלמריאה[1]), וואו ביידע שיפסקאַפּיטאַנען זיינען

1) אַלמעריאַ — שטאָט אין דער מדינה מיטן זעלביקן נאָמען אויף דרום־מערב פון שפּאַניע.

אַוועקגעגאַנגען צו די ריכטער און צו די שררות. איך האָב מיטגע־שיקט מיט זיי מיין משרת טוביה. נאָכדעם זיינען זיי צוריקגעקומען און געזאָגט צו מיר, אַז די ריכטער און די שררות האָבן פאַרפירט אַ קריג מיט די שיפס־קאַפּיטאַנען פונוועגן דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרהאַפּטן אונז.

נאָכדעם האָט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, וואָס גייט קיין טאוילה [1] געגעבטן פאַר אונז דעם קאַפּיטאַן פון מלכות פּאָרטו־גאַל, און מ׳האָט אונז אַרויסגעגעבן די זאַכן אונזערע, וואָס מ׳האָט אונז געבראַכט פון דער גרויסער שיף אין דער אַנדער שיף אַריין, וואָס געהערט צום קיניג פון פּאָרטוגאַל. איך האָב געגעבן פינף און זי־בעציק דוקאַטן דעם בעל־הבית פון דער ערשטער שיף פאַר זיין שכר־טירחה, און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

מיר זיינען געשטאַנען אין דער קיניגלעכער שיף ביז האַל־בער נאַכט און מיר זיינען אַריין אין אַ שיף פול ווייץ, וואָס גייט קיין טאַוילה (טאַווירא). מיטן ים, און מיר זיינען אָנגעקומען צום האַפן פונם ים ניט ווייט פון דער שטאָט טאַויה (טאַווירא). פון דאַנען האָב איך געשיקט דעם כתב פון פויפּסט און דעם כתב פון קיניג [2] צום ריכטער, וואָס אין דער שטאָט טאַוילה, און ער איז געווען אַ ריכטער פונם קיניג פון פּאָרטוגאַל. איז טוביה מיין משרת געגאַנגען מיט די כתבים צום ריכטער, און תיכף האָט ער זיך אומ־געקערט מיט צוויי משרתים פון דעם ריכטער און מיט אַ גוטער מוילאייזעלין. זיי זיינען אַריין צו מיר אין שיף, און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שיף אויף דער יבשה.

און עס האָבן דערהערט אַלע לייט פון דער מדינה, אַז איך בין אָנגעקומען צום ברעג פון ים,—און תיכף ומיד זיינען געקומען צו מיר שרים, קריסטן און מאַראַנען, קליינע קינדער און ווייבער, און איך האָב געריטן אויף דער מוילאייזעלין און בין געגאַנגען מיטן ברעג פון ים אין יענער מדינה, און דער גאַנצער וועג איז פול געווען מיט מאַנסבילן און ווייבער אָן אַ צאָל.

מיר זיינען אָנגעקומען אין מדינת טאַוילה (טאַווירא) אין הויז

1) טאוילה—טאַווירא, גרענעץ־שטאָט פון מלכות פּאָרטוגאַל.

2) זשואַן III.

פון אַמאַראַן, און מ׳האָט מיר איינגעאָרדנט אַוואוינונג און בעטן מיט אַטיש. און דער דאָזיקער מאַראַן איז אַ איש נכבד און זיין ווייב איז זייער אַ נכבדה. און דער ריכטער פון דער מדינה איז געקומען צו מיר און האָט זיך געפרייט מיט אונז מיט אַ גרויסער פרייד און געזאָגט צו מיר:

— אַלץ וואָס דו פאַרלאַנגסט — בין איך מוכן ומזומן צו דיינע באַפעלן און צו דיין דינסט.

און אַלע טאָג פלעגט ער קומען צו מיר צוויי מאָל זען מיך אין מיין הויז.

און דער ריכטער הנ״ל האָט אַוועקגעשריבן צום קיניג אַ בריוו, ווי אַזוי מיר זיינען אָנגעקומען צו אים קיין טאַווילה; אויך איך האָב געשריבן צום קיניג פון פאָרטוגאַל אַ בריוו, גם האָב איך געשיקט צו אים דוד הרומאני. און איך בין איינגעשטאַנען אין הויז פון דעם מאַראַן הנ״ל צו וואַרטן אויף דער תשובה פונם קי־ניג. און דער מאַראַן און זיין ווייב האָבן אונז גוטס געטאָן, געטאָן גרויסע טובות, און זיי האָבן ניט געוואָלט, מיר זאָלן אויסגעבן אפילו איין פרוטה פון אונזער טאַש, דען זיי ווילן נעמען אויף זיך אַלע הוצאות פון עסן און פון טרינקען. און מיר זיינען געשטאַנען אין זייער הויז פערציק טעג, ביז עס איז געקומען צו מיר אין טאַווילה דער שליח פונם מלך פון פאָרטוגאַל.

אין יענע טעג איז געקומען אַ גלח פון שפּאַניע און האָט פאַרפירט אַ שמועות מיט ר׳ שלמה[1], און ר׳ שלמה האָט זיך גע־ערגערט מיט דעם דאָזיקן גלח. האָב איך געפרעגט ביי ר׳ שלמה:

— וואָס האָסטו פאַר אַן עסק מיט דעם דאָזיקן גלח?

האָט ער מיר געענטפערט:

— דער רשע האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין מלך ביי ישראל און אַז ביי אונז איז ניטאָ קיין זרע המלוכה[2]. און ער איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן פענסטער, און איך האָב מקנא געווען קנאת אלהים[3], — האָב איך מיך געשטעלט קעגן אים און אַרויס־

1) דור הראבנים משרת שלמה ב״ר אברהם הכהן פון פראַטאַ.

2) דורות פון דוד המלכס משפחה.

3) געווען איפערזיכטיק פאַר גאָטס כבוד.

געוואָרפֿן אים פֿון דעם פֿענסטער אויף דער ערד אַראָפּ פֿאַר אַלע גויים אין די אויגן, און אַלע גויים האָבן אָפּגעשפּאָט פֿון גלח און האָבן זיך געפֿאָרכטן צו ריידן מיר כנגד.

און אַז דער גרויס־ריכטער האָט דערהערט די דאָזיקע זאַך, האָט ער זיך געפֿרייט מיט אַ גרויסער פֿרייד.

און נאָכדעם ווי עס איז געקומען דער שליח, וואָס איך האָב געשיקט צום קיניג, האָט ער מיר איבערגעגעבן צוויי בריוו פֿון מלך. אין איין בריוו האָט דער קיניג צו מיר געשריבן, איך זאָל גיין צו אים בכבוד און אַז ער וועט טאָן מיין גאַנצן רצון, און אין צווייטן בריוו שרייבט ער צו אַלע ריכטער אין זיין קיניגרייך, זיי זאָלן מיר כבוד געבן און באַגלייטן מיך פֿון מדינה צו מדינה 1), און מ׳זאָל מיר אויף אַלע וועגן, וואוהין איך וועל גיין, איינאָרדענען אַ הויז און אַ טיש, אַ שטול און אַ לייכטער. און ווען דער שליח הנ״ל האָט מיר איבערגעגעבן דעם קיניגס כתב, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— גיי מאָרגן צום קיניג, דען איך האָב פֿאַר דיר איינגעאָרדנט אַלץ, וואָס דער קיניג האָט מיר פֿאַרזאָגט, דען דער מלך האָט מיר באַפֿוילן, איך זאָל דיר געבן פֿיר קאַפּיטאַנען, פֿאַרשטענדיקע און שטאַרקע, און איך זאָל דיר געבן פֿינף הונדערט דוקאַטן און אַ סעקרעטער פֿון די קיניגלעכע סעקרעטערס זאָל זיין ממונה אויף די הוצאות, און אַז איך זאָל מסדר זיין אַלץ אויף מאָרגן פֿאַרן וועג און איך זאָל איינאָרדענען די פֿערד. בכן זאָלסטו זיין גרייט צום וועג דיינעם אויף מאָרגן. און זע, אויב דו האָסט עסקים אין דער מדינה, פֿיר דורך אַלץ היינט, בכדי דו זאָלסט זיין גרייט צו גיין מאָרגן אָן שום עיכּוב.

און דער ריכטער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון מיר. און אינדערפֿרי האָט מען מיר דערלאַנגט די פֿערד און איך בין אַוועקגעריטן מיט אַלע מיינע משרתים.

1) דאָ איז געמיינט פֿון שטאָט צו שטאָט. בכלל באַנוצט דוד הראובני דאָס וואָרט מדינה אין זין פֿון שטאָט מיט איר סביבה, בעת דאָס וואָרט עיר הייסט בלויז די עצם שטאָט. אַזוי באַטייט מדינה אויך אין אַראַביש.

און איך בין געצויגן פון טאָווילה. און דער ריכטער און אַלע גרויסע שרים פון דער מדינה און דעם מלכס סעקרעטערס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, און עס זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט מיר אַ סך הארן, גרויסע און קליינע, ניט אויסצוציילן זיי, און זיי זיינען מיטגעגאַנגען מיט מיר צוויי מייל ווייט פון שטאָט און האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייער וועג. און איך בין געגאַנגען מיט צוויי חשובע לייט און מיטן קיניגלעכן סעקרעטער, וואָס איז ממונה אויף די הוצאות, און מיט אַ גרויסער צאָל מענטשן, וואָס זיינען אייערנעכטן אַרויסגעגאַנגען מיט מיר אין מיין וועג צום קיניג. און אין גאַנצן וועג איז דער סעקרעטער פונם מלך געגאַנגען פאָראויס אין יעדער שטאָט צו די ריכטער, זיי זאָלן פאַר אונז איינאָרדענען אַ הויז און אַ טיש, אַ שטול און אַ לייכטער, לפי דעם באַפעל פון קיניג.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ שטאָט, וואָס איר נאָמען איז בעשאַ. דאָ זיינען געקומען מיר אַנטקעגן די ריכטער אויף פערד און אַלע שרים פון יענער שטאָט, מאַראַנען און קריסטן, — אַן עם־רב אונז אַנטקעגן, ניט אויסצוציילן זייער גרויסע צאָל, די קליינע מיט די גרויסע. און זיי זיינען געגאַנגען אונז אַנטקעגן אַ מהלך פון דריי מייל, און וואָס נעענטער מיר פלעגן קומען צו דער שטאָט, פלעגן קומען אַלץ מער און מער מאַנסבילן, ווייבער און קליינע קינדער. און אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אין יענער שטאָט, זיינען מיר אַריין אין הויז פון אַ מאַראַן, אַ שיין הויז. און עס זיינען געקומען אַלע ריכטער זיך פאָרשטעלן פאַר מיר, און אַלע לייט פון דער מדינה זיינען געקומען צו מיר ביז האַלבער נאַכט, מאַראַנען און קריסטן, און מיר האָבן פאַרבראַכט די נאַכט אין יענעם הויז.

אויף מאָרגן האָבן מיר אָפּגערייזט פון מדינת בעשאַ. און עס זיינען געקומען באַגלייטן מיך די ריכטער און אַלע שררות פון דער מדינה, און אַ סך אַנדערע מענטשן, און זיי האָבן מיך באַגלייט אַ מהלך פון צוויי מייל. מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס איר נאָמען איז עוואָראַ, ערב שבת. און עס זיינען געקומען מיר אַנטקעגן די ריכטער מיט צוויי מייל פריער

איידער איך בין אַריין אין שטאָט, און מיט זיי זיינען געווען מענטשן פון פיל פעלקער. און מיר זיינען אַריין אין שטאָט. די שטאָט איז אַ גרויסע, און דאָרטן געפינט זיך די דירה פונם קיניג; אויך זיינען דאָרטן פאַרהאַן קהילות פון אַ סך בכבודיקע מאַראַנען. און מיר זיינען אַריין אין אַ הויז פון אַ מאַראַן.

אין יעדער שטאָט, וואוהין איך פלעג אַריין, פלעגן קומען מאַראַנען, קליינע קינדער און דערוואַקסענע, ווייבער און מאַנסבילן, און קושן מיר די הענט פאַר די קריסטן אין די אויגן. און די קריסטן פלעגן אין כעס ווערן אויף די אַנוסים פאַר זייער קושן מיינע הענט, און זיי פלעגן האַלטן דרשות וועגן דעם און זאָגן:

— טוט אים אָן גרויס כבוד, אָבער קושט אים ניט די הענט, נייערט די האַנט פון דעם מלך פון פאָרטוגאַל אַליין.

און אַנדערע פלעגן נאָך שטאַרקן זייער האַרץ, דען זיי האָבן אין מיר מאמין געווען באמונה שלמה, ווי די בני־ישראל האָבן געגלויבט אין משה רבינו ע"ה. און איך זאָג זיי אין יעדן אָרט, וואוהין מיר קומען אָן, אַז איך בין דער זון פון קיניג שלמה, און איך בין ניט געקומען צו אייך ניט מיט אותות, ניט מיט מופתים און ניט מיטן דרך פון קבלה, נייערט איך בין אַ בעל־מלחמה פון מיין יוגנט אָן און עד עתה, און איך בין געקומען צו הילף דעם קיניג און גלייך אייך צו הילף, און מיר וועלן זען, ווי וועט זיין דער וועג, וואָס השם־יתברך וועט מיך מיט אים פירן קיין ארץ־ישראל.

און איך בין געשטאַנען אין יענעם הויז דעם טאָג פון שבת און דעם זונטאָגדיקן טאָג, און אין דעם טאָג פון מאָנטאָג האָב איך געצויגן פון עווואָראַ. און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער מיך באַגלייטן, און אַ סך שרים און נכבדים און אַנדערע מענטשן פיל אָן צאָל, און זיי זיינען מיט אונז מיטגעגאַנגען צוויי גאַנצע מייל און זיך אומגעקערט אין זייער וועג צוריק אין שטאָט.

און נאָך איידער איך בין אַרויסגעגאַנגען פון יענער שטאָט, איז אַרויסגעגאַנגען טוביה מיין משרת, דער שר־האופים מיינער, און האָט געמאַכט אַ קריג אין מאַרק מיט קריסטן און האָט אַרויס־געכאַפט זיין שווערד פון שייד. האָבן זיי געוואָלט אים הרגענען,

און זיי זיינען געקומען צו מיר, נאָר פון מיין כבוד וועגן האָבן זיי אים מוחל געווען און איך האָב געמאַכט שלום צווישן זיי. אויך אין טאַווילה האָט ער פאַרפירט אַ סך קריג מיט גויים, און איך האָב אויף אים געצאָרנט מיט גרוים צאָרן, און ער האָט מיר גורם געווען גרויסע הוצאות. איטלעכער פון די משרתים האָט באַ= קומען צו דרייסיק דוקאַטן פון שלמה כהן, חוץ וואָס זיי פלעגן באַקומען פון דער האַנט פון ר׳ דניאל פון פיסאַ און חוץ דעם, וואָס די מאַראַנען האָבן איבערגעגעבן אין מיין רשות פאַר זיי. און מיט אַלע מיינע משרתים פלעגט דער דאָזיקער טוביה מאַכן קריג און פלעגט צונעמען פון זיי אַלץ, וואָס איך פלעג זיי געבן.

און אויפן גאַנצן וועג, וואָס איך בין אויף אים געטראָטן, פלעגן צו מיר קומען די מאַראַנען פון אַלע זייטן און פון אַלע ווינקעלעך און פלעגן מיך באַגלייטן און געבן מיר מתנות, און אויך פיל פון די חסידים פון די קריסטן, ביז איך בין געקומען נאָענט צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, אַ מהלך פון צוויי מייל. דער קיניג איז געשטאַנען אין אלמארינו[1], דען ער איז אַנטלאָפן פון דער פעסט, וואָס איז געווען אין ליסאַבאָנאַ. האָב איך אַוועק= געשריבן צום קיניג:

— איך האָב דערגרייכט דעם אָרט ניט ווייט פון דיר און איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ביז דו וועסט מיר מודיע זיין דעם וועג, וואָס דיין כבוד וועט אים באַטרעטן.

און איך האָב געשיקט איינעם אַ זקן, אַ בכבודיקן קריסט, צום קיניג. גם דעם קיניגס סעקרעטער, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר פון טאַווילה און וואָס איז ממונה איבער די הוצאות, איז וועגן דעם געגאַנגען צום קיניג.

נאָכדעם האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק צו מיר און האָבן מיר געזאָגט, אַז דער קיניג האָט גערופן צו זיך זיינע בעלי=עצה און זיי האָבן זיך באַראָטן פאַר זיין געזיכט וועגן דער דאָזיקער זאַך, דער האָט געזאָגט אַזוי און דער אַזוי. אַנדערע פון זיי האָבן געזאָגט:

---

1) אלמארינו — אַלמיירים, קיניגלעכע קור־רעזידענץ אין פּאָרטוגאַל.

— דו זאָלסט אים אָנטאָן כבוד און שיקן אים אַנטקעגן אַלע שרים נכבדים און זיי וועלן אים באַגלייטן, דען ער איז גע־קומען פון אַ ווייטן לאַנד לפי דיין בקשה און צו דיין דינסט.

אָבער דאָן־מיקעל דער שונא מיינער פון רוים אָן און ביז אהער, וואָס איך האָב געוואָלט אין רוים אים טייטן מיטן שווערד, — ער איז דאָס געשטאַנען פאַרן קיניג און ער האָט עס גערעדט כנגד מיר פאַרן מלך און פאַר די שלוחים, וואָס איך האָב געשיקט צום קיניג. און ווען זיי האָבן חוקר ודורש געווען דעם סעקרע־טער און נעפרעגט, אויב די מאַראַנען האָבן מיר אָנגעטאָן מער כבוד ווי די קריסטן, האָט דער סעקרעטער זיי געענטפערט, אַז זיי טוען מיר אָן גרוים כבוד און קושן מיך מיט זייערע הענט, זיי און זייערע ווייבער און זייערע זין און טעכטער, אויף אַלע וועגן, וואָס איך בין געגאַנגען און געטראָטן. דענסטמאָל האָט דאָן מיקעל געזאָגט צום קיניג און צו זיינע יועצים.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז געקומען חרוב מאַכן דיין מלוכה און מאַכן די מאַראַנען צוריק פאַר יידן. און אויב דו וועסט שיקן אים אַנטקעגן דיינע האַרן, זיי זאָלן אים באַ־גלייטן, וועלן אַרויסגיין אים אַנטקעגן אַלע מאַראַנען, זיי און זיי־ערע ווייבער מיט זייערע זין און טעכטער, און וועלן אים אויך באַגלייטן, וועלן ווערן צוריק יידן און צווישן זיך אָן עצה האַלטן קעגן די קריסטן.

די דאָזיקע אַלע רייד האָט גערעדט דער רשע דאָן מיקעל פאַרן קיניג און פאַר זיינע ראָטגעבער און פאַר דעם זקן, וואָס איך האָב אים געשיקט צום קיניג, און פאַר דעם סעקרעטער, וואָס איז מיט מיר געגאַנגען, — און אָט דער זקן האָט עס מיר דער־ציילט די גאַנצע זאַך.

און דער קיניג האָט געשיקט צו זיינע יועצים און האָט גע־פרעגט ביי זיי:

— וואָס זאָלן מיר ענטפערן דעם יידישן קיניג?

האָבן זיי געזאָגט צו אים:

— ענטפער, אַז היות די עלטערמוטער דיינע איז געשטאָרבן און דו פּיסט אָן אבל אין אָט דער צייט, בכן קענסטו אים ניט

אָנטאָן קיין כבוד אין דעם דאָזיקן יאָר פונפאַר דעם מנהג אינ־זערן; אַז „איך בין גרייט צו זיין באַפעל און איך וועל אים אָנ־טאָן כבוד, ווען ער וועט קומען צו מיר. און אין דער צייט בעט איך ביי אים מחילה און כפרה, און זאָל ער קומען צו מיר, היינו דער אינבאַשאַדאָר מיט זיינע משרתים און איך מיט מיינע משרתים און די מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיט אים פון טאַווילה".

און נאָכדעם ווי איך האָב דערהערט דאָס וואָרט פון קיניג און פון זיינע ראָט־געבער און די רייד פון זיינע שרים, האָב איך זיך געזעצט רייטן אויף מיינע פערד און בין אַוועק צום קיניג מיט אַלע מיינע משרתים און מיט די מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיט מיר, און עס זיינען געווען פאַר מיין געזיכט כמו פופציק מאַן און פופצן פערד, חוץ מוילאייזלען, וואָס האָבן געטראָגן מיינע זאַכן.

און איך בין אַריין אין אלמארינו (אַלמיירים) און האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַרן קיניגלעכן הויף. איך האָב דערנסטמאָל געהאַט געפאַסט פון זונטאָג ביזן טאָג, ווי איך האָב מיך געשטעלט פאַר דעם געזיכט פון קיניג, דהיינו ביז מיטוואָך; קיין ברויט האָב איך ניט גענעסן און קיין וואַסער ניט געטרונקען. און איך האָב זיך געשטעלט פאַרן געזיכט פון קיניג, איך און אַלע מיינע משרתים, און איטלעכער פון זיי מיט זיין שווערד אויף זיין אַקסל. און איך האָב געזאָגט צום קיניג און צו זיין ווייב דער קיניגין, וואָס איז געווען מיט אים:

— היות איך בין אָפּגעשוואַכט און פאַרמאַטערט פונם וועג און היות איך פאַסט היינט שוין דעם פערטן טאָג, בכן קען איך צו דיר ניט ריידן היינטיקן טאָג. אויב עס וועט וואוילגעפעלן זיין אין דיינע אויגן, וועלן מיר היינט גיין אין דאָס הויז, וואָס איך האָב איינגעאָרדנט פאַר זיך און פאַר מיינע לייט, און נאָכדעם אין אַ טאָג וועלן מיר, איך און דו, צוזאַמען ריידן.

און איך האָב ניט געוואָלט קושן זיין האַנט ניט ביי מיין אַריינקומען ניט ביי מיין אַרויסגיין, מחמת דעם כעס, וואָס האָט אין האַרצן מיר געברענט, וואָס עס האָט גורם געווען מיר און דעם קיניג דאָן מיקעל הרשע. נאָכדעם האָב איך גענומען רשות פון דעם

קיניג און בין אַוועקגעגאַנגען אין דאָס הויז אין סנטירין [1], אין דאָס הויז פון אַ מאַראַן, וואָס מ׳האָט מיר איינגעאָרדנט. דאָס איז געווען אַ גרויס הויז, נאָר דער בעל־הבית איז געווען אַ רשע גמור און זיין ווייב — אַ נכבדה ביז גאָר.

און אין יענעם הויז איז געווען אַן אַנדער טיר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם חדר, וואו מיר האָבן זיך געפונען, און מ׳האָט דורך אָט דער טיר געקאָנט זען אַלץ, — האָט דער בעל־הבית פאַרשלאָסן אָט די טיר. האָבן די משרתים מיינע טוביה און בן־ציון מיר דערציילט, אַז דער מאַראַן דער רשע האָט פאַרשלאָסן קעגן אונז די טיר און מיר קענען ניט אַרויסגיסן קיין וואַסער און ניט אַרויסוואַרפן קיין שום זאַך. בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט צו זען די טיר, און נון — זי איז פאַרשלאָסן. בין איך אַריין אין הויז, גענומען אַ האַק און צעבראָכן דעם שלאָס, און געעפנט זיי די טיר. נאָכדעם איז געקומען דער מאַראַן דער רשע און האָט זיך געבעטן ביי מיר רחמים און האָט געזאָגט צו מיר, אַז ער האָט דעם מאָל געזינדיקט, און האָט פון מיר געבעטן אים מוחל זיין. האָב איך אים מוחל געווען אין זכות פון זיין ווייב די חסידה.

און עס איז צו מיר געקומען אַ מאַראַן, וואָס האָט גערעדט אַראַביש. ער איז געווען געקומען פון די שיפן פון דעם קיניג, וואָס פלעגט אים שיקן איין מאָל אין צוויי יאָר אין לאַנד פון די שוואַרצע. און יענער מאַראַן האָט מיר דערציילט, ווי ער איז געגאַנגען הינטער די אינזלען פונם ים אין איין אָרט אַ האַלבן טאָג, און דער טאָג אין יענעם אָרט איז איין שעה. און ער איז דאָרטן געשטאַנען פיל מאָל, און דאָרטן איז פאַרהאַן אַ גרויסער באַרג און פייער ברענט אין יענעם באַרג טאָג און נאַכט, און פון גאַנצן באַרג שטייגט אויף פייער און רויך צום הימל. און אויף יענעם אינזל ניט ווייט פון יענעם באַרג האָט דער אַלטער קיניג פון פּאָרטוגאַל פאַרשיקט די קליינע קינדער פון די אנוסים און האָט זיי דאָרטן איבערגעלאָזן ביז צום היינטיקן טאָג, און זיי געפינען זיך נאָענט פון אַ משפחה אויף די אינזלען פון ים, וואָס עסן מענטשנפלייש. און

1) סאַנטאַרעם.

דער מאַראַן הנ״ל איז געווען אַ חכם אין אַסטראָלאָגיע, דען אַלע מענטשן פון פּאָרטוגאַל זיינען בכלל אַסטראָלאָגן.

און עס איז געקומען צו מיר איינער פון די קאַפּיטאַנען פונם קיניגס שיפן און האָט מיר דערציילט, ווי ער איז געגאַנגען בראש פון אַ שליחות פון אונזער מלכות[1]) פון פורמוס[2]) און גם האָט ער דערציילט דאָס אַלץ דעם קיניג. ער איז געשטאַנען דאָרטן אַ יאָר אין די צייטן פון אדוני אבי ז״ל און ער האָט געהערט, ווי עס איז דאָ אַ קיניג איבער די יידן און זיין נאָמען איז געווען שלמה המלך ע״ה. כמו צוואַנציק יאָר איז ער אומגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן מקום, און ער איז געווען אַן איש נכבד. ער האָט דערציילט דעם קיניג גרויסע זאַכן, און דער קיניג פון פּאָרטוגאַל האָט אים ליב געהאַט. און ער איז געווען אַ חבר מיר אין פּאָרטוגאַל און אויך איך האָב אים ליב געהאַט. ער האָט געבעטן ביי מיר אַ סימן, איך זאָל אים אָנשרייבן מיין נאָמען, כדי דאָס זאָל זיין צו אַ געדעכעניש צווישן מיר און אים, ביז עס וועט קומען די שעה. און אַזוי האָב איך געמאַכט פאַר אים אַ כתב און איך האָב עס אים געגעבן, און די דאָזיקע זאַך איז געווען אַ סוד צווישן מיר און צווישן אים. און ער איז געווען אַ קריסט גמור און אוהב היהודים.

און איך בין געשטאַנען בתענית זעקס טעג און נעכט. און אַלע קריסטן און אַלע מאַראַנען פלעגן קומען זען מיך אין דעם דאָזיקן הויז פון קליין ביז גרויס. און אַלע קנעכט פון קיניג און זיינע שרים פלעגן קומען צו מיר מיט טרומייטן און מיט כל־המינים שאַלמייען בייטאָג און ביינאַכט.

און טוביה מיין משרת דער רשע האָט פאַרפירט אַ קריג מיט אַ מאַראַן, וואָס איז געקומען מיט אונז פון טאַווילה, און וואָס איך האָב אים ליב געהאַט ווי איינעם פון מיינע משרתים און אפילו מער. און זיי זיינען געשטאַנען אויפן טיש פאַר מיר און טוביה האָט אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד אים צו דערהרגענען, און דער

---

1) פון מלכות מדבר־חבור.

2) פורמוס — פאַרמאָזע?

מאַראַן איז אַנטלאָפֿן אין דעם חדר, וואו איך בין איינגעשטאַנען, און האָט פֿאַרשלאָסן די טיר נאָך זיך. און דער מאַראַן איז געשטאַנען פֿאַר מיר, און נאָכדעם איז געקומען טוביה, האָט צעבראָכן די טיר און איז אַריין אין מיין צימער מיטן אויסגעשטרעקטן שווערד אין האַנט און האָט געוואָלט הרגענען דעם מאַראַן פֿאַר מיר אין די אויגן. אָבער דער רשע טוביה האָט ניט צוגעהערט צו מיין שטים, ווען איך האָב צו אים געדופן און אויף אים געשריען, — בין איך אויפגעשטאַנען אויף אים, אַרויסגעריסן פֿון זיין האַנט דעם שווערד און געוואָלט אים טייטן. אויך האָב איך געשיקט דעם מאַראַן, ער זאָל רופן די ריכטער פֿון דער שטאָט צו מיר. נאָכדעם איז טוביה אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר מיר אויף דרויסן, אויף דער גאַס, האָט געכאַפּט אין האַנט אַ גרויסע שטיק האָלץ און געזוכט אין אַלע גאַסן און אין אַלע מערק דעם מאַראַן הנ״ל, און אַלע מענטשן, קליין און גרויס, האָבן אָפּגעלאַכט פֿון טוביהן. און אַז טוביה הרשע האָט דערוואוסט זיך, אַז די ריכטער זיינען געקומען אין מיין הויז, האָט ער גערופן מיין משרת דוד הרומאני, און זיי זיינען ביידע אַנטלאָפֿן קיין סנטירין (סאַנטאַרעם) און זיינען אַריבער דעם טייך. און נאָכדעם ווי די ריכטער זיינען צו מיר געקומען, האָבן אַלע קריסטן און מאַראַנען געהעצט אויף טוביהן און אויף אַלע דרייען 1) שלעכטס און האָבן געזאָגט, אַז זיי טוען כנגד דעם דין. האָב איך געזאָגט צום גרויס-ריכטער, ער זאָל שיקן זיינע דינער, זיי זאָלן נאָכיאָגן נאָך טוביהן און נאָך דוד הרומאני און זיי צוריקקערן צו מיר. האָבן זיי נאָכגעיאָגט נאָך זיי און זיי געכאַפּט און געבראַכט צו מיר. האָב איך געזאָגט צו די ריכטער, זיי זאָלן אַרויפלייגן אויף זיי אייזערנע קייטן און זיי אַוועקפירן אין געפענגעניש, — און זיי האָבן געטאָן אַזוי. און נאָך פֿאַר דעם דאָזיקן קריג, וואָס טוביה האָט געמאַכט, האָט ער געשטאָבן איינעם אַ קריסט פֿונם קיניגס דינער אין זעלביקן הויז, — און דער קיניג האָט אַלץ געוואוסט.

נאָכדעם האָט דער קיניג געשיקט צו מיר אום מיטוואָך,

---

3) איך אויף דוד הרומאני און דעם מאַראַן.

נאָך אכט טעג פון מיין אָנקומען אַהער, און איך בין צו אים גע־גאַנגען, איך און דער זקן שלמה הכהן און בן־ציון מיינע דינער, און איך בין אַריין צום קיניג. און דער קיניג האָט גערופן אַ מאַראַן אַן אַלטן דאָקטאָר, וואָס איז געווען אַן איבערזעצער צווישן מיר און צווישן קיניג אויף לשון־קודש. און יענער זקן איז געווען אַ דאָקטאָר און אַ ביסל טויבלעך, און אַז ער פלעגט ריידן מיטן קיניג פאַר מיר, פלעגט ער זיך שרעקן און זיך אַנגסטן, און דער אַלטער שלמה כהן פון פראַטאָ איז געווען טויב און דער קיניג פלעגט גאָר ניט אויסהערן זיינע רייד, דען זיין לשון איז געווען פעלערהאַפטיק. דער בחור בן־ציון האָט גערעדט פאַרן געזיכט פון קיניג גוט, אָבער ער איז געווען צו יונג. האָט דער קיניג מיך געפרעגט:

— איך האָב געהערט פון דיר, אַז דו רעדסט גוט אויף לשון אַראַביש, און היות ביי מיר איז פאַראַן אַ האַר, אַ דינער מיינער, וואָס פאַרשטייט גוט צו ריידן אַראַביש, וועט ער הערן דיינע רייד פון אָנהייב ביזן סוף און וועט מיר איבערגעבן. ניט אַזוי ווי דיינע משרתים און אויך דער מאַראַן, — איך פאַרשטיי ניט זייערע רייד, און זיי גיבן מיר ניט איבער אַלץ וואָס דו רעדסט צו מיר, נייערט אַ צענטחלק. עס איז ניטאָ קיין בעסערער אין מיינע אויגן, נייערט דער דאָזיקער שר, וואָס קען אַראַביש.

און דאָן מיקעל איז געווען ביים קיניג און האָט גערעדט כנגד מיר פאַר דעם געזיכט פון קיניג, און איך האָב געזען און ניט פאַרשטאַנען. און די משרתים מיינע האָבן מיר ניט געזאָגט, אַז דאָס איז דאָן מיקעל. און אַלע מאָל ווען איך פלעג ריידן צום קיניג אויף לשון־קודש, פלעגט דער קיניג קוקן אויף דאָן מיקעל און ריידן מיט אים. און ער האָט געזאָגט צום קיניג:

— דו פאַרשטייסט קיין וואָרט ניט אויף לשון־קודש, נייערט אויף אַראַביש.

האָט דער קיניג גערופן דעם שר, וואָס קען אַראַביש, און געזאָגט צו אים:

— רייד מיט דעם דאָזיקן איינבאַשאַדאָר אויף לשון אַראַביש.

האָט יענער אָנגעהויבן ריידן מיט מיר אַראַביש. אָבער איך האָב געענטפערט דעם קיניג אויף לשון־קודש:

— איך האָב קיין רצון ניט צו ריידן מיט דעם דאָזיקן ישמעאלי, דען זיי זיינען מיינע שונאים. דער דאָזיקער שר, וואָס שטייט פאַר דיר, איז אַ ישמעאלי, און איך האָב דערקענט לפי זיין לשון, אַז זיין פאָטער און זיין מוטער זיינען ישמעאלים.

און אויף אָט דעם שר, וואָס רעדט אַראַביש, איז אָנגעפאַלן אַ מורא און אַ פחד און אַ ציטער פאַרן קיניג פון דעם וואָרט, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן אים צום קיניג. און דאָן מיקעל רעדט און רעדט פאַרן קיניג כנגד מיר, און דער קיניג קוקט צו מיר. און עס האָט געזאָגט צו מיר דער קיניג:

— אויב דו וועסט ריידן מיט אָט דעם שר אַראַביש, וועל איך דיר טאָן אַלע זאַכן, וואָס דו פאַרלאַנגסט, און איך וועל הערן און וועל וויסן און וועל טאָן אַלץ, וואָס עס האָבן דיר פאַרזאָגט יוסף דיין ברודער און דער פויפסט פון רוים. דען דער דאָזיקער שר איז מיין משרת און וועט ניט פאַרבייטן דיינע רייד; ער איז באַגלויבט אין מיין גאַנצן הויז און ער וועט זיין דאָלמעטשער צווישן מיר און דיר.

אָבער די דאָזיקע גאַנצע מחשבה איז געווען אַ שפּיצל מצד דאָן מיקעל, וואָס איז געשטאַנען פאַרן קיניג.

נאָכדעם האָב איך גערעדט מיטן שר אַראַביש, און ער האָט גערעדט מיטן קיניג אַלץ, פּונקט ווי איך האָב צו אים גערעדט. און איך האָב דערלאַנגט אין האַנט דעם קיניג אַלע בריוו, און דער קיניג האָט געלייענט די בריוו און איבערגעגעבן זיי צו דאָן מיקעלן אין האַנט. און איך האָב גערעדט מיטן קיניג אין דעם ענין פון דער שליחות צו אים, און איך האָב אים דערציילט וועגן דעם גאַנצן וועג, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען פונם מדבר ביז איך האָב דערגרייכט צו אים. אַלץ אויף לשון אַראַביש. און דער שר הנ״ל האָט גערעדט צום קיניג גוט. אויך האָב איך געזאָגט צום קיניג:

— דער קיניג יוסף מיין ברודער האָט צו דיר אַ בקשה פאַר זיין לאַנד—וועגן דעם ענין מייסטערס פון פאַרשיידענע כלי־משחית.

און דאָן מיקעל רעדט כנגד מיר. דער קיניג האָט אָבער ניט

אָנגענומען קיין שום וואָרט פון זיינע רייד. דער קיניג האָט זיך געפרייט מיט אַ גרויסער פרייד פון מיינע רייד און זיין האַרץ איז געווען גוט מיט מיר, און ער האָט געזאָגט:

— פון גאָט איז אַרויס די זאַך, און איך בין דערמיט זייער צופרידן. און דאָס איז מיין פאַרלאַנג, אַז די זאַך זאָל געפעלן זיין אין זיינע אויגן 1) און אין די אויגן פון אַלע זיינע האַרן.

און נאָך דעם האָט געזאָגט צו מיר דער קיניג:

— קער זיך אום פון סנטירין (סאַנטאַרעם) קיין אַלמארין (אַלמיירים), וואָס איז נאָענט צו מיר.

און דער קיניג האָט באַפוילן דעם אַלטן שר, ער זאָל מיר איינאָרדענען אַ הויז נאָענט צום קיניגלעכן פּאַלאַץ. און דער זקן האָט געטאָן אַזוי: ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַ גרויס הויז.

און אין דעם זעלביקן טאָג, ווען איך האָב גערעדט מיטן קיניג, האָט דער קיניג מיך געפרעגט:

— קענסטו דעם דאָן מיקעל?

און איך האָב אים געענטפערט:

— איך קען אים. ער איז געשטאַנען פאַר מיין זיין אין רוים פאַר דעם געזיכט פון פויפסט אַ גאַנצן יאָר.

דערויף האָט צו מיר געזאָגט דער קיניג:

— גיב אַ קוק און זע, אַז דער וואָס שטייט פאַר מיין גע-זיכט—איז דאָן מיקעל.

נאָכדעם האָב איך געקוקט אויף אים, און האָב דערפילט און האָב דערוואוסט און האָב דערקענט אים,—און איך האָב גע-זאָגט אים האַרטע רייד פאַר דעם געזיכט פון קיניג. און איך האָב געענטפערט דעם קיניג:

— איך האָב ביז איצט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז דאָן מי-קעל, ווייל ער האָט זיך פאַרשטעלט.

און איך האָב ווייטער געזאָגט צום קיניג:

— אויב דו ווילסט טאָן וואָס גוט און רעכטפאַרטיק איז אין די אויגן פונם אייביקן און אין די אויגן פון דעם קיניג יוסף

1) אין די אויגן פון יוסף דעם מלך פון מדבר חבור.

מיין ברודער און אין די אויגן פון דעם פויפסט, זאָל דאָן מיקעל צווישן מיר און צווישן דיר ניט שטיין, ווייל ער איז אַ שונא דעם אייביקן און דיר. זיי וויסן, אַז איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב פונוועגן ליבשאַפט צו דיר, און אַז דאָן מיקעל האָט געוואָלט פאַרהאַלטן מיך אין רוים, כדי איך זאָל ניט קומען פאַר דיין פנים, — בין איך אויפגעבראַכט געוואָרן אויף אים אין רוים און האָב געוואָלט אים טויטן מיט זיין שווערד, פונוועגן דעם וואָס ער איז דיין קנעכט און האָט פונדעסטוועגן געוואָלט מיך מעכב זיין, איך זאָל צו דיר ניט קומען.

נאָך די דאָזיקע רייד מיינע איז דאָן מיקעל געקומען אין גרויס פאַרלעגנהייט און בושה פאַרן פנים פון דעם קיניג און פאַר דעם פנים פון אַלע זיינע שׂרים. און דער קיניג האָט געזאָגט צו מיר:

— נעם דערפון זיך ניט צום האַרצן, דען איך וועל טאָן דיר אַלץ, וואָס דו האָסט צו מיר גערעדט. און גיי דעם מאָל צו דיר אין הויז, ביז איך וועל דיך רופן צו מיר און מירן ריידן וועגן אַלע עסקים דיינע.

נאָך די רייד בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דעם קיניגס הויז און האָב אָפּגעשיקט אַלץ, וואָס ביי מיר אין הויז פון בעטן און פון ליילעכער און פון אַלע כלי־בית, פון סאַנטירען אין דאָס הויז וואָס מ׳האָט מיר איינגעאָרדנט אין אלמארין, נאָענט פון דעם קי־ניגס הויז.

גם האָב איך געשיקט צום האַר פון תפיסה, ער זאָל אַרויס־לאָזן דעם טוביה און דוד הרומאַני. האָט ער זיי אַרויסגעלאָזן און זיי זיינען געקומען צו מיר אין הויז. און זיי האָבן פאַרקויפט זיי־ערע קליידער אין אלמארין, אין דעם אָרט, וואו דער קיניג איז געשטאַנען. און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— קערט זיך אום פון אייערע שלעכטע מעשים, וועט איר זיצן פאַר מיין פנים און מיר באַדינען, און איר וועט זיין געאַכט און צוהערן מיין שׂטים. דען איר זייט געקומען פון אייער לאַנד אין אַ וויייטן לאַנד און איך האָב ניט געוואָלט אייך טאָן קיין בייז

און פאַרשאַפן צער. איך וועל אייך אַכטן, און זאָלן אַלע קינדער פון אונזער פאָלק הערן דעם כבוד, וואָס איך וועל אייך אָנטאָן.

און דער קיניג האָט מיך געפרעגט וועגן זייערע שלעכטע מעשים,—האָב איך געענטפערט דעם קיניג, אַז זיי זיינען נאָך גאַנץ יונגעלייט און די מחשבה זייערע איז גוט, און איך האָב זיי ליב. גם צו זיי האָב איך געזאָגט:

— וואָס איז אייער רצון? פאַרבלייבן מיט מיר אָדער איר וועט אַוועקגיין?

האָבן זיי מיר געענטפערט:

— וועסטו געבן אונז רשות, וועלן מיר אַוועקגיין אין אונזער לאַנד, און אויב ניט—פאַרבלייבן מיר מיט דיר.

האָב איך זיי געענטפערט:

— איך וועל אייך בשום אופן ניט געבן קיין רשות.

נאָך די דאָזיקע רייד האָב איך זיי געגעבן געלט און קליידער. זיי זיינען אָפּגעוועזן ביי מיר כמו צען טעג, און זיי זיינען געבליבן איינגעעקשנט אין זייער רשעות און רייסעניש און קריג צווישן זיך. און מיר האָבן געוואוינט אין דעם הויז, וואָס עס האָט אונז איינגעריכט דער קיניג, און דאָס הויז איז געווען פול מענטשן, קריסטן און מאַראַנען, פון פרי ביז אָוונט יעדן טאָג. און אַ טיש איז געווען געגרייט פאַר זיי אינדערפרי, אינמיטנטאָג און אינאָוונט,— און גרויסע הוצאות האָט מען געדאַרפט דערויף, און פאַר יעדערן, וואָס פלעגט קומען פאַר מיין פנים און צו מיר אין הויז פון ווייטע לענדער. און נאָך דעם אַלעם האָט פון מיר טאָג פאַר טאָג געפאָדערט טוביה:

— קויף אַ דינסט אונז, זי זאָל מיר זיין צו הילף אין קאָכן און זי זאָל וואַשן די בגדים און עס זאָלן ווערן איינגעהיט אַלע זאַכן פונם הויז.

און זיי האָבן מיר געריכט דאָס קליידער-וואַשן יעדע וואָך אַ האַלבן פלאָרין, וואָס דער אַלטער שלמה הכהן דאַרף אַרויסגעבן, און אויף דאָס וואַסער, וואָס מען טרינקט אין הויז, אַ האַלבן פלאָרין, פון אַ וואַסער-כלי, פון וואָס עס טרינקען די פערד. נאָכדעם איז געקומען אַן אַלטער מאַראַן און האָט צו מיר געזאָגט:

— עס איז פאַרהאַן ביי מיר אַ שפּחה אַ ישמעאלית, און איך וויל זי פאַרקויפן.

האָב איך געזאָגט צום מאַראַן:

— ברענג מאָרגן זי אַהער, דען איך וויל זי זען.

איז געקומען דער מאַראַן מיט דער שפּחה דעם צווייטן טאָג, און איך האָב געזען די שפּחה, אַז זי איז אַ יונג מיידל פון אַ שיינער געשטאַלט און אַ שיינעם אויסזען, און זי קען אַראַביש. און איך האָב גערעדט מיט איר פאַרן פּנים פון מאַראַן און געזאָגט צו איר:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אָפּקויפן און מנייר זיין.

האָט זי געזאָגט צו מיר:

— אַזוי וועל איך טאָן.

דענסטמאָל האָב איך באַצאָלט דעם מאַראַן פערציק דוקאַטן, און דער מאַראַן פון סאַנטירען האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים און די שפּחה איז געשטאַנען אין מיין הויז ביז נאַכט. און איך האָב גערופן צו איר איינע אַ חשובע מאַראַנערין, וואָס פאַרשטייט און קען אַראַביש, און איך האָב געזאָגט צו דער דאָזיקער מאַראַנערין:

— שער איר אָפּ די האָר און אירע נעגל.

גם האָב איך גערופן צו טוביה און דוד הרומאני און האָב צו זיי געזאָגט:

— איך האָב גענומען די דאָזיקע שפּחה, פונוועגן זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַלע אַרבעטן פון הויז. און זייט געוואָרנט, אַז קיינער פון אייך זאָל ניט אָנרירן די דאָזיקע שפּחה אויף אַן אומאָנשטענדיקן אופן. און וועמ פון אייך עס וועט הערן צו מיין שטים וועל איך אים אָפּגעבן די דאָזיקע שפּחה צו אַ ווייב אין דרייסיק טעג אַרום, דען איך האָב זי מנייר געווען. און עס זאָל ניט זיין ביי מיר אין הויז קיין אויסגעלאַסנקייט.

און אַזוי האָב איך פאַרזאָגט אויף דער שפּחה און געזאָגט צו איר:

— זע און היט זיך, קיין בן־אדם זאָל דיך ניט באַרירן. און אויב איך וועל זען מיט מיינע אויגן אַ וועלכע ס׳איז נאָר שלעכטע

זאָך, וואָס דו וועסט טאָן ביי מיר אין הויז, וועל איך דיך טויטן. לכן זאָלסטו זיך אויפפירן אַרטיק אין מיין הויז. און איך וועל דיר געבן צו אַמאָן איינעם פון מיינע דינער און דו וועסט ווערן פריי.

און איך האָב איר אָפּגעגעבן דעם חדר וואָס גאָר אינעוויי־ניק, און מיין חדר איז געווען אינמיטן און דער חדר פון די די־נער איז געווען צו דרויסן. נאָכדעם איז זי געשטאַנען אין מיין הויז אַכט טעג, האָט דעם בעקער טוביה געהאָלפן אין דער קיך און געטאָן אַלע אַנדערע אַרבעטן אין הויז, געוואַשן קליידער און גע־טראָגן וואַסער.

איך האָב געהאַט אַ מנהג נאָכן עסן צו גיין צו זיך אין חדר שלאָפן מחמת טומל פון די צופיל מענטשן. אָבער די משרתים מיינע פלעגן מאריך זיין אין עסן ביז זעקס שעה אין דער נאַכט. און נאָכן עסן פלעגט טוביה אויפשטיין און קוילן די הינער און שטעלן זיך מיט דער דינסט ביז האַלבער נאַכט פליקן די פעדערן פון די הינער, און ער פלעגט צוברענגען מיט איר גאַנץ אומפּאַ־סיק. און דער דאָזיקער טוביה פלעגט אויך שטאַרק שיכורן אין דער נאַכט. און איין נאַכט ליגנדיק אין בעט האָב איך געהערט זייערע אַלע רייד, נאָר איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ריידן. האָב איך גערופן צו דעם טוביה, ער זאָל גיין שלאָפן אין זיין בעט; גם האָב איך גערופן צו דער שפחה, האָב זי געפלוכט און געזאָגט צו איר:

— זאָלסט גלייך גיין שלאָפן!

איז טוביה דורכגעגאַנגען פאַר מיין פנים דורך מיין חדר, ווי ער וואָלט כלומרשט געגאַנגען שלאָפן, — און איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך וואָלט אויך געשלאָפן. נאָכדעם האָט זיך טוביה אומגעקערט צוריק צו דער שפחהס בעט, — טוט בייז ביי מיר אין הויז, און איך הער. בין איך פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען פון מיין בעט, געשטעלט זיך אויפן שטול אין מיטן הויז און גערופן צו דעם טוביה, — און ער האָט זיך ניט אָפּגערופן; האָב איך גם גערופן צו דער שפחה, — האָט זי מיר געענטפערט:

— דער טוביה לאָזט בשום־אופן מיך ניט אויפשטיין.

האָב איך אַ געשריי געטאָן צו טוביה אויף אַ הויכן קול און האָב געזאָגט צו אים:

— זאָלסט גלייך אַהערקומען צו מיר! און באם דו קומסט ניט, גיי איך צו דיר צו טייטן דיך!

איז טוביה אַהער צו מיר געקומען און געשטעלט זיך פאַר מיין פנים. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— וואָס זיינען עס פאַר אַ מעשים, וואָס דו האָסט געטאָן אין מיין הויז? איך האָב דאָך שטרענג פאַרזאָגט אייך: „היט אייך פון צו טאָן די שלעכטע זאַך און זנות אין מיינעם הויז!"

האָט טוביה מיר געענטפערט:

— חטאתי, עויתי, פשעתי [1], נאָר איך בין שיכור פון וויין און האָב געטאָן בשוגג.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— שרייב מיר אָן אַ כתב אונטער קנס, אַז דו וועסט זיצן ביי מיר אַ גאַנצן יאָר. און איך וועל דיר געבן אָט די שפחה פאַר אַ ווייב. און איך וועל געבן דיר און איר אַלע קליידער, וואָס איר דאַרפט, און איר וועט דאָס הויז מיר היטן.

האָט טוביה מיר געענטפערט:

— איך קאָן ניט טאָן די דאָזיקע זאַך, אויב דו וועסט מיר ניט געבן לפחות פופציק דוקאַטן אויף צו שיקן צו מיינע קינדער קיין איטאַליע.

בין איך געוואָרן אויפגעבראַכט אויף אים און איך האָב צו אים געזאָגט.

— גיי שלאָפן אין דיין בעט!

און ער איז אַוועק.

און אין מיין הויז, וואו עס וואוינען מיינע דינער, שלאָפן כמו צען מענטשן, הן אין בעטן הן אויף די דילן, — און איך האָב ניט געקענט ריידן מיט אים פון גוטס ביז שלעכטס, מחמת בושה פאַר די מענטשן, וואָס ביי מיר אין הויז.

נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו דער שפחה:

---

1) איך האָב געזינדיקט, פאַרקרימט און פאַרבראָכן.

— איך האָב דיך מגייר געווען און געמאַכט פאַר אַ יידישער־טאָכטער, און דו האָסט געטאָן וואָס בייז איז אין די אויגן פון דעם אייביקן און אין מיינע אויגן, און האָסט עובר געווען אויף דעם געבאָט פון אייביקן און אויף מיין באַפעל!

האָט די שפחה מיר געענטפערט, אַז דאָס איז די דריטע נאַכט, ווי טוביה קומט צו איר צום בעט און לייגט דעם שווערד איר אויפן האַלז — „און ער האָט בייז געטאָן מיר איבער גוואַלד און דערווידערדיק מיין רצון".

האָב איך צו איר געזאָגט:

— וואָרעם האָסטו ניט נאָך הילף געשריען? וואָרעם האָסטו ניט צו מיר גערופן?

און נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו איר.

— גיי אין דיין בעט און שלאָף!

און זי איז אַוועק.

און איך בין געלעגן אין מיין בעט ביזן אויפגאַנג פון דער מאָרגנרויט. דעמאָלט בין איך אויפגעשטאַנען און איך האָב גע־רופן צו בן־ציון און צו דער שפחה און איך האָב געזאָגט צו איר:

— גיי מיט דעם בן־ציון קיין סאַנטירען צו דיין ערשטן האַרן.

און נון זי האָט גענומען וויינען פאַר מיין פּנים, נאָר איך האָב ניט פאַרנומען איר שטים און ניט צוגעהערט צו איר, און איך האָב צו איר געזאָגט:

— זאָלסט גיין!

און זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט בן־ציון אין הויז פון איר אַלטן ערשטן האַרן.

און דער זקן איז צו מיר געקומען און האָט גערעדט מיט מיר, און ער האָט געזאָגט:

— וואָרעם האָסטו פאַרלאָזן די שפחה? זי איז דאָך אַ יידי־שע טאָכטער און האָט באַגערט צו שטיין ביי דיר?

האָב איך געענטפערט דעם זקן דעם מאַראַן הנ"ל:

— היות זי האָט עובר געווען אויף מיין באַפעל און האָט אָפּגעטאָן אַ נבלה אין מיין הויז, מעשים, וואָס טאָרן ניט געטאָן

ווערן, לבן וויל איך מער ניט האַלטן זי. און איך בעט ביי דיר, דו זאָלסט מיר אָפּגעבן צוריק די מעות, וואָס איך האָב פאַר איר געגעבן דיר, און זאָל זי גיין.

און יענער אָנום איז אַוועק פון מיר, און ער האָט מיר ניט צוריקגעקערט די מעות, וואָס איך האָב אים געגעבן פאַר דער שפחה. און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָט איביירא (עוואָראַ), כדי ניט אָפּצוגעבן מיר צוריק די מעות, וואו ער האָט געהערט, אַז דער קיניג האָט מיר רשות געגעבן אומצוקערן זיך קיין רוים. ער איז געשטאַנען אין איביירא מער ווי אַ חודש. און איך האָב פון אים ניט באַקומען קיין זאַך, נייערט דעם גורט, וואָס איך האָב געגעבן דעם מאַן, וואָס קען אַראַביש, און אַ ביסל מעות,—דען ער איז אַ שאַלקהאַפטיקער מענטש. און דאָס אַלץ האָט מיר גורם געווען דער רשע טוביה. און דער מאַן, וואָס קען אַראַ־ביש, איז צו מיר געקומען אין מיין הויז איידער איך האָב צוריק־געקערט די שפחה צו איר הארן און האָט געזען די שפחה איז מיין הויז, און ער האָט געפרעגט ביי מיר:

— צו וואָס איז אָט די שפחה אין דיין הויז?

און איך האָב צו אים געזאָגט:

— דען זי איז אַ שפחה און איך האָב זי געקויפט.

דערנאָך האָט ער אויסגעפרעגט די שפחה און גערעדט מיט איר פיל רייד אויף אַראַביש, אויך אויף פּאָרטוגעזיש, און די שפחה האָט צו אים געזאָגט:

— דער אינבאַשאַדאָר האָט מיך געקויפט און מיך מגייר געווען.

האָט דער מאַן, וואָס קען אַראַביש, זיך געקערט צו מיר און מיך געפרעגט:

— איז אמת, אַז דו האָסט זי מגייר געווען?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— אַזוי איז עס.

איז ער אַוועק פון מיר און האָט אַלץ דערציילט דעם קי־ניג. און דער קיניג האָט געשיקט נאָך מיר, און איך בין אַוועק צו

אים. ער האָט מיט מיר גערעדט פיל רייד, געפרעגט ביי מיר וועגן דער שפחה און געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געקויפט די שפחה און באַקערט זי צו יידישקייט.

האָב איך געענטפערט דעם קיניג:

— אַזוי איז עס ווי דו האָסט געזאָגט: איך האָב זי געקויפט, ווייל זי איז געווען אַ ישמעאלית, און איך האָב זי געמאַכט צו אַ יהודית.

דערנסטמאָל האָט געזאָגט צו מיר דער קיניג:

— ווי אַזוי האָסטו זי געמאַכט צו אַ יהודית?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך האָב געשיקט דעם זקן שלמה כהן און צוויי פון מיינע דינער מיט דער דינסט צום טייך, און דער זקן שלמה איז אַריין מיט איר אין וואַסער, האָט זי אינגאַנצן אָפּגעגאָסן און טובל געווען אין וואַסער דריי מאָל. און נאָכדעם ווי זיי זיינען צוריק אין הויז געקומען, האָב איך באַפוילן, זי זאָל זיך אָפּשניידן די נעגל און אָפּשערן אַ ביסל האָר פון קאָפּ. גם האָב איך דער שפחה הנ״ל באַפוילן און זי באַשוואָרן, זי זאָל קיין שום שלעכטס ניט טאָן אָן מיין ידיעה, פונוועגן זי זאָל זיין ביי מיר אין הויז פרום און רעכטפאַרטיק. און אויב זי וויל גענומען ווערן צו אַ מאַן, וועל איך אים געבן איר און וועל זי מאַכן פריי, אויב זי וועט הערן צו מיין שטים.

און דער קיניג האָט אויסגעהערט אַלע מיינע רייד און האָט געזאָגט צו מיר:

— דו האָסט אַ גוטע זאַך געטאָן. אין גאַנץ מלכות פּאָרטו־גאַל זיינען פאַרהאַן אַ סך ישמעאלים. ווייל זיי האָבן געליטן פון גרויסן הונגער און פון דער גרויסער פּעסט אין די מערבדיקע לענדער, און ס׳רוב פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון דעם הונ־גער, — האָבן זיי פאַרקויפט זייערע זין און טעכטער קיין מלכות פּאָרטוגאַל צו דערהאַלטן זייער לעבן. און דער הונגער געדויערט שוין אַכט יאָר.

און יענער הונגער איז געווען אויף די ישמעאלים אין מזרח

און אין מערב, און אויף דעם גאַנצן וועג, וואָס איך בין געגאַנגען פון מיין הויז פון מדבר אָן ביז מערב, האָב איך געזען ביי די ישמעאלים אָט דעם גרויסן הונגער, און עס זיינען אויך אויסגע־שטאָרבן פיל פון זייערע קינדער פון הונגער און פון מאַנגל אין אַלץ וואָס נייטיק איז. און דאָס האָב איך געזען מיט מיינע אויגן. און די דאָזיקע שפחה, וואָס איך האָב געקויפט, איז געווען איינע פון זיי.

נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט צוריק צו מיר אין הויז.

און טוביה דער רשע איז געגאַנגען און האָט אַוועקגעגעבן צו איינער אַ שפחה אַ כושית צו וואַשן פאַר אונז קליידער. און ער האָט גענומען מיין נייע העמד, וואָס איז ווערט געווען מער ווי פיר דוקאַטן, און האָט עס אָפּגעגעבן דער שוואַרצער שפחה צום וואַשן. און נאָכדעם ווי טוביה האָט אָפּגענומען מיינע וועש און מיי־נע קליידער, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז מיין העמד איז פאַר־פאַלן געוואָרן ביי דער שוואַרצער שפחה. אויך איז ער געקומען צו מיר צוזאַמען מיט דער שוואַרצער שפחה. און זי האָט זיך ביי מיר געבעטן רחמים. האָב איך צו איר געזאָגט:

— גיי בשלום!

נאָכדעם זיינען געקומען מענטשן און האָבן מיר דערציילט, אַז טוביה האָט אַוועקגעגעבן מיין העמד דער שוואַרצער שפחה, ווייל ער פירט זיך אים מיט איר.

נאָך די אַלע רייד איז צו מיר געקומען אַ גרויסער קיניגלע־כער שר, אַ ישמעאלי, וואָס איז געווען אַ ריכטער ביי דעם מלך פון פעסי 1, דען דער מלך פון פעסי (פעץ) האָט אים געשיקט צום קיניג פון פאָרטוגאַל, און ער איז געווען אַ בכבודיקער מאַן און אַ אוהב היהודים, און דער נאָמען פון דעם האַר איז געווען מעיר. און דער דאָזיקער ריכטער איז געקומען צו מיר אין הויז און מיט אים זיינען געווען צען משרתים, דען דער מלך פון פעסי האָט גע־הערט וועגן מיר און ער האָט באַפוילן דעם דאָזיקן מאַן, ער זאָל גיין תחילת צום קיניג פון פאָרטוגאַל און נאָכדעם זאָל ער גיין זען

---

1) פעסי — פעץ — שטאָט און מדינה אין מאַראָקאָ.

מיך. און דער שר האָט מיר איבערגעגעבן בריוו פון די יידן פון פעסי (פעץ) און פון ר' אברהם בן זימור[1] פון איסאַפי[2], דען די יידן האָבן אים ליב געהאַט. און אַ דריטן בריוו האָט מיר גע־געבן דער ריכטער הנ"ל — פון דעם קאַפּיטאַן פון טאַנזשער[3]. דערנאָך האָט דער ריכטער הנ"ל מיך געפרעגט וועגן מיין לאַנד, און אויב עס זיינען דאָ אַ סך יידן אין מיין לאַנד. און איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז דער מדבר חבור און עס זיינען פאַראַן אין מיין לאַנד דריי מאָל הונדערט טויזנט יידן[4], און דער קיניג יוסף מיין ברודער קיניגט איבער זיי און ביי אים זיינען פאַראַן זיבעציק זקנים ראַטגעבער, אויך האַרן אַ סך, און איך בין דער שר־הצבא איבער די וועגן און איבער דער מלחמה־פירונג.

האָט ביי מיר געפרעגט דער ריכטער הנ"ל:

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון דעם דאָזיקן קיניגרייך, וואָס דו ביסט געקומען פון מזרח קיין מערב?

האָב איך אים געענטפערט, אַז מיר זיינען פון אונזער יוגנט אָן געוויינט צו מלחמה, און מלחמה ווערט ביי אונז געפירט מיט שווערד, שפיז און פיילנבויגן. און מיר ווילן גיין אין דער הייליקער שטאָט ירושלים און אָפּנעמען גאַנץ ארץ־ישראל פון די ישמעאלים, דען עס איז געקומען דער קץ און די ישועה. על־כן בין איך געקומען זוכן געלערנטע מייסטערס, וואָס קענען מאַכן פאַרטיליקנדיקע כלי־זיין און פייערוואַרפערס און וואָס זאָלן קומען אין מיין לאַנד עס מאַכן און דאָס אויסלערנען אונזערע מלחמה־לייט.

האָט זיך זייער פאַרוואונדערט דער ריכטער הנ"ל איבער דער דאָזיקער זאַך און האָט צו מיר געזאָגט:

— מיר גלויבן, אַז דאָס מלכות וועט זיך צו אייך צו־ריקקערן בזמן הזה. און אויב עס וועט צו אייך זיך אומקערן צוריק, — וועט איר טאָן מיט אונז חסד?

---

1) ביי קייזערלינג אין זיין „געשיכטע דער יודען אין פאָרטוגאַל" ווערט ער אָנגערופן אברהם בן זאַמאַירא.

2) איסאַפי — סאַפפי — האַנשטאָט אין מאַראָקאָ.

3) טאַנזשער — שטאָט אויפן צפון־מערבדיקן ים־ברעג פון מאַראָקאָ.

4) מאַנסבילן, דערוואַקסענע.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— אַזוי, מיר וועלן טאָן מיט אייך חסד, — מיט אַלע די, וואָס טוען חסד מיט ישראל, וואָס איז אין גלות אונטער מלכות ישמעאל און אונטער מלכות אדום.

און איך האָב נאָך געזאָגט צום ריכטער:

— בכן זייט איר אויך מאמינים, אַז עס וועט זיך אומקערן צו אונז די מלוכה פון לאַנד ישמעאל?

האָט ער מיר געענטפערט:

— אַזוי, אין דער גאַנצער וועלט גלויבט מען אַזוי.

און איך האָב צו אים געזאָגט, אַז מיר זיינען מלכים און אונזערע אבות זיינען געווען מלכים פון חורבן בית־המקדש אָן ביז צום היינטיקן טאָג אין מדבר־חבור, און מיר קיניגן איבער דעם שבט ראובן, גד און האַלבן שבט מנשה אין מדבר חבור, און עס זיינען פאַראַן ניין שבטים מיט אַ האַלבן אין לאַנד כוש און מלכים איבער זיי. און נעענטער פון אַלע זיינען צו אונז די צוויי שבטים שמעון און בנימין, און זיי וואוינען אויפן טייך נילום העבער פון מלכות שבא, צווישן צוויי טייכן, דעם ווייסן טייך און דעם שוואַרצן טייך, וואָס הייסן ביידע נילום. און זייער לאַנד איז גוט און רחבותדיק. און ביי זיי איז דאָ אַ קיניג און זיין נאָמען איז ברוך בן מלך יפת. און ער האָט פיר זין: דער עלטסטער הייסט סעדיה און דער צווייטער אברהם, דער נאָמען פון דריטן איז חוטר און פון פערטן — משה. און זיי זיינען אַזוי ווי מיר — דריי הונדערט טויזנט, און מיר זיינען מיט זיי אין איין עצה.

נאָכדעם האָט צו מיר געזאָגט דער ריכטער הנ״ל:

— אפשר ווילסטו אָנשרייבן מיט מיר אַ בריוו צום מלך פון פעסי?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— ניטאָ ביי מיר קיין נייטיקייט צו שרייבן אַ בריוו, נאָר זאָלסט אים מיט דיין לשון דאָס אַלץ דערציילן, און גיב אים איבער פון מיין זייט שלום טויזנטפאַך, און זאָג אים, אַז די יידן, וואָס זיינען אונטער זיין ממשלה, זאָלן געשיצט און נעאַכט ווערן,

און דאָס איז די התחלה פון אַ שלום צווישן אונז און אים, און צווישן אונזערע קינדער און זיינע קינדער.

און ווידער האָט דער ריכטער מיך געפרעגט:

— אַזוי ווי מיר האָבן יידן אין מערב אין אַלע מלכיות, — איז ווי וועט זיין מיט זיי? איר וועט וועלן קומען קיין מערב פונוועגן זיי, אָדער ווי וועלן זיין די רייד אייערע וועגן זיי?

האָב איך אים געענטפערט, אַז צוערשט וועלן מיר אָפנעמען ארץ־ישראל מיט אירע סביבות, און נאָכדעם וועלן די קריגסהאַרן אַרויסגיין אויפן מערב און אויפן מזרח צונויפזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישראל. און ווער פון די מלכים פון די ישמעאלים עס וועט קלוג זיין, וועט אַליין טראָגן די יידן פון זיין מלכות און ברענגען זיי קיין ירושלים, און עס וועט זיין צו אים אַ גרויסער כבוד איבער אַלע מלכים פון ישמעאל. און אַלע מלכיות וועט השם־יתברך אָפּגעבן צום מלך פון ירושלים.

און עס האָט ביי מיר געפרעגט דער ריכטער:

— די יידן, וואָס אין פעץ און אירע סביבות, גם די ישמעאלים, זאָגן, אַז דו ביסט אַ נביא אָדער אַ משיח, — ווי איז דער אמת?

און איך האָב געענטפערט אים:

— חס ושלום! איך בין נאָר אַ זינדיקער צו גאָט מער פון איטלעכן פון זיי און איך האָב אַ סך נפשות אויסגעהרגעט. אין איין טאָג האָב איך אויסגעהרגעט פון די שונאים פערציק מאַן. און איך בין ניט קיין חכם און ניט קיין מקובל, ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא, נייערט איך בין אַ שר צבא און אַ זון פון קיניג שלמה פון די קינדער פון דוד בן ישי. און מיין ברודער דער קיניג יוסף קיניגט איבער דריי מאָל הונדערט טויזנט אין מדבר חבור. אויך אַלע אַנוסים, וואָס אונטערן מלכות פּאָרטוגאַל און גם אַלע יידן אין איטאַליע, אין אַלע ערטער, וואו איך בין דורכגעגאַנגען, האָבן געמיינט, אַז איך בין אַ חכם אָדער אַ מקובל, אַ נביא אָדער אַ זון פון אַ נביא, — און איך האָב געזאָגט צו זיי: חס ושלום! איך בין אַ זינדיקער מענטש ווי אַלע, נאָר איך בין אַ מלחמה־מאַן פון מיין יוגנט און ביז היינט.

נאָך די דאָזיקע רייד האָט דער ריכטער הנ״ל מיך געבעטן, איך זאָל שרייבן צו די יידן פון פעץ און צו ר׳ אברהם בן זימור פון איסאַפי. האָב איך אָנגעשריבן צו זיי און געגעבן אים די בריוו, און ער איז זיך אַוועק זיין וועג צו שלום.

און עס איז געקומען דער קאַפּיטאַן פון אינדיע, וואָס איז געווען דער ראש איבער אַלע קיניגלעכע שיפן. ער האָט פאַרבראַכט אין אינדיע זינט דער צייט פון עמנואל, דעם אַלטן קיניג פון פאָרטוגאַל, ביז איצט, און דער קיניג האָט אים פאַרהאַפט פונוועגן עפּעס אַ חשבון פון די שיפן און האָט אים אַריינגעזעצט אין איינער פון די קיניגלעכע דירות. און ווען איך פלעג גיין פון מיין הויז צום קיניג, פלעגט ער שטיין אין פענסטער, כדי מיך צו זען, און ער פלעגט פרעגן וועגן מיר ביי די קיניגלעכע דינער און זיי פלעגן אים דערציילן מיינע רייד און מיינע עסקים מיטן קיניג. און ביי מיר איז פאַרהאַן אַ פערד אַ שיינער און אַ גוטער, וואָס מ׳האָט אים געקויפט פאַר מיר פאַר הונדערט דוקאַטן, חוץ דעם געשפאַן, — האָט יענער קאַפּיטאַן דער תפוס חשק באַקומען צו דעם פערד און האָט געשיקט מיר זאָגן, אפשר וויל איך אים פאַרקויפן פאַר הונדערט דוקאַטן. האָב איך געענטפערט זיינע שלוחים, וואָס זיינען געקומען צו מיר, אַז איך וועל אים ניט פאַרקויפן, אַפילו אויב ער וועט מיר געבן צוויי הונדערט דוקאַטן.

און נאָך דעם איז געקומען איינער אַ גרויסער שר, וואָס האָט געשטאַמט פון דער קיניגלעכער משפחה פון אָרמוס[1] פון אינדיע, וואָס איז ניט ווייט פון מדבר חבור. און די סיבה פון זיין קומען איז געווען, וואָס דער קאַפּיטאַן דער תפוס האָט דערהרגעט זיין ברודער און צוגענומען גאָר זיין געלט. און יענער שר איז געווען אַ ישמעאלי און דער קיניג האָט אים געאַכט. און ער (דער קיניג) האָט געפרעגט ביי אים וועגן מיר און האָט געזאָגט:

— האָט איר אפשר אַ ידיעה פון מדבר חבור?

---

1) שטאָט אויפן אינדישן ברעג ביים דורכגום מיטן זעלביקן נאָמען, וואָס פאַראייניקט דעם פערסישן אויסגום מיטן אָמאַנער אויסגום (אָמאַן — אַ מלוכה אויף דרום־מזרח פון אַראַבּישן האַלבּאינזל).

און ער (דער שר) האָט געענטפערט דעם קיניג:

— יאָ, און אין מדבר חבור זיינען פאַרהאַן אַ סך יידן און עשירים און בעלי־בתים פון הערטשאַפטן פון פיך, און ביי זיי איז דאָ בזמן הזה אַ קיניג, און זיין נאָמען איז קיניג יוסף. און ביי אים זיינען פאַראַן זיבעציק זקנים. און די יידן פון אונזער לאַנד אָרדענען פאַר אונז איין גרויסע זאַכן אין מדבר חבור.

און נאָך האָט ער דערציילט דעם קיניג פאַרן געזיכט פון אַלע זיינע שרים זאַכן, וואָס גאָר אוממעגלעך אויסצודערציילן. און פאַרן פנים פון דעם קיניג זיינען דענסטמאָל געשטאַנען די אנוסים. און עס זיינען צו מיר געקומען אָט די אנוסים און האָבן מיר אי־בערדערציילט די אַלע זאַכן.

און אַלע טאָג פלעגן צו מיר קומען די קנעכט פון קיניג מיט טרומייטן און כל המינים שאַלמייען צו בלאָזן אין מיין הויז, כדי צו באַקומען מעות. און עס פלעגן קומען מנגנים פון אַלע ערטער אין מיין הויז. און עס האָבן נאָכגעיאָגט נאָך מיר אַ סך מנגנים פון טאַווילה, זיינען מיטגעגאַנגען מיט מיר צום קיניג און געשטאַנען אין מיין הויז די גאַנצע צייט, וואָס איך בין פאַר זיין געזיכט געשטאַנען, און זיי האָבן געגעסן ביי מיין טיש, און זיי פלעגן שפּילן הן בייטאָג און הן ביינאַכט. און זיי פלעגן קומען נאָך פאַרן אויפגאַנג פון דער מאָרגנרויט הינטערן הויז צו בלאָזן און זיי פלעגן זינגען מיט הויכע שטימען, בכדי צו קריגן מעות.

און עס איז געקומען צו מיר יוסף קורדיליאה און האָט מיר איבערגעגעבן אַ בריוו געשריבן אויף אַראַביש פון דעם קיניג, וואָס אין מערב הינטער מלכות פעץ און זיין מלוכה איז שוין אין עק וועלט און קיין אַנדערע איז שוין ניטאָ הינטער איר, נייערט מדבריות, און ביי זיי זיינען פאַרהאַן שכנים אַראַבער־ישמעאלים, וואָס וואוינען אין געצעלטן אין דעם דאָזיקן מדבר. און יענער מלך איז אַ ישמעאלי פון די זין פון זייער נביא, און זיין נאָמען איז שריף, און די מלוכה, וואָס אונטער זיין ממשלה, איז גרעסער פון אַלע אַנדערע, און ער האָט פאַרטיליקט אַלע פריערדיקע מלכים, אָט דער שריף, און האָט געקיניגט אויף זייער

אָרט. ער איז אַ קיניג, אַ שטאַרקער און אַ חכם און אונטער זיין מלכות רוען יידן אויף אַ הויכן באַרג, און דער נאָמען פון דעם באַרג איז אַ ס ו ם, און ער געפינט זיך אין עק וועלט [1]. און די יידן וואָס אונטער זיין מלכות זייען און שניידן, און ס'רוב זיינען זיי אָרעמע. און זיי זיינען שטאַרקע. צו מיר איז געקומען איינער פון זיי, כהן, און זיין האַרץ איז געווען ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב, וואָס ניטאָ זיין גלייכן צווישן די יידן, וואָס שטייען אונטער מלכות ישמעאל.

און אין יענעם בריוו איז אַזוי געווען געשריבן: „היות איך האָב געהערט, אַז דו ביסט געקומען צום מלך פאָרטוגאַל פון די שבטים, — איז אפשר האָסטו געהערט פון דעם פאָלק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין מדבר אַריין, וואָס צווישן מיר און צווישן די שוואַרצע, דען זיי האָבן צוגענומען ביי אונז אַלע אַראַבער, וואָס רוען אין מדבר, זיי און זייערע ווייבער און זייערע הערטשאַפטן און זייערע קליינע קינדער און אַלץ וואָס צו זיי. און עס האָט זיך ניט צוריקגעקערט אפילו איינער פון די, וואָס יענע האָבן צוגענומען, און מיר ווייסן ניט, אויב זיי האָבן זיי געהרגעט אָדער וואָס זיי האָבן געטאָן מיט זיי. נאָר איינער אַן אַנטרונענער פון זיי, וואָס איז אַנטלאָפן, איז געקומען צו מיר און האָט מיר דערציילט די דאָזיקע גאַנצע זאַך. און איך האָב געשיקט יידן, זיי זאָלן גיין זען, און זיי האָבן זיך ניט צוריקגעקערט. און מיר זיינען פאַרוואונדערט פון אָט דעם פאָלק, און איך שרייב צו דיר דאָס אַלץ, דו זאָלסט מיר זאָגן מיט דיין חסד און זאָלסט שרייבן אין די לענדער אַלץ, וואָס דו ווייסט אויף זיכער, און זאָלסט פון מיר קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, און פון דיין אָרט און פון אַלע שבטים — אַלץ זאָלסטו מיר מודיע זיין".

און נאָכדעם ווי יענער כתב איז געקומען אין מיין האַנט,

---

1) אינטערעסאַנט, אַז הינטער די דרום-מערבדיקע גרענעצן פון מאַראָקאָ געפינט זיך אַ גרויסער מדבר, וואָס הייסט עד-היום הוּד, און אַ י ה ו ד י, וואָס עס באַטייט י ה ו ד (אויף אַראַביש) און י ה ו ד י (העברעיש). עס האָבן ווירקלעך דאָ לאַנג געוואוינט יידישע שבטים, וואָס האָבן אויף אייביק איבערגעלאָזן זייער נאָמען אין דעם זאַמדיקן לאַנד.

און איך האָב פאַרשטאַנען אַלץ וואָס אין אים. און איך האָב אים [1] געענטפערט מיט אַ בריוו, וואָס עס האָט געשריבן דער מאַן דער מליץ, און איך האָב אים דערציילט, ווי איך בין פון מדבר חבור, און אַז דאָרטן זיינען פאַרהאַן יידן כמו דריי מאָל הונדערט טויזנט, — זאָל גאָט זיי פאַרמערן טויזנט מאָל אַזוי פיל, — און זיי זיינען פון די בני ראובן, בני גד און פון האַלבן שבט מנשה. און דער קיניג יוסף מיין ברודער איז קיניג איבער זיי. און איך בין שר־הצבא איבער דער מלחמה־פירונג. און די איבעריקע ניין שבטים מיט אַ האַלבן געפינען זיך אין לאַנד כוש אין פיר ערטער. און די בני משה וואוינען אין אַן אַנדער אָרט, ביים טייך סמבטיון. נייערט די צוויי שבטים, היינו דער שבט שמעון און דער שבט בנימין, וואָס שטייען אויפן שפיץ פון טייך נילוס, און דער ווייסער טייך איז הינטער זיי, און זיי זיינען צווישן די צוויי טייכן, העבער פון דער מלכות שבא, — זיי, אָט די צוויי שבטים, קומען און שיקן צו אונז, און אויך מיר שיקן צו זיי, דען זיי זיינען אין דעם לאַנד פון די שוואַרצע, און זיי דערציילן אונז, דען זיי האָבן געהערט און זיי ווייסן פון די אַנדערע שבטים, וואָס זיינען נאָענט צו זיי, אָבער אונזער לאַנד איז ווייט, ווייל מיר זיינען אין מזרח.

איך האָב אים אָנגעשריבן אָט די אַלע רייד און אַוועקגעשיקט דעם בריוו צו יענעם קיניג, און דער שליח איז אַוועקגעגאַנגען.

אויך ר׳ אברהם זימורו איז געגאַנגען צום מלך שריף, דען יענער האָט געשיקט נאָך אים. און דער דאָזיקער ר׳ אברהם איז אַן אָדם גדול, און ער האָט גרויס כבוד ביי קריסטן און זייערע קיניגן און ביי אַלע ישמעאלים און זייערע מלכים. און דער מלך הנ״ל האָט איבערגעגעבן צו דעם ר׳ אברהם די דאָזיקע אַלע רייד. און ר׳ אברהם האָט זיך צוריקגעקערט צו זיך אין לאַנד פאַרן פאַרגאַנגענעם ראש־השנה רפ״ז. און ער האָט מיר געשריבן פון איספּאַפי אַלץ, וואָס עס האָט אים דערציילט דער מלך האָב איך גערופן צום מאַן, וואָס קען אַראַביש, דעם מליץ צווישן מיר און צווישן קיניג, און ער האָט אים פאַרגעלייענט פאַר מיר

[1] דעם מלך פון דעם לאַנד, וואָס אין „עק וועלט“.

ווענן דעם פאָלק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מדבר, און זיי זאָגן, אַז עס איז אַ גרויסער מדבר, ווי דער ים־הגדול, און זיי ווייסן ניט קיין סוף פון מדבר.

און אין אַלע מלכיות פון די ישמעאלים האָבן די יידן די דאָרטיקע דערהערט וועגן מיר און האָבן איבערגעגעבן (בריוו) פאַר מיר קיין פּאָרטוגאַל און געשיקט שלוחים צו מיר. פון תּלמיסאַן[1]) און פון מסקם[2]) און פון פעץ און פון אירע אַלע סביבות און פון בהאַראַן[3]) און פון פיל אַנדערע מקומות זיינען געקומען צו מיר פיל בריוו קיין פּאָרטוגאַל. און ביים קיניג פון פּאָרטוגאַל זיינען פאַרהאַן אַ סך קנעכט ישמעאלים, און איבער זיי אַ האַר, וואָס איז אַן אָנגעשטעלטער ריכטער ביים קיניגס הויז אויף צו ברענגען אין אָרדענונג אַלע זייערע ענינים. און דער קי־ניג האָט באַפוילן דעם ריכטער און אַלע זיינע קנעכט צו דערפילן אַלע מיינע רייד. און די דאָזיקע קנעכט, כמו פינף מאַן, פלעגן עסן און טרינקען ביי מיר אין הויז, און זיי זיינען אין דער זעל־ביקער צייט געווען גנבים: ביינאַכט פלעגן זיי גנבענען און בייטאָג פלעגן זיי אומגיין ווי מלאכים.

איינמאָל זיינען געקומען עטלעכע פון די חשובסטע אַנוסים און האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען אין הימל פיר פאָנען; אויך זיינען ביי מיר געשטאַנען אַ סך מענטשן, קריסטן און גלחים און אַנוסים, און האָבן דערציילט מיר און שלמה כהן די זעלביקע זאַך. און קליינע פיריאָריקע קינדער פון אַנוסים האָבן מיט גרויס צניעות געפאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און מאָנטאָג און געהאָפט אויף ישועות פון גאָט. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

---

1) טלעמסען — שטאָט אין אַלזשיר (צפון־אַפריקע).

2) משמעות מאַסקאַראַ — שטאָט אין אַלזשיר. שווערלעך אַנצונעמען, דוד הראובני זאָל דאָ מיינען מאַסקאַט — די רעזידענץ פון דער אַראַבישער מלוכה אָמאַן, — ווייל זי בינדט זיך ניט מיט דער רשימה פון די ריין־אַלזשי־רישע און מאַראָקאַנישע שטעט.

3) בהאַראַן — אָראַן, שטאָט אין אַלזשיר. די אַראַבער רופן די דאָזיקע שטאָט ווערען און וואַראַן.

— פאַרזיכערט זיך אויף גאָט און טוט גוטס, דען עס איז נאָענט דער גרויסער פאָרכטיקער טאָג פון גאָט.

און איך האָב צווישן זיי געמאַכט שלום אומעטום אין יעדען אָרט, וואָס איך האָב אויף אים געטראָטן, און זיי האָבן צוגעהערט מיין שטים. און איך האָב געזען צווישן זיי אַנוסים — שטאַרקע מענטשן און דרייסטע מלחמה־לייט, און געלערנטע צו מאַכן פייער־וואַרפערס און כל המינים מייסטערס. און איך האָב געזען, אַז זיי זיינען שטאַרקער און בעסער פון אַלע יידן, וואָס איך האָב געזען ביז איצט.

און עס איז געקומען צו מיר אין הויז מיין טאָלמעטשער און האָט געזאָגט צו מיר:

— אַזוי ווי דער קיניג האָט אַ גרויסע חגא און ביי אים אין האַרצן איז אַ גרויסע פרייד, און מען איז פאַר אים מסדר דעם מאָלצייט־טיש צו דער זייט פון גאַס, — איז אויב דער קיניג וועט דיך זען פאַר זיין געזיכט, וועט ער זיך פרייען אין זיין האַרצן.

און אַזוי בין איך אַוועקגעגאַנגען אין קיניגס הויז.

מ'האָט דענסטמאָל צוגעגרייט דעם טיש און זאַכן, וואָס נאָר אוממעגלעך אַרויסצורייידן מיט דער צונג. אַלע שיסלען, גרויסע און קליינע, זיינען געווען פון זילבער, און די גרעסטע כלי, וואָס ער טרינקט פון איר וואַסער, איז געווען פון גאָלד. און דער קיניג איז אַרויסגעגאַנגען, ער און זיינע ברידער, פון די תפילות זייערע, און ער האָט געשטעלט זיך ביי זיין טיש, און די דירה איז פול גע־ווען מיט שרים, פיר חדרים פולע. און אויף דער גאַס איז פול געווען פון די, וואָס זיינען געקומען זען דעם קיניג, ווי ער עסט. און אַלע שרים, וואָס זיינען געשטאַנען פאַרן פנים פון דעם קיניג, האָבן געהאַלטן איטלעכער דעם הוט אין האַנט. און די בחורים פון צען יאָר אַלט און העכער, די קינדער פון די שרים, שטייען פאַרן פנים פון דעם קיניג, איטלעכער פון זיי אויף איין קני געקניט, און בוקן זיך אַרום־אַרום אים לעבן טיש. און פאַר דעם פנים פון קי־ניג שטייען פיר ריכטער, איטלעכער מיט אַ האָלץ אין האַנט, און זיי שלאָגן און זיי טרייבן אָפּ די מענטשן פון פאַרן פנים פון קיניג. און צו אַלע ריכטער פון גאַנץ מלכות פּאָרטוגאַל גיט דער קיניג

יעדערן אין האַנט אַ האַלק, און דאָס איז אַ גוטער סימן פונם קיניג און דעם קיניגס מורא איז געווען אויף זיין גאַנצן קיניגרייך.

און אין יענעם טאָג בעת דער סעודה בין איך געזעסן צווישן די לייט, און דער קיניג האָט געמאַכט צו מיר אַ סימן, אַז איך ווער. גערופן צוצוגיין צו אים. און איך בין צוגעגאַנגען פאַרן פנים פונם קיניג. און ביי אים זיינען געווען צוויי מענטשן דינער. און דער מליץ איז געווען מיט מיר. און דער מלך פאָרטוגאַל האָט צוגערופן איינעם פון די ריכטער און געזאָגט צו אים:

— טרייב אַוועק די מענטשן, וואָס שטייען פאַרן פענסטער— און דאָס זיינען געווען גרויסע שרים—און מאַך, אַז דער יידישער אינבאַשאַדאָר זאָל שטיין אין יענעם פענסטער און זיינע דינער פאַר מיין פנים.

און מ׳האָט אַזוי געטאָן.

איך בין געזעסן אין יענעם אָרט, וואָס דער קיניג האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט. און מ׳האָט געבלאָזן אין טרומייטן און געשפּילט אויף אַלע מינים אָרגלען און שאַלונגען. און דער קיניג איז געווען אויבנאָן ביים טיש און דעם קיניגס דריי ברידער אויף דער הינטערשטער זייט פון טיש. און מ׳האָט אים דערלאַנגט אַ כלי צו וואַשן זיך די הענט, היינו די גרויסע שיסל, וואָס איז געווען פון זילבער, און די אויבערשטע, וואָס אין איר איז געווען וואַסער, איז געווען פון גאָלד. און עס זיינען געשטאַנען צוויי פון זיינע ברידער און האָבן זיך געבוקט פאַרן געזיכט פון קיניג און האָבן געקושט די שיסלען וואָס פון זילבער, ביז דער קיניג האָט זיך געוואַשן זיינע הענט. און דער מענטש, וואָס האָט געוואַשן דעם קיניגס הענט, האָט פאַרן קיניגס וואַשן־זיך אָפּגעטרונקען אַ ביסל וואַסער, און דער קאַרדינאַל דעם קיניגס ברודער האָט זיך געבוקט פאַר זיין געזיכט און נאָך זיין ברודערס וואַשן־זיך געקושט די כלי. און מ׳האָט געזעצט זיך צו דער סעודה.

און אויף יענעם טיש איז געווען אַ שעפּס אַ דערהרגעטער אָן שחיטה. מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם בויך פון שעפּס, און דער שעפּס איז געווען גאַנץ פון זיין קאָפּ און זיינע פיסביינער. און מ׳האָט צו אים צו־געפּאַסט גילדערנע הערנער און אַרויפגעלייגט אים אויפן טיש פאַרן

געזיכט פון קיניג. און עס זיינען אויך געווען אויפן טיש פיר געשטאָכענע חזירים, גאַנצע פונם קאָפּ און ביז די פיס. גם עופות פיל זיינען אויפן טיש געווען. און מען פלעגט אַראָפּנעמען די ערשטערע מאכלים און אים דערלאַנגען עסן ווייטער פון די לעצטערע. און דער קיניג האָט געגעסן און עס האָבן געגעסן זיינע ברידער אויף דער הינטער־זייט פון טיש. און מ׳האָט דערלאַנגט דעם קיניג צום טרינקען וואַסער און ער האָט געטרונקען, און נאָכדעם האָט מען געגעבן טרינקען וואַסער זיינע ברידער און זיי האָבן געטרונקען. נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער עסן. און מ׳האָט געשניטן פאַרן קיניג פון איטלעכן מין פלייש, און ער פלעגט עסן פון אַלץ צו ביסלעך. און אַזוי האָט מען אויך געגעבן זיינע ברידער. און איטלעכער פון זיי האָט ביים טיש באַזונדערע משרתים. און מ׳האָט געגעבן דעם קיניג נאָך אַמאָל צו טרינקען וואַסער, און די משרתים האָבן נאָכדעם געגעבן טרינקען וואַסער אויך די ברידער זיינע, און זיי האָבן געטרונקען וואַסער ביי זייער מאָלצייט־טיש דריי מאָל. נאָכדעם האָט מען דערלאַנגט גאַנצע פירות אים באַזונדער און באַזונדער זיינע ברידער.

צום סוף האָט מען דערלאַנגט מיני זיסיקייטן, אַ סך זאַכן, און נאָכדעם האָט מען אַראָפּגענומען די טישטעכער. און דער קיניג האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס ביים טיש, און די גלחים האָבן אים גענומען בענטשן און דאָס גאַנצע פאָלק זיך בוקן.

נאָך דעם מאָלצייט איז דער קיניג אַריינגעגאַנגען צו זיין ווייב דער קיניגין, און איך בין אַריין נאָך אים מיט מיינע דינער און מיט מיין טאָלמעטשער. אויך די גרויסע שרים זיינען נאָך מיר אַריינגעגאַנגען צו דער קיניגין. גם דעם קאַפּיטאַן, וואָס מ׳האָט אים פאַרהאַפּט אין אינדיע, האָט מען אין דעם טאָג געבראַכט פאַרן געזיכט פון קיניג. און איך בין געשטאַנען פאַרן קיניג, און אויך דער קאַפּיטאַן איז פאַר אים געשטאַנען. און דער קיניג האָט ביי אים געפרעגט ביי מיין דערבייזיין און האָט געזאָגט צו אים:

— זיינען פאַראַן יידן אין אינדיע און אין קאַליקוט[1]?

---

1) קאַליקוט—אַ מדינה אויפן האַלב־אינזל אינדאָסטאַן, וואָס איר גרעסטע שטאָט קאַלקוטאַ, אויפן מערבדיקן אַרבל פונם טייך גאַנגעס, איז היינט די הויפּט־שטאָט פון גאַנץ אינדאָסטאַן.

און דער קאַפּיטאַן האָט געענטפערט דעם קיניג:

— עס זיינען דאָ אַ סך יידן ניט אויסצוציילן אין שינ-גולי 1), אַ מהלך פון צען טעג פון קאַליקוט.

און ער האָט אָנדערציילט דעם קיניג זאַכן פּאָרבטיקע, וויב-טיקע און גרויסע וועגן די יידן, וואָס אין שינגולי. און דער קיניג האָט ביי אים ווידער געפרעגט:

— האָסטו געהערט, אַז ביי די יידן זיינען פאַרהאַן מלכים?

האָט ער געענטפערט דעם קיניג, אַז איבער זיי און ביי זיי זיינען פאַרהאַן מלכים. און די משרתים, וואָס זיינען געווען מיט מיר, די יידן און דער מאַן, וואָס קען אַראַביש, האָבן געהערט די דאָזיקע אַלע רייד און זיי האָבן מיר איבערגעגעבן אַלץ. און נאָכ-דעם בין איך אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן פּנים פון דעם קיניג און פון דער קיניגין... 2) געגרופענע. איך בין נאָך געווען אין הויף און נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוגיין, און די יידישע משרתים זיינען נאָך געווען מיט מיר, — איז צוגעקומען דעם קיניגס ברודער, וואָס זיין נאָמען איז געווען אַלורשי, און האָט גערעדט מיט מיר. ער איז געווען מער נכבד פון אַלע זיינע ברידער. און ער האָט צוגע-רופן דעם מאַן, וואָס קען אַראַביש, און ער איז צוגעגאַנגען צו אים. און ער איז געווען דער מתורגמן (איבערזעצער) צווישן מיר און צווישן אים. און ער (דעם קיניגס ברודער) האָט גערעדט מיט מיר וועגן דעם וועג און וועגן אַנדערע ענינים. און איך האָב אים געענטפערט:

— וואָס דיין ברודער דער קיניג וועט באַגערן — אַזוי וועל איך גיין און אַזוי וועל איך טאָן.

און נאָכדעם בין איך אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין הויז צום לעבן און צום שלום.

און זינט דעם טאָג, ווען איך האָב געזען דעם קיניג טרינ-קען וואַסער און גם די ברידער זיינע טרינקען וואַסער און זיצן אין זייער מלכות, האָב איך באַשלאָסן און באַשטימט ביי זיך אין

1) אַ נאָך ניט אויפגעקלערטער אָרט אין אינדיע.

2) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

האַרצן ניט צו טרינקען קיין וויין, נייערט וואַסער. און די סיבה איז, וואָס איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב פונוועגן דער ליבשאַפט צום אייביקן און פונוועגן דער ליבשאַפט צו זיין פאָלק און צו ארץ־ישראל, — און בין נאָך אין גלות. לכן האָב איך באַשטימט אין האַרצן מיינעם ניט צו טרינקען קיין וויין. און זינט דעם טאָג, ווען איך האָב אָנגעהויבן טרינקען וואַסער, האָב איך אַליין באַמערקט, אַז איך עס אויף דער עבודה מער ווי פריער ביי מיין טיש. און אויך אין מיין תענית, האָב איך איינגעזען, איז וואַסער בעסער.

און די סעניאָרע 1) וואָס אין נאַפּאָלי האָט אַ טאָכטער אין ליסאַבאָנאַ, און ביי איר (ביי דער טאָכטער) זיינען פאַרהאַן אַ זון און אַ טאָכטער, און זי פאַסט אַלע טאָג. און אירע קינדער פאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. און זי איז אַ חשובע גאָרניט אויסצודערציילן. און זי איז אַ בעלת־צדקה און אַ בעלת גמילות־חסדים, פונקט ווי איר מוטער, — זאָל זי זיין געבענטשט ביי גאָט! און אַלע אַנוסים האָבן געגלויבט אין אייביקן, חוץ איינעם אַ דאָקטאָר, וואָס האָט געוואוינט אין לאַגאַ 2), — ער איז געקומען צו מיר און האָט גערעדט קעגן אונזער דת. בין איך אויפגעשטאַנען אויף אים צו שלאָגן אים. און מיך האָט אונטערגעהאַלטן קרבלילה, אַ מאַראַן פון טאַווילה. און נאָכדעם האָט ער (דער דאָקטאָר) חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים.

אויך דער קיניג האָט געשיקט נאָך מיר, און טוביה און דוד און בן־ציון זיינען געשטאַנען מיט מיר, — בין איך געגאַנגען צו אים און זיי מיט מיר, און איך בין אַריינגעגאַנגען אין קיניגס הויז אין דריי חדרים, נאָר אַלע צימערן זיינען געווען פול מיט מענטשן און מיט גרויסע האַרן, — האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דריטן חדר. איך בין אַריינגעגאַנגען צום קיניג, נאָר ער האָט דענסטמאָל געפּוצט זיין קאָפּ מיט אַ באַרשט און פאַר אים זיינען געשטאַנען כמו פינף מאַן משרתים. האָב איך געזאָגט צום קיניג:

---

1) דאָנאַ בענווענדאַ אַבּרבּנאל.

2) לאַגאָאַ.

— דו ווילסט מיר זאָלן ריידן אַ ווײַלע?

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך בין איצט אַ טרוד. איך האָב אַ סך עסקים איבער מיין שוועסטער, וואָס האָט חתונה מיט דעם קיסר, און איך וויל איינאָרדענען אַלע ענינים. און אויב דו ווילסט, שרייב מיר אָן דיין פאַרלאַנג, וואָס דו האָסט צו מיר, און איך וועל באַפעלן צוּוייען, וואָס וועלן שטיין פאַר דיר, און דו וועסט אָנשרייבן צו מיר אַלע דיינע פאַרלאַנגען און בקשות און אַלץ וואָס דו ווילסט.

נאָכדעם איז דער קיניג אַוועקגעגאַנגען פון אָט דעם צימער, און איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט כמו אַ האַלבע שעה, און נון — עס זיינען אַריינגעקומען צו מיר דאָן מיקעל און צוויי אַנדערע און האָבן געזאָגט:

— קום און לאָמיר צוזאַמען מיט דיר שרייבן אַלע דיינע פאַרלאַנגען.

און איך בין אַרויס מיט זיי אין אויבערשטן חדר. און איך האָב מיך צעקריגט מיט דאָן מיקעל און האָב ניט געוואָלט שרייבן פאַר אים קיין וואָרט, און איך בין געצווינגן און זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין הויז און פאַרבראַכט ביזן צווייטן טאָג. און דער קיניג האָט געשיקט נאָך מיר. בין איך געגאַנגען, איך און טוביה און דוד און בן־ציון, און מיר זיינען דורך אַן אַנדער טיר אַריינגעגאַנגען אין דעם אָרט פון קיניגס דירה, און מ'האָט מיך אַריינגערופן אין דעם חדר, וואָס דער קיניג זיצט אין אים. איך האָב אָבער ניט געזען דעם קיניג. אין יענעם חדר איז ניט געווען קיין אַנדערער, נייערט דאָן מיקעל און דריי גרויסע האַרן און דער טאָלמעטשער; טוביה און דוד און בן־ציון זיינען געבליבן שטיין פון דרויסן פון דעם חדר. און אַז איך האָב דערזען דעם דאָן מיקעל און ניט דערזען דער פנים פון דעם קיניג, האָב איך געזאָגט צו דעם מתורגמן:

— נישטאָ דער קיניג!

האָט דער מתורגמן מיר געענטפערט:

— דער קיניג איז אַריינגעגאַנגען צו זיין ווייב, און ער האָט אונז באַפעלן צו שרייבן אַלץ וואָס דו באַגערסט.

האָב איך געזאָגט צום טאָלמעטשער:

— איך בין געקומען צום קיניג אָדער צו דאָן מיקעל? אויב דאָן מיקעל וועט זיך שטעלן פאַר מיין פנים, וועל איך אים דערהרגענען.

און איך האָב מיך געלאָזט גיין צו זיך אין הויז און מיינע משרתים מיט מיר, — זיינען צוגעלאָפן די משרתים פון דעם קיניג און האָבן פאַרשפאַרט פאַר אונז די טיר. האָב איך געוואָלט די טיר צעברעכן, — האָבן זיי מיר געעפנט. בין איך אַרויסגעגאַנגען מיט מיינע משרתים און אַוועק צו זיך אַהיים. איך האָב פאַרבראַכט אין הויז אַ ווײַלע, און דער קיניג האָט צוגעשיקט נאָך מיר צוויי דינער. האָב איך געזאָגט צו די משרתים פונם קיניג:

— איך וועל היינט ניט גיין!

זיינען זיי אַוועק און עס האָבן זיך אומגעקערט צו מיר צוויי אַנדערע שלוחים פונם קיניג און האָבן געזאָגט:

— דער קיניג באַפעלט דיר, דו זאָלסט קומען!

האָב איך זיי געענטפערט:

— גייט צום פרידן, דען איך וועל בשום אופן היינט ניט גיין!

און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען.

און איך האָב זיך געזעצט רייטן אויף מיין פערד, און עס האָבן מיט מיר מיטגעריטן צוויי אנוסים, און איך האָב מיך געלאָזט אומוואַנדערן, און מיינע משרתים הנ״ל מיט מיר. און מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דעם הויז אויף אַ מהלך כמו ווי פון אַ בויגן־שאָס, און נון — דריי משרתים פונם קיניג זיינען געקומען און זיי האָבן געזאָגט:

— זאָלסטו קומען פאַרן פנים פון דעם קיניג.

און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— גייט לשלום, איך וועל אויף קיין אופן היינט ניט קומען!

און איך האָב געריטן און בין אין פעלד געגאַנגען און דעם טייך אַריבער, און די משרתים פונם קיניג האָבן זיך אומגעקערט צוריק. מיר זיינען אַוועק הינטערן טייך פיר מייל ווייט פון קיניג, געשטאַנען דאָרטן כמו אַנדערהאַלבן שעה, און איך האָב זיך אומ־

געקערט צוריק אין הויז. ווען מיר האָבן שוין געהאַט דערגרייכט דאָס הויז, זיינען צו מיר געקומען צוויי גרויסע שרים און דער מליץ און זיי האָבן צו מיר געזאָגט:

— אויב דו ווילסט קומען, קום פאַר זיין געזיכט, דען דער קיניג וויל טאָן אַלץ, וואָס דו באַגערסט.

האָב איך געזאָגט צום מליץ:

— ענטפער דעם קיניג שלום.

גם האָב איך געזאָגט צו יענע שרים, וואָס זיינען צו מיר געקומען:

— היינטיקן טאָג קען איך ניט קומען און איך קען ניט שטיין פאַרן קיניגס פנים היינט, דען איך האָב צער און פיבער און אַלע מיינע אברים זיינען היינט מיר אָפּגעשוואַכט. און אויב דער קיניג וועט וועלן, זאָל ער מיך רופן מאָרגן נאָך זיין עסן אין זיין חדר, וואו ער שטייט צוזאַמען מיט דער קיניגין,—וועל איך קומען, און דענסטמאָל צו אים ריידן.

זיינען אַוועקגעגאַנגען פון פאַר מיר די גרויסע שרים. און אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט דער קיניג געשיקט נאָך מיר. בין איך אַוועק צו אים און אַריין אין חדר זיינעם, און ער און די קי־ניגין און בן־ציון און דער מליץ זיינען געווען פאַר מיין געזיכט און אַז איך בין צוגעגאַנגען צום קיניג נאָענט, האָט ער ביי מיר געפרעגט:

— פאַרוואָס האָב איך נעכטן געשיקט נאָך דיר אַ סך שלוחים און דו האָסט בשום אופן ניט געוואָלט קומען פאַר מיין פנים?

האָב איך אים געענטפערט:

— איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב פונוועגן דעם דינסט דיינעם און דער ליבשאַפט צו דיר; איך בין דורכגעגאַנגען דורך די לענדער פון די ישמעאלים, מיינע פיינד, און בין געקו־מען קיין רוים, ביז איך האָב דערגרייכט צו דיר; און איך האָב ניט פאַרלאַנגט פון דיר ניט קיין זילבער און גאָלד און ניט קיין אבנים טובות און פערל, און איך בין ניט געקומען צוליב קיין שום אַנ־דער זאַך, נייערט כדי גרוים צו מאַכן דיין קיניגרייך;—און דו האָסט

מיר ניט אָפּגעגעבן אַפילו איין טאָג, איך זאָל קענען זיצן מיט דיר און אויסריידן פאַר דיר אַלע רעיונות פון מיין האַרצן! איך האָב פיל יאָרן אַרבעט פאַר מיין לאַנד צעגישטעט ביז איך האָב דער־גרייכט צו דיר, און דו האָסט ניט געוואָלט מבטל זיין איין טאָג פאַר מיר אויף אויסצוהערן מיינע רייד!

האָט דער קיניג מיר געענטפערט:

— זיי מיר מוחל אָט די שעה, דען איך האָב אַ סך גע־שעפטן און איך האָב ניט געקענט טאָן קיין שום אַנדער זאַך אי־בער מיין שוועסטער דער קיניגין, וואָס האָט חתונה מיט דעם קיסר. און איך האָב באַפוילן, דו זאָלסט שרייבן פאַרן פנים פון אָט די האַרן, און איך וועל אַלץ אויסהערן.

האָב איך געענטפערט דעם קיניג:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז אויב עס וועט זיך שטעלן פאַר מיין געזיכט דאָן מיקעל, אַפילו בעת דיין דערביייזיין, — האָב איך ביים אייביקן געשוואָרן און ביי דיין לעבן, אַז איך וועל אים דערהרגענען, דען ער איז אַ פיינד דעם אייביקן און אַ שונא דיר און מיר אַ פיינד, און ער האָט מיך געוואָלט מעכב זיין אין רוים. פאַרן רצון פון דיינע שונאים איז ער דיין רצון מבטל. און דער צאָרן, וואָס האָט מיך אָנגעצונדן נעכטן, וואָס איך האָב קו־מען ניט געוואָלט, איז געווען איבער דאָן מיקעל, דען דער כעס געמט צו דעם דעת. איך האָב גערעכנט נעכטן קומען און אים דערמאָרדן, נאָר נאָכדעם האָב איך געטאָן בעסער — צו דיר לגמרי ניט געקומען. און איצט, אויב דו פאַרלאַנגסט, בין איך גרייט פאַר דיין געזיכט.

האָט דער קיניג מיר געענטפערט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך מאַכן שלום צווישן דיר און דעם דאָן מיקעל, דען ער איז אַ דינער מיינער און ער איז אָנגע־גלויבט ביי מיר און ביי מיין בעל־סוד.

דערויף האָב איך דערווידערט פעסט דעם קיניג:

— איך וויל קיין שלום ניט מיט דעם דאָן מיקעל — קיין־מאָל ניט!

האָט געפרעגט ביי מיר דער קיניג:

— ווער, ווילסטו, זאָל זיין פאַרמיטלער צווישן מיר און דיר איינצואָרדענען פאַר דיר די ענינים דיינע אַלע, וואָס דו פאַרלאַנגסט?

האָב איך אים געענטפערט:

— איך וויל אַלע דיינע דינער, פון קליין ביז גרויס, חוץ דאָן מיקעל.

דענסטמאָל האָט דער קיניג מיר געזאָגט:

— שרייב פאַר אָט די צוויי, איינער איז אַ גלח און דער צווייטער אַ סעקרעטער, און ביידע זיינען זיי נכבדים.

און ער האָט צוגערופן זיי פאַר מיין געזיכט און געזאָגט צו מיר:

— שרייב און זאָג זיי אַלץ, וואָס דו באַגערסט פון מיר, דען איך קען ניט שטיין פאַר אייך, מחמת איך בין איצט פאַרנומען מיט פיל עסקים. און נאָכדעם וועל איך זען אַלץ און באַטראַכטן.

און איך בין אַוועק מיט זיי אין אַ חדר און האָב געשריבן אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג פון קיניג. און איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט צוזאַמען פון האַלבן טאָג ביז נאַכט, און איך האָב געהאַלטן דענסטמאָל גראָד אין פאַסטן שוין דריי טעג און נעכט. און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ ליכט און זיי האָבן געקלינגלט בעת די תפילות זייערע און האָבן געבוקט זיך צו די תפילות, און איך האָב מיך געשטעלט מתפלל זיין און זאָגן „שמע ישראל" פאַר זיי אין פנים, ביז איך האָב אינגאַנצן פאַרענדיקט מעריב דאַווענען, און האָב מיך געשטעלט ביים שטול צווישן זיי. און זיי האָבן נאָך געשריבן אַ ביסל און געזאָגט:

— שרייב זיך אונטער מיט דיין האַנט.

און איך האָב אונטערגעשריבן מיין נאָמען און די נעמען פון מיינע אבות ביז דעם מלך דוד בן ישי. און זיי האָבן גענומען דעם כתב אין זייער האַנט, און מיר זיינען געגאַנגען, איך און זיי, צום קיניג.

און איך האָב געזאָגט צום קיניג:

— היות איך בין אָפּגעשוואַכט און פאַרמאַטערט, מחמת איך

פאַסט שוין דריי טעג, בכן וויל איך מיך צוריקקערן און גיין צו זיך אין הויז.

דענסטמאָל האָט צו מיר געזאָגט דער קיניג:

— גיי בשלום!

און דער קיניג האָט געזען דעם כתב און די צאָל מלכים ביזן מלך דוד בן ישי און האָט צו מיר געזאָגט:

— די אַלע צוויי און דרייסיק זיינען דיינע אבות?

און איך האָב אים געענטפערט:

— מיינע אבות זיינען זיי און אבות אבותי.

און איך בין אַוועק לשלום און מיך צוריקגעקערט אין מיין הויז.

און צווישן מיינע משרתים, היינו טוביה, דוד און בן-ציון, האָט געהערשט רכילות און לשון הרע, און זיי האָבן ניט געפאָלגט ניט מיר ניט שלמה כהן. איך האָב געטאָן זייער רצון און האָב מבטל געווען מיין רצון פאַר זייער רצון, און צו בן-ציון האָב איך אָנגעטאָן כבוד מער ווי אַלע משרתים צוליב דעם פאַרזאָג פון ר׳ דניאל פון פיסאַ, דען ער האָט צו מיר געזאָגט: „מיין רצון איז, ער זאָל העכער געשטעלט ווערן ביי דיר״. און איך האָב גערופן דעם בן-ציון צו זיך און האָב געזאָגט צו אים אָן אַ פרעמדן אויג דערביי:

— זיי געוואָרנט ניט צו שלאָפן מיט טוביהן צוזאַמען אין איין בעט, דען איך ווייס, אַז ער איז אַ שאַלקהאַפטיקער מענטש און טרינקט וויין אַ סך. און דו זאָלסט אויך ניט טרינקען פיל, בכדי עס זאָל אייך ניט גורם זיין דער חטא און איר זאָלט ניט טאָן קיין זאַך שלא כדין ביי מיר אין הויז.

איך האָב גערעדט דאָס צו בן-ציון צוויי אָדער דריי מאָל, נאָר ער האָט ניט צוגעהערט מיין שטים. און אין איין נאַכט האָב איך געוואָלט אים שלאָגן, — האָט ער גענומען אויף מיר שרייען, איז אַרויסגעלאָפן און אַוועק אין גאַס און האָט אויך דאָרט אויף מיר געשריען.

און אויף מאָרגן איז ער אַוועקגעגאַנגען קיין סאַנטירין אָן מיין רשות און האָט אָנגערעדט נבלהדיקע רייד פאַר די מאַראַנען,

און זיי האָבן מיר איבערדערציילט אַלע זיינע רייד, דען דאָס איז אַ חברה זינדיקע לייט, און איך האָב געליטן זייערע רייד און גע־לאָזט זיי טאָן וואָס זיי ווילן, צוליב מיין כבוד. דען נאָך דער מעשה, וואָס טוביה האָט אָפּגעטאָן מיט דער שפחה, האָט ער גע־מאַכט איין בונד מיט דודן און מיט בן־ציון און זיי זיינען אַוועק־געגאַנגען צו דאָן־מיקעל, מיין דם־שונא, און האָבן פאַר אים מלשין געווען אויף מיר, בעת איך האָב גערעדט אויף זיי בלויז גוטס. און אַזוי פלעגן זיי תמיד גיין צו אים, אַלע טאָג, צו ריידן פאַר אים נאָר שלעכטס אויף מיר. און דאָן מיקעל איז געווען אַ רשע גמור און האָט זיי אויסגעפרעגט ווי אַ מרגל. און זיי האָבן געבעטן ביי דאָן־מיקעל, ער זאָל אָנשרייבן אַ דערלויבעניש פאַר זיי און אַרויפלייגן דעם קיניגלעכן זיגל, אַז זיי מעגן אַוועקגיין און זיין זיכער אין וועג 1). און דאָן מיקעל האָט זיי דאָס געטאָן אָן מיין ווסן און אָן דער ידיעה פון שלמה כהן. און נאָכדעם זיינען זיי זיך אַוועקגעגאַנגען. און שלמה כהן איז געגאַנגען נאָך בן־ציון און האָט אים געגעבן צוויי דוקאַטן פון זיין טאַש אָן מיין ידיעה, ווייל איך האָב ניט געוועלט, זיי זאָלן אַוועקגיין. איך האָב געוועלט, זיי זאָלן זיין מיט מיר, ביז איך וועל דורכפירן מיינע אַלע עסקים און איך וועל זיי אַוועקשיקן בכבוד גדול פאַר די אויגן פונם גאַנצן פאָלק, נאָר זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מיר. און איך האָב שוין מער קיינמאָל ניט געזען ניט בן־ציון און ניט טוביהן. זיי זיינען אַוועק קיין סאַנטירין. און דוד האָט זיך אומגעקערט צו מיר און געבעטן ביי מיר מחילה און אַ ברכה פון דעם אייביקן,— האָב איך אים געגעבן דעם גאָלדענעם זיגל מיינעם און איך האָב צו אים געזאָגט:

— וואָס ווילסטו בעסער, דעם זיגל אָדער צען דוקאַטן?

האָט ער תחילת געוואָלט דעם גאָלדערנעם זיגל, און איך האָב עם אים געגעבן אונטער אַ שבועה און אויף אַ תנאי, און איך האָב צו אים געזאָגט די דאָזיקע רייד, ער זאָל היטן אַלץ,

---

1) אַזאַ זיכערקייט איז דענסטמאָל נייטיק געווען פאַר אַ יידן אין פאָר־טוגאַל, וואו נאָכן גירוש איז יידן שטרענג געווען פאַרווערט אַפילו צו ווייזן זיך אין לאַנד.

וואָס איך פאַרזאָג אים, דען אים האָב איך באמת ליב געהאַט מער פון אַלע משרתים:

— און זאָל דאָס זיין צו אַן עדות און צו אַ סימן צווישן מיר און צווישן דיר, דו זאָלסט מיר זיין אַ דינער אַלע טעג פון דיין לעבן, ווייל איך האָב געזען, אַז דו ביסט אַן עניוו און אַ גאָטס־פאָרכטיקער מאַן און דו האָסט דרך־ארץ מער ווי אַלע משרתים, וואָס זיינען געווען ביי מיר אין וועג און אין רוים.

און אויב ער וואָלט צוגעהערט מיין שטים אין פּאָרטוגאַל און וואָלט געזעסן מיט מיר, וואָלט איך אים אָנגעטאָן כבוד גדול פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל. איז ער אָבער אַוועק מיט זיי אין זייער עצה און איך האָב געזאָגט צו אים:

— זאָלן ניט וויסן די חברים דיינע פון דעם אַלעם.

און ער איז אַוועק פון מיר.

און זיי האָבן געהאַט באַקומען פון שלמה כהן פון טאַווילה ביז סנטירין יעדערער צו מער ווי דרייסיק דוקאַטן.

און די גדולים פון די מאַראַנען זיינען געקומען צו מיר קיין אַלמיירין (אַלמיירים) און האָבן מיר געזאָגט:

— טו מיט אונז חסד פון גאָטס וועגן און שיק אַוועק די דאָזיקע משרתים אין זייער וועג, דען מיר פאָרכטן זיך פאַר זיי אַ גרויסע פאָרכט, זיי זאָלן ניט מלשין זיין אויף אונז עפּעס אַ שלעכטע זאַך פאַר דעם קיניג, דען זיי האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן. אויב זיי האָבן ניט חס געהאַט און ניט דערבאַרעמט זיך אויף דיר — מכל־שכן אויף אונז. זיי האָבן געטאָן שלעכטע מעשים, און דו האָסט זיי גוטס געטאָן און אַלץ זיי נאָכגעגעבן. אַלע קריסטן און מאַראַנען האָבן זיי אָפּגעגעבן כבוד נאָר פון דיין כבוד וועגן, אָבער זיי האָבן ניט אין זיך קיין שום דרך־ארץ. גם זיינען זיי אַוועק צום שונא דיינעם צו דאָן מיקעל און עצות זיך מיט אים געהאַלטן. איז ווי גלויבסטו דאָס אין זיי, אַז זיי וועלן זיצן דאָ מיט דיר? דאָס בעסטע און דאָס גלייכסטע איז הן פאַר דיר און הן פאַר אונז, דו זאָלסט זיי לאָזן גיין און ניט פאַר־האַלטן. און מיר וועלן זיי נאָך געבן שפּייז אויפן וועג, בכדי זיי זאָלן נאָר אַוועקגיין. מיר זיינען געטרייער פון זיי, פיל מער גע־

טרייער, און מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס דו באַגערסט פיל מער פון זיי.

און איך האָב זיי געענטפערט:

— מיין ווילן איז געווען (נאָך זייער אַנטלויפן) צו פאַר־האַלטן זיי און זיי צוריקקערן אין געפענגעניש. נאָר נאָכדעם ווי איר האָט גערעדט צו מיר די דאָזיקע רייד, וועל איך זיי לאָזן.

און איך האָב זיי געלאָזן: אויב זיי ווילן גיין, זאָלן זיי גיין, און אויב זיי ווילן דאָ זיצן, זאָלן זיי זיצן. איך וועל זיי ניט געבן ניט קיין מחילה און ניט קיין רשות, איך וועל זיי לאָזן טאָן ווי זיי ווילן. און די מאַראַנען הנ״ל פון סאַנטירין האָבן זיי אָפּ־געגעבן כבוד און געגעבן זיי שפייז אין וועג און געלט. און זיי האָבן אָפּגעריייזט און זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען מיטן ים אָן מיין רשות.

און נאָך זייער אָפּציען פון מיר, אין חודש אדר רפ״ז, זיי־נען געקומען צו מיר פינף יידן פון אימאַפי[1]) און פון זימור[2]). און אין דעם טאָג, ווען זיי זיינען אַריין צו מיר, האָט מיר שלמה כהן געזאָגט:

— היט זיך פון די דאָזיקע יידן, דען איך זע, אַז זיי זיי־נען רשעים!

נאָר איך האָב ניט צוגעהערט זיין שטים און איך האָב גע־גלויבט אין זיי אין דער תמימות פון מיין האַרצן. זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין מיין האַרצן און זיי זיינען מיר לחלוטין פאַלש געווען. איך האָב פאַר זיי געקויפט נייע בגדים. איינעם פון זיי, יוסף קורדיליאה, האָב איך באַשטימט פאַר אַ ממונה אויף די הוצאות און צוויי אַנדערע האָב איך איבערגעגעבן אין די הענט די שליסלען פון די קליידער־קופערטס און אָנגעטאָן זיי אין נייע מלבושים פון קאָפּ ביז די פיס. און יהודה פון זימור און אברהם פון אימאַפי זיינען געווען מליצים צווישן מיר און צווישן דעם קיניג און די קריסטן און די מאַראַנען, און זיי זיינען

1) סאַפי — האַפן־שטאָט אין מאַראָקאָ.

2) אַזעממור — שטאָט אין מאַראָקאָ.

געווען געלערנטע אין לשון־הקודש און האָבן פאַרשטאַנען מיינע רייד. זיי האָבן ביי מיר פאַרבראַכט פסח. און איך האָב אויסגע־געבן אַ סך און גרויסע הוצאות פאַר זיי, דען זיי האָבן געגעסן אַ סך און געוואָלט גוטע זאַכן. און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט לשון־הרע צווישן זיך און שנאת־חנם און מחלוקות נאָך מער ווי מיינע ערשטע משרתים, ווייל זיי האָבן געהאַט דרך־ארץ מער. און אַ גרוי־סע קריג און רייסעניש איז געוואָרן צווישן יהודה פון זימור און אברהם פון איסאַפי איבער די מעסערס און איבער די שליסלען. נאָכדעם האָבן זיי געזען, אַז די מעות און די שליסלען פון די געלטער געפינען זיך אין האַנט פון שלמה כהן, — האָבן זיי גע־וואָלט צונעמען פון אים די שליסלען און האָבן אָנגערעדט אויף שלמה כהן, נאָר איך האָב זייערע רייד ניט אָנגענומען, ווייל איך האָב אים געזען אַ מלאך אלהים. נאָכדעם זיינען געקומען אין מיין הויז זייער חשובע מאַראַנען, האָבן די נייע משרתים הנ״ל אָנגע־רעדט פאַר זיי אומווערדיקע רייד. זיינען געקומען צו מיר די דאָ־זיקע מאַראַנען, — און איך בין דענסטמאָל געלעגן אין מיין בעט ביינאַכט, — און זיי האָבן געזאָגט צו מיר:

— זאָלסט אַוועקשיקן אָט דעם שלמה כהן און זאָל ער זיך גיין אין זיין לאַנד, און מיר וועלן דיר זיין צו הילף. און אָט די דאָזיקע יידן 1) וועלן דיר קלעקן און וועלן דיר גוט באַדינען. און אויב דו וועסט ניט טאָן די זאַך, זאָלסטו וויסן זיין, אַז מיר וועלן דיר ניט זיין צו הילף.

האָב איך זיי געענטפערט:

— איך קען אים ניט אַוועקשיקן אין אָט דער צייט, ביז איך וועל באַטראַכטן.

און איך האָב געגומען ביי זיי אַ צייט פון אַכט חדשים. און פונוועגן דעם איז אַרויף אויף מיר אַ זאָרג און אַ פיבער.

און שלמה כהן האָט פון דער דאָזיקער גאַנצער זאַך גאָרניט געוואוסט.

נאָכדעם זיינען זיך יענע מענטשן אַוועקגעגאַנגען.

---

1) די נייע משרתים הנ״ל.

און איך האָב געזאָגט צו שלמה כהן, ער זאָל אָנשרייבן פאַר מיר אַ בריוו צו ר׳ אברהם אבן זמירו [1]). און ער האָט אָנגעשריבן.

און איך האָב גענומען דעם כתב אין מיין האַנט און האָב געזאָגט צו יהודה און צו אברהם הנ״ל, זיי זאָלן מיר יעדערער אָנשרייבן אַ בריוו צו ר׳ אברהם אבן זמירו, און דער בריוו זאָל זיין געשריבן אויפן בעסטן אופן —

— און איך וועל איבערקוקן אייערע כתבים. און אויב זיי וועלן זיין בעסער, מיט אויפריכטיקערע און קלינגערע רייד איידער פון דעם זקן, וועל איך אַוועקשיקן דעם זקן און איך וועל אייך נעמען און איר וועט מיר באַדינען.

און זיי האָבן אָנגעשריבן און איך האָב געזען זייער כתב. און איך האָב גערופן די מאַראַנען, וואָס די נייע משרתים האָבן פאַר זיי מלשין געווען אויפן זקן. און איך האָב געזאָגט צו דעם אברהם הנ״ל:

— לייען פאַר אַלע דריי כתבים אין איבערזעצונג אויף פּאָרטוגעזיש פאַר די דאָזיקע חשובע מאַראַנען, בכדי זיי זאָלן הערן און משפטן, וועלכער פון די דריי כתבים איז דער בעסטער.

און ער האָט געטאָן אַזוי.

און אַלע אַנוסים האָבן פּה־אחד באַשלאָסן, אַז דער נוסח פון שלמה כהן איז בעסער פון די צוויי אַנדערע.

נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו די אַנוסים הנ״ל:

— זייט וויסן און פאַרשטייט, אַז איך בין אַ שליח צו דער דאָזיקער מצווה פון דעם קיניג יוסף מיין ברודער און פון זיינע יועצים, און איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב פונוועגן זיין דינסט, יתברך שמו, און פונוועגן ישראל — זיי אויפצוזאַמלען פון אַלע מקומות און צו ברענגען זיי אין דאָס באַזעצטע לאַנד, קיין ירושלים דער הייליקער שטאָט. און איך בין געקומען קיין רוים צום פּויפּסט. און דער אייביקער האָט מיר צוגעשיקט

---

1) מן הסתם דער זעלביקער ר׳ אברהם בן זימור, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אויבן און וואָס קייזערלינג רופט איבן זאַמאַיראַ.

דעם ר׳ דניאל פון פיסאַ, וואָס איז דער בעסטער פון אַלע יידן, אַ שר אין איטאַליע און אַן עושר, און ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַלע מיינע עסקים ביים פויפסט און אַלע בריוו הן פון פויפסט און הן פון פעטרי ג׳ואַן דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל. און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון רוים מיט ר׳ דניאלן און בין געקומען אין זיין הויז קיין פיסאַ, און איך האָב פאַרבראַכט ביי אים זיבן חדשים ביז ער האָט אויסגעפונען פאַר מיר אַ גרויסע שיף. דענסטמאָל האָט ער מיר געגעבן אָט דעם זקן און האָט צו מיר געזאָגט: „פונוועגן מיין ליבשאַפט צו דיר גיב איך דיר דעם דאָזיקן אַלטן כהן, ער זאָל דיר באַדינען און שטיין מיט דיר אין פּאָרטוגאַל ביז דער קיניג וועט דיך אָפּשיקן בשלום אין דיין לאַנד. און נאָכדעם זאָלסטו אים אָפּשיקן צוריק צו מיר בשלום״.

און איך האָב געזאָגט צו די מאַראַנען.

— ווי זאָל איך טאָן, און איך בין איינער אַליין, און דער דאָזיקער זקן איז מיין סעקרעטער און ער באַדינט מיר און ער האָט אַ באַפעל פון ר׳ דניאל, ער זאָל ניט אַוועקגיין פון מיר ביז איך וועל אַריין אין שיף אויף צוריק. איך וויל זען, ווי עס וועט מאַכן מיט מיר דער קיניג, און ווי ער וועט אַלץ איבערגעבן צו ר׳ דניאל. און מחמת אָט דער סיבה קען איך אים ניט אַוועקשיקן. און ער איז דאָך אַ זקן אַ בן־שבעים. און זייערע רייד אויף אים זיינען שקרים, און אַלץ, וואָס זיי ריידן אויף אים, איז נאָר מיטן צוועק צו באַקומען די שליסלען פון די מעות, וואָס געפינען זיך אין זקנס האַנט.

נאָך דעם זיינען זיך יענע אנוסים אַוועק אין זייער וועג.

און נאָך די דאָזיקע אַלע געשעענישן — האָט דער קיניג פאַרהאַפט אַנוסים ביי מיר אין הויז. נאָר עס איז ניט נאָר פינקטלעך: דען ניט דער קיניג האָט געשיקט צו פאַרהאַפטן זיי, נייערט די האַרן פון דעם קיניג. און מ׳האָט אַריינגעזעצט זיי (די מאַראַנען) אין געפענגעניש. האָב איך אָנגעשריבן צום קיניג אין דער צייט, ווען זיי זיינען פאַרהאַפט געוואָרן, און אַוועקגעשיקט (דעם בריוו) צום קיניג. און אַז דער קיניג האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַפוילן, מען זאָל אַרויסלאָזן די מאַראַנען אויף דער פריי.

מען האָט זיי אָבער נאָך געהאַלטן אין געפענגעניש ביזן צווייטן טאָג. האָב איך אַוועקגעשיקט אַ צווייטן בריוו מיט אַ שליח מיוחד צום קיניג, און אַז דער קיניג האָט באַקומען מיין צווייטן בריוו, האָט ער געזאָגט צו זיינע שרים:

— איך האָב דאָך אייך נאָך נעכטן געהייסן זיי באַפרייען?

און ערשט דענסטמאָל האָט מען אַרויסגעלאָזן די אנוסים.

און זיי, די דאָזיקע באַפרייטע אַנוסים, זיינען געקומען צו מיר אין הויז.

נאָכדעם האָט דער קיניג מיך גערופן צו זיך אין חדר פון דער קיניגין, און איך בין אַוועק צו אים, און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך האָב מיך דערפרייט, וואָס דו ביסט מיר געקומען צו הילף, וואָס דו ביסט אַהערגעקומען מאַכן די מאַראַנען צוריק פאַר יידן. דען איך האָב געהערט, אַז די מאַראַנען זיינען מתפלל מיט דיר צוזאַמען און לייענען אין דיינע ביכער בייטאָג און ביינאַכט, און אַז דו האָסט אַפילו שוין געמאַכט אַ סינאַגאָגע...

נאָכדעם ווי איך האָב דערהערט די רייד פון קיניג, בין איך אַריין אין צאָרן און האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב צוליב דער זאַך, און איך בין ניט געקומען צוליב קיין אַנדער זאַך, נייערט גרויס צו מאַכן דיין מלוכה און דיר צו הילף צו זיין. מלכים עפענען ניט זייערע אויערן פאַר מלשינים, וואָס ריידן ניט קיין אמת. און אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט מיט דיר, איז שקר און קיין איין וואָרט איז דערין ניטאָ!

האָט דער קיניג פון פּאָרטוגאַל צו מיר געזאָגט:

— אויב דאָס איז אמת, זאָלסטו עס מהיום והלאה מער ניט טאָן, — אויב דו ווילסט טאָן מיט מיר גענאָד.

און נאָכדעם האָט זיך דער קיניג מיט מיר איבערגעבעטן מיט גוטע רייד, ווייל ער האָט געזען מיך פאַרצאָרנט, און ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן דעם ענין פונם וועג און וועגן די ענינים פון די גרויסע און קליינע פייערוואַרפערס, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר געבן פיר מלחמה־מחנות אויף שיפן, וואָס מיר

וועלן זיי מיטנעמען אין אונזער לאַנד. און נאָכדעם בין איך אַרויס־געגאַנגען פונם קיניג און אַוועק צו זיך אין הויז.

און נאָך די דאָזיקע אַלע געשעענישן האָט דער קיסר 1) געשיקט פאַר זיין ווייב, די שוועסטער פון דעם מלך פּאָרטוגאַל, מענטשן און פערד און מוילאייזלען אַ סך ניט אויסצוציילן. און מיט זיי איז מיטגעקומען אַ אינבאַשאַדאָר. און יענער אינבאַשאַדאָר איז געקומען אין מיין הויז און האָט גערעדט מיט מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער קיסר האָט געהערט פון מיר און פון מיין ענין און גם ער פרייט זיך מיט דער דאָזיקער זאַך —

— און דער קיסר גלוסט צו זען דיין פּנים.

און איך האָב פאַרבראַכט מיט יענעם אינבאַשאַדאָר כמו צוויי שעה. און אברהם און יהודה הנ״ל זיינען געווען מליצים צווישן מיר און אים.

אויך איז געקומען דער דוכּס פון זיין לאַנד קיין אַלמאַרין צום קיניג, דען ער איז זיין קרוב, און דער קיניג האָט געשיקט אים אַנטקעגן אַ סך מענטשן. און נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען צו אים, האָט דער קיניג מיט אים גערעדט וועגן מיינע עסקים. אין דער צווייטער נאַכט איז געקומען צו מיר דער דוכּס אַ פאַרשטעל־טער, ער מיט פיר משרתים, און איך בין געזעסן ביים טיש. און נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעגעסן, בין איך אַריין אין מיין אינעוויי־ניקסטן חדר, און ער האָט פון מיר רשות גענומען און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען. און נאָך מיין אַריינגיין אין אינעווייניקסטן חדר זיינען אַריין צו מיר אַנוסים און האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס איז געווען דער דוכּס אַ פאַרשטעלטער און ער איז געקומען זען מיך, ווי איך עס.

אויפן אַנדער טאָג האָט אָפּגערייזט די קיניגין און איז אַוועק אויף איר חתונה צום קיסר, און דער קיניג, איר ברודער, האָט זי באַגלייט. מיט אים איז מיטגעגאַנגען אויך דער דוכּס און אַן עולם פאַרשטייער פון אַ סך פעלקער. איך האָב געריטן אויף מיין פערד און מיט מיר איז גלייך געגאַנגען איינער אַ משומד, אלדיקא

---

1) קאַרל V.

פון איסאַפּי, וואָס האָט אָנגענומען דעם דת ישמעאל און איז נאָכדעם אַריבער צו דער קריסטלעכער אמונה, — און איך האָב פון דעם אַלעם ניט געוואוסט, — ער איז געגאַנגען מיט מיר פאָרן פערד פאַראויס. נאָכדעם האָב איך גענומען רשות פון דעם קיניג און פון דער קיניגין זיין שוועסטער און האָב זיך אומגעקערט צוריק צו זיך, און איך בין אָנגעקומען אין הויז ביינאַכט. דער קיניג האָט זיך אומגעקערט ערשט אויפן אַנדער טאָג. און אלדיקא דער משומד הנ״ל איז אַ שטאַרקער מענטש, אַ בכבודיקער און מיט אַ חשובן געזיכט. און די יידן האָבן מיר דערציילט וועגן דעם אַלדיקאַ, אַז ער איז אַ משומד און אַ רשע. האָב איך ביינאַכט גערופן דעם אַלדיקאַ צו זיך, — און איך בין דענסטמאָל געווען ביי זיך אין בעט, — און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך האָב געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט אַריבער צום גלויבן פון ישמעאל און נאָכדעם ביסטו אַריבער צום דת פון די קריסטן. נאָר איך גלויב אין דיר און אין דיינע רייד, אַז דו וועסט שטיין מיט מיר און וועסט מיר באַדינען, און דו קענסט אַלע פרימאָרגן אַוועקגיין אין דיין וועג און אַרויסגיין פון מיין הויז.

און אלדיקא האָט מיר געענטפערט:

טו מיט מיר חסד פונוועגן דער ליבשאַפט צו גאָט און ניט פונמיינטוועגן, דען איך האָב געזינדיקט, פאַרקרימט און פאַרבראָכן און אָפּגעטאָן שלעכטס נאָכמער, וויפיל מענטשן האָבן דיר וועגן מיר דערציילט. איך וויל אָבער זיך צוריקקערן דורך דיר און חוזר בתשובה זיין. און איך שווער ביי תורת משה, אַז איך וויל צוריקקערן אויב דו וועסט מיך אָננעמען, דען דער אייביקער נעמט אָן אַ בעל־תשובה. און איך וועל שטיין פאַר דיר ביז איך וועל שטאַרבן, און איך וועל דיר דינען בכל לבבי, דיר און אַלע דיינע פערד, און אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסן, וועל איך טאָן.

און ער האָט גענומען דעם חומש אויף זיין האַלז און האָט געשוואָרן מיט אַ שבועה פון דער תורה. און ער איז פאַרבליבן אין מיין הויז.

און ביי מיר איז פאַרהאַן אַ פערד, שענער און בעסער פון דעם קיניגס אַלע פערד. און איך רייט אויף אָט דעם פערד. און

די יידן זיינען געווען שוואַכע און האָבן פאַר מיר גאָרניט געטאָן; זייער גאַנצער כוח איז נאָר אין מויל און זיי פלעגן גאַנצע טעג ביי מיר נאָר פרעגן שאלות און צו מיר קומען מיט בקשות. און אויב זיי פלעגן גיין מיט מיר צום קיניג, פלעגן זיי גיין ניט גלייך מיט מיר, נאָר אָפּשטיין אויף צוריק, ווייל זיי האָבן אַ פאָרכט און פחד טיף אין האַרצן. און זיי האָבן ניט קיין דרך=ארץ. און דער מאַן, וואָס קען אַראַביש, האָט צו מיר געזאָגט:

— די דאָזיקע יידן, וואָס זיינען געקומען דעם לעצטן מאָל, האָבן ניט קיין דרך=ארץ און זיינען ניט ראוי פאַר דיין כבוד. און זיי האָבן גאווה, און זיי נעמען ניט אַראָפּ דעם הוט פון קאָפּ ניט אין מיין הויז און ניט אין הויז פון קיניג, און די גוים ריידן אויף זיי.

און דער מאַן דער קענער פון אַראַביש האָט אַלע טאָג מיט מיר גערעדט, אַז מען אַכט זיי ניט איבער זייער גאווה, און קיינער פון זיי קען ניט טראָגן קיין שווערד אויפן אַקסל, ווייל זיי זאָגן: „דאָס איז פאַר אונז אַ חרפה“. און איך האָב זיך באַדענקט און האָב געבענקט נאָך מיינע ערשטע דינער, דען זיי זיינען געווען געאַכט פון מיינטוועגן, און ווען איך פלעג אַרויסטרעטן פאַרן קיניג, פלעגט איטלעכער פון זיי האַלטן דעם שווערד זיינעם אויפן אַקסל, און תמיד מיטן הוט אין האַנט, און תמיד זיינען זיי געווען פון מיין רעכטער און פון מיין לינקער האַנט. און אַזוי האָבן אויך געזאָגט צו מיר די קיניגלעכע ריכטער, אַז איך האָב אַרויסגעטריבן די ערשטע חברים, וואָס זיינען געווען גוטע, און האָב גענומען די דאָזיקע גרינג=געשעצטע און דערווידערדיקע. און זיי האָבן אַריינ=געגעבן צו מיר אין הויז אלדיקא דעם משומד.

אלדיקא איז אַ שטאַרקער מענטש און אַ בעל=לשון מער פון זיי. און ער איז געווען ביי מיר אין הויז. אַלע טאָג פלעגט ער טאָן די אַרבעט אַרום דעם פערד, פלעגט אים פיטערן, וואַשן אים און רייניקן, און טאָן בכלל אַלצדינג ביי מיר אין הויז און אין אַלץ באַגליקן. אויב די יידן פלעגן גיין קויפן עפּעס אויפן מאַרק, — פלעגט אַלדיקאַ גיין מיט די זעלביקע מעות און ברענגען זאַכן אינ=צווייען מער ווי יענע. און אַלע טאָג פלעגן זיי זיך קריגן מיט

אלדיקא און ברענגען לשון הרע צו מיר אויף אים, — האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איך קען אים ניט אַרויסטרייבן פון מיין הויז, ווייל ער איז אַ בריה און אַ מוצלח און טוט דעם פערד אַלץ, וואָס אים איז נייטיק. גם טוט ער אַלץ אין הויז. איר אָבער קענט אים ניט פאַרבייטן, איר קענט ניט אויפטאָן דאָס, וואָס ער טוט מיר אויף.

די יידן האָבן גורם געווען גרויסע הוצאות, דען אַלע אנוסים און גויים, וואָס זיי פלעגן ברענגען צו מיר פון זימור, פון איסאַפי און פון פעץ, פלעגן קומען אין מיין הויז און פלעגן עסן און טרינקען, זיי און די פערד זייערע, פאַר זיך און פאַר זייער חברה, — פאַרצערן אַלץ, וואָס איך האָב פון יענע יידן באַקומען. און אַזוי האָבן זיי געמאַכט אַ קריג מיטן מאַראַן דעם משרת ביי מיר אין הויז, — און ער האָט דאָך געטאָן אַלץ ביי מיר אין הויז מער פון זיי און ער איז מיט מיר געקומען מיר באַדינען פון טאַווילה. און זיי האָבן זיך מיט אים געמשפּט פאַר מיר און האָבן שאַרפע רייד אויף אים פאַר מיר גערעדט, ביז איך האָב אים אַרויסגעשיקט פון מיין הויז איבער זיי. אין די דערמאָנטע יידן זיינען געקומען פון זייער לאַנד אָן אַ זיכער-כתב פון קיניג און זיינען פאַרהאַפט גע-וואָרן ביי זייער אָנקומען קיין טאַווילה, נאָר זיי האָבן געגעבן פיר הונדערט דוקאַטן ערבות-געלט, אַז זיי וועלן צושיקן אַ כתב פון קיניג. און דער ריכטער פון טאַווילה האָט געשריבן וועגן זיי צום קיניג, אַז עס זיינען געקומען יידן אָן אַ זיכער-כתב.

נאָך דעם האָט דער קיניג מיך גערופן און איך בין אַוועק צו אים. און עס זיינען מיט מיר געווען יהודה און דער קענער פון אַראַביש. און עס האָט ביי מיר געפרעגט דער קיניג:

— ווי זיינען דאָס די יידן געקומען אין מיין לאַנד אָן אַ זיכער-בריוו?

האָב איך דעם קיניג געענטפערט:

— איך האָב געשריבן צו זיי, זיי זאָלן קומען צו מיר, זיי-נען זיי געקומען מיר צו באַדינען. און איך פאַרלאַנג פון דיר, דוד מלכות, דו זאָלסט שרייבן צום ריכטער קיין טאַווילה, ער זאָל מבטל מאַכן די ערבות, וואָס ער האָט פון זיי באַקומען, און גיב

זיי דו פונמיינטוועגן אַרויס אַ כתב־בטחון, בכדי זיי זאָלן קענען גיין און זיי זאָלן ניט האָבן קיין שום שאָדן אין טאַווילה.

און דער קיניג האָט באַפוילן זיין סעקרעטער, ער זאָל אָנ־שרייבן צום ריכטער, יענער זאָל אויסמעקן די ערבות, וואָס זיי האָבן אים געגעבן, און זיי זאָלן אומגיין זיכער, — און אַלץ זאָל זיין געחתמעט מיטן קיניגס זיגל־רינג.

און אין דעם דאָזיקן טאָג בין איך אַוועקגעגאַנגען פון דעם קיניגס הויז צו זיך און די יידן זיינען געווען מיט מיר און מיט אַלדיקאָ אין אַ קריג.

און דער קיניג האָט מיך גערופן פיר מאָל אין משך פון צוויי טעג פונוועגן די מאַראַנען, און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— זיי אַ קלוגער, — וואָס טוסטו מיט זיי?

און ווידער האָט ער צו מיר געזאָגט:

— ווי איז דאָס געשעען, — דען איך האָב געהערט, אַז דו האָסט דורכגעפירט ברית מילה איבער מיין סעקרעטער? 1)

האָב איך אים געענטפערט:

— דאָס איז ניט אמת. חס ושלום. איך בין ניט געקומען טאָן אַזוינע מעשים, און דו זאָלסט ניט עפענען דיין אויער פאַר מלשינים.

און איך האָב גערעדט מיטן קיניג אויפגעבראַכט, און איך האָב געזאָגט צו אים:

— צי ווע‌סטו הערן דעם שקר און וועסט אים גלויבן? צי

1) דאָס איז דערזעלביקער סעקרעטער, וואָס האָט צוזאַמען מיטן גלח אין קיניגלעכן צימער געשריבן אַלץ, וואָס דוד הראובני האָט זיי דיקטירט. זיין נאָמען איז געווען דיאָגאָ פּירעס. געבאָרן אין אַ מאַראַנישער פאַמיליע אַן ערך אין יאָר ה׳רס״א (1501), אַזעלטן־שיינער און פעיקער, גוט דערצויגן און העכסט־גע־בילדעט, איז ער געוואָרן סעקרעטער אין העכסטן געריכט פון פּאָרטוגאַל, אויך פּער־זענלעכער סעקרעטער פון דער קיניגין, און איז געוואָרן אַ ליבלינג אין קיניגלעכן הויף. פרי געהיים באַקאַנט זיך מיט דער ביבליש־תלמודישער און בכלל יידי־שער ליטעראַטור און מיט קבלה, אַ טיף פאַרבענקטע עקזאַלטירטע נשמה, האָט ער זיך אונטער דוד הראובנים השפּעה מגייר געווען אונטערן נאָמען שלמה מולכו. זיך אַליין בעצם ידו מל געווען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ טומל אין קיניגלעכן הויף און אַ שטורעם פון צאָרן אין די אינקוויזיטאָרישע רייען.

דאָס טוט אַ קלוגער מענטש, אַז דו זאָגסט מיר: דו האָסט געטאָן די זאַך? חלילה מיר צו טאָן אַזוינס! דען איך בין געקומען בלויז צוליב מיין ענין און צוליב דיין דינסט.

נאָכדעם האָט דער קיניג געשוויגן וועגן אָט דער זאַך און האָט גערעדט מיט מיר וועגן ענין פון דער נסיעה און פון די שיפן. און נאָך די רייד בין איך אַרויסגעגאַנגען פונם קיניג און בין געקומען אין מיין הויז. אין פיר טעג אַרום האָט דער קיניג ווידער מיך גערופן צו זיך. מיט מיר זיינען געווען יהודה און דער קענער פון אַראַביש, און דער קיניג האָט צו מיר געזאָגט:

— איך פריי מיך מיט דיר, וואָס דו ביסט געקומען מיר צו הילף. אָבער דו וועסט חרוב מאַכן מיין מלוכה, דען אַלע קריסטן זאָגן וועגן דיר, אַז דו האָסט פאַרוואַנדלט פיל מאַראַנען צוריק אין יידן, און ווער עס קומט צו דיר אין הויז, מאַנסבילן, ווייבער און קליינע קינדער, — אַלע קושן דיר אין די הענט. און יען דו זיצט ביים טיש, שטייען אַלע קינדער פון די מאַראַנען און בוקן זיך פאַר דיר.

און איך האָב געענטפערט דעם קיניג צאָרנדיקערהייט און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך בין געקומען פון מזרח קיין מערב צו דיר. און די טיר פון מיין הויז איז אָפן פאַר אַלע מענטשן, קריסטן און מאַראַנען, און איך דערקען זיי ניט, ווער זיינען די קריסטן און ווער זיינען די מאַראַנען, און איך קען ניט טאָן קיין אַנדער זאַך, נייערט מיין הויז מוז בלייבן אָפן ביז דו וועסט מיך פירן לשלום. און דו הערסט זיך צו צו דער שטים פון מוסרים, וואָס מסרן פאַר דיר מיט רייד, וואָס זיינען ניט אמת, דען אַלע רייד זייערע זיינען שקר וכזב, און דו גלויבסט אין זיי.

נאָך די רייד האָט דער קיניג מיר זיין האַנט געגעבן און האָט געזאָגט צו מיר:

— טו מיר אָט דעם חסד, לאָז ניט קיין שום מענטשן קושן דיינע הענט.

און דער קיניג האָט מיר מנדר געווען אַכט שיפן אין חודש ניסן מיט פיר טויזנט פייערוואַרפעס, גרויסע און קליינע. און איך

האָב געגלויבט אין זיינע רייד און איך בין פון אים אַרויסגעגאַנגען. בין געקומען אין מיין הויז און פאַרבראַכט ביז נאַכט.

און עס איז צו מיר געקומען דער סעקרעטער, וואָס האָט באַהאַלטענערהייט דורכגעפירט די ברית-מילה, — דען ער האָט געהאַט באַהאַלטן זיך פון קיניג אין אַ דירה פון אַנוסים, — און האָט גערעדט מיט מיר אין דער דאָזיקער נאַכט. און איך האָב אויף אים געכעסט און געזאָגט צו אים:

— זע, וואָס דו האָסט אונז גורם געווען! גיי זיך דיר קיין ירושלים, אַנטלויף פון קיניג, דען אויב ניט — וועט ער דיר פאַרברענען אָדער אַנדערש טייטן.

און ער איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען.

און אָט דער דאָזיקער סעקרעטער איז געקומען צו מיר נאָך דענסטמאָל, ווען איך האָב דעם ערשטן מאָל זיך פאָרגעשטעלט דעם קיניג, און ער האָט מיר דערציילט, אַז אים האָט זיך גע-חלומט אַ חלום, ווי ער האָט אויסגעפירט ברית-מילה, און ער האָט זיך געבעטן ביי מיר:

— טו מיט מיר דעם דאָזיקן חסד און פיר אויס איבער מיר דעם ברית, אָדער באַפעל דעם שלמה[1], ער זאָל מיר עס טאָן!

און איך בין אויף אים אין כעס געוואָרן און האָב געזאָגט צו אים:

— דו זאָלסט ניט טאָן די זאַך אין אָט דער צייט, דען דערפון וועט זיין דיר אַ סכנה, און אויך אונז. אויב עס וועט דער-וואוסט ווערן די זאַך, וועט מען זאָגן, אַז איך האָב דאָס געטאָן.

און איך האָב אים געראָטן און געזאָגט צו אים:

— שטיי אויף דיין פאָסטן פאַרן קיניג ביז הקדוש-ברוך-הוא וועט עפענען די טיר, דען ער ווייסט די מחשבות פון דעם מענטשן, און דו זאָלסט זיך היטן ניט צו טאָן די זאַך אין אָט דער צייט, ווייל דו און איך און אַלע אַנוסים — מיר אַלע וועלן זיין אין אַ גרויסער סכנה.

---

1) שלמה כהן.

און ער איז אַוועק פון מיר און ער האָט מיט זיך אַליין און איבער זיך דורכגעפירט זיין זאַך.

און ער איז אַ סעקרעטער און אַ מכובד פאַרן פנים פונם קי־ניג. און עס האָט זיך דערוואוסט דער מלך פאָרטוגאַל און אַלע שרים און אַלע אַנוסים און אַלע קריסטן, — און זיי ווייסן, אַז ער אַליין האָט עס געטאָן. און עס איז אַנטלאָפן און פאַרשוואונדן אָט דער סעקרעטער, און דער מלך און די שרים און אַלע זיינע קנעכט האָבן געזאָגט, אַז איך האָב גורם געווען, דער סעקרעטער זאָל עס טאָן, הגם איך אַליין בעצם ידי האָב איבער אים ניט דורכגעפירט דעם ברית.

נאָך די רייד האָט דער קיניג געשיקט נאָך מיר, נאָר איך בין ניט געווען אין הויז, דען איך בין געווען אַוועקגעגאַנגען הינטערן טייך ערגעץ אין אַ הויז און איך בין ניט געקומען ביז נאַכט. איז צו מיר געקומען דער קענער פון אַראַביש און האָט צו מיר געזאָגט:

— דער קיניג האָט דיך היינט גערופן קומען.

גם זו לטובה!

אויך אויף מאָרגן האָט דער קיניג געשיקט נאָך מיר, איך זאָל קומען צו אים. און איטלעכס מאָל, ווען דער קיניג פלעגט שיקן נאָך מיר, פלעגט ער שיקן זיינע קנעכט, זיי זאָלן מיך באַגלייטן און מיך היטן. גם פלעגט ער שיקן דעם ריכטער זיינעם אויף זיין פערד אויף צו באַגלייטן מיך. און אין דעם טאָג בין איך געגאַנגען צום קיניג, און ער האָט גערעדט מיט מיר:

— היות איך האָב אַ סך געשעפטן אויסצופירן, קען איך ניט שיקן די שיפן מיט דיר קיין מזרח ניט דעם יאָר און ניט דעם קומענדיקן יאָר. און אויב דו ווילסט גיין אין דיין לאַנד, גיי בשלום, דען איך גיב דיר רשות און איך וועל דיר בענטשן אַלע יאָרן, וואָס דו ביסט געקומען פון דיין לאַנד מיר דינען און מיר זיין צו הילף, נאָר איך קען ניט שיקן מיט דיר די שיפן מחמת די געשעפטן, וואָס איך האָב צו מאַכן דאָ אין מערב. און אויב דו ווילסט, גיי צום קיסר און גיב אים איבער דיין ווילן. אָדער אפשר ווילסטו גיין צוריק קיין רוים, אָדער אפשר ווילסטו גיין קיין פעץ. קלייב זיך דיר אוים וואָס דו באַגערסט.

און עס האָט מיך אָנגעצונדן ביז טויט פון דער דאָזיקער זאַך. און איך האָב געענטפערט דעם מלך פאָרטוגאַל מיט גרויס כעס אין האַרצן און האָב געזאָגט צו אים:

— דו האָסט מיר געטאָן אַ נדר צו געבן מיר די שיפן און שיקן זיי ראש־חודש ניסן. און ווי האָסטו עס אַוועקגעגעבן זיי צו אַן אַנדער מענטשן?

האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט אַ סך צו טאָן אין מערב. האָב איך געזאָגט צום קיניג, אַז איך וועל ניט גיין צום קיסר און איך האָב געכעסט. און פאַרן קיניג זיינען געשטאַנען צוויי שרים, גוטע פריינד פון קיניג. און איך האָב געזען דעם פנים פונם קיניג און נון — זיינע אויגן זיינען שוואַרץ געוואָרן, און ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט איינעם פון די שרים, וואָס זיינען געווען מיט אים. און איך האָב געטראַכט אין האַרצן, אַז דאָס באַטייט, אַז דער קיניג צאָרנט. און איך האָב געזאָגט צום קיניג:

— מיין רצון איז ניט צו גיין צום קיסר און ניט קיין פעץ, נייערט קיין רוים צום פויפסט.

האָט געזאָגט צו מיר דער קיניג:

— באַטראַכט די זאַך אין משך פון אַכט טעג.

און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון קיניג און אַוועק צו זיך אין הויז.

און די קיניגין זיין ווייב האָט אויף דעם צווייטן טאָג געשיקט נאָך מיר. בין איך אַוועק צו איר, און יהודה איז געווען מיט מיר. און די קיניגין האָט גערעדט מיט מיר און ביי מיר געפרעגט:

— צי איז דיין רצון גוט מיט מיין מאַן דעם קיניג?

האָב איך איר געענטפערט:

— דער קיניג האָט צו מיר געטאָן אַ נדר, אַז ער וועט מיר געבן אַכט שיפן, און איצט איז ער מיר אַ פיינד געוואָרן, — איך ווייס ניט, וואָס איז די סיבה, און ער האָט מיך נעכטן גערופן צו זיך און האָט צו מיר געזאָגט: „גיי אין דיין לאַנד, דען איך האָב ניט בדעה און קיין רצון דיר צו געבן שיפן."

האָט די קיניגין געענטפערט מיר אויף מיינע רייד:

— איך ווייס זיכער, אַז דער קיניג האָט געוואָלט דיר איינ־אָרדענען די שיפן פול מיט פייערוואַרפערס און מיט מענטשן גע־לערנטע צו מלחמה. אָבער דער קיניג האָט דערהערט, אַז דו האָסט איבער מיין סעקרעטער דורכגעפירט ברית־מילה און האָסט מאַ־ראַנען צוריק געמאַכט פאַר יידן, און אַז דו האַלטסט זיך עצות מיט די מאַראַנען קעגן דעם קיניג. און אַלע שרים פונם קיניג און זיינע קנעכט ריידן צום קיניג, ער זאָל דיר פונוועגן דעם קיין שום זאַך ניט געבן. און דער קיניג איז אין צאָרן פון דעם אַלעם.

דערויף האָב איך דער קיניגין געענטפערט:

— אויך דאָס איז גוט פאַר אונז און פאַר אייך. איך בין ניט געקומען פון מיין לאַנד צו טאָן אַ זאַך בנגד דעם קיניג. חלילה מיר! דען איך האָב געטאָן אַלץ נאָר צו זיין דינסט און צו זיין נוצן. און מיין רצון איז זיך אומצוקערן צוריק קיין רוים צום פויפסט — זאָל לעבן!

און עס האָט געזאָגט צו מיר די קיניגין:

— טו וואָס גוט איז.

און איך האָב גענומען פון דער קיניגין רשות און בין אַוועק צו זיך אין הויז.

און דער ניט לאַנג־געבאָרענער זון פון דער קיניגין און פון דעם קיניג איז זייער און זייער קראַנק געוואָרן.

און איך בין געשטאַנען אין מיין הויז.

און עס זיינען געקומען צו מיר אַנדערע יידן פון פעץ, היינו ר' יעקב הסופר מיט זיינע פינף משרתים, און זיי זיינען איינגעשטאַנען אין מיין הויז אַ חודש צייט אויף מיינע הוצאות, זיי און זייערע פערד. און זיי זיינען געווען שיכורים, ליבהאָבער פון ווייַן. און ר' יעקב הסופר איז געווען אַ ווירדיקער מאַן, און די קריסטן האָבן אים געלויבט, און איך האָב אים געגלויבט, און איך האָב אים ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ לשון, און איך האָב געזען, אַז ער איז אַ חכם גדול. און ער האָט ביי מיר געבעטן די פאָן, וואָס אויף איר זיינען אויסגעהאַפט די עשרת הדברות פון ביידע זייטן, יענע פאָן, וואָס עס האָט מיר געהאַט צוגע־שיקט די סעניאָרע פון נאַפּאָלי תמ״א, און צוויי זיגלען גילדערנע,

וואָס האָבן געוואוינן פינף און צוואַנציק דוקאַט גאָלד מיט אַ איינ־פּאַסונג אין זילבער און מיט אויסגעקריצטע הייליקע שמות, — און איך האָב אים געגעבן די פאָן און די זיגלען. און ער האָט מיר געגעבן אַ נדר, אַז ער וועט זיך צוריקקערן צו אונז אין חודש אדר על־כל־פנים, און ער האָט מיר אַ נדר געגעבן צו ברענגען פאַר מיר אַ ווייסן פערד אַ שיינעם און אַ גוטן, וואָס איז ווערט צוויי הונדערט דוקאַטן מיטן זילבערנעם געשפּאַן פון דעם פערד, בכדי איך זאָל עס געבן דעם פּויפּסט, און אויך צו ברענגען צוויי גוטע מאָדעלן פון אַ משכן מיט אַ מויער אַרום זיי אויף אַן אָנדענק פון דער קהילה.

און איך האָב געפרעגט ביי ר׳ יעקב מיין סעקרעטער וועגן אלדיקא דעם משומד, וואָס זיצט ביי מיר אין הויז. און ר׳ יעקב האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז אַ בן־טובים און אַז ער האָט חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים און וויל תשובה טאָן. און איך האָב געזאָגט צו ר׳ יעקבן, אַז איך האָב ניט געגלויבט זיינע רייד, ווען ער האָט מיר געזאָגט: „חטאתי, עויתי, פשעתי און איך וויל תשובה טאָן״, — איך האָב מורא געהאַט פאַר אים, טאָמער וועט גורם זיין דער חטא און ער וועט ביי מיר עפּעס גנבענען. —

— אָבער נאָכדעם ווי דו האָסט מיר דאָס אַלץ געזאָגט, גלייב איך דיינע רייד, אַז ער זאָגט אמת.

און ר׳ יעקב הסופר האָט צו מיר געזאָגט:

— אויב ער וועט זיצן מיט דיר, וועט ער דיר באַדינען און ער וועט דיר זיין צו הילף, און ער וועט גיין מיט דיר אין יעדן וועג, וואָס דו וועסט אויף אים טרעטן, און ער וועט דורך דיר חוזר בתשובה זיין, דען איך ווייס, אַז ער שטאַמט פון אַ פיינער משפּחה, און איך בין דיר ערב, אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס דו וועסט וועלן און ער וועט ניט פאַרפעלן.

און אלדיקא שטייט פאַר אונז, און כמ״ר יעקב הנ״ל האָט גענומען די חמשה חומשי תורה און האָט אים באַשוואָרן צו טאָן דאָס אַלץ און צו זיין געטריי.

און נאָך די דאָזיקע רייד האָב איך אָפּגעלאָזן ר׳ יעקב הסופר אין זיין לאַנד, אים און זיינע משרתים, און עס זיינען

ביי מיר פאַרבליבן די פינף יידן, וואָס זיינען געקומען פריער. איינער פון זיי איז געווען אַ בחור פון פעץ, וואָס זיין נאָמען איז געווען ר׳ יצחק, — אַ שומר פון דער טיר. דער צווייטער איז געווען יוסף קורדיליאה, אַ זקן און אַ רשע גמור, דען ער איז געקומען מלשין זיין פאַרן קיניג אויף ר׳ אברהם בן זמור יצ״ו, אַז ער האָט דערהרגעט אַ קריסטלעכע טאָכטער. איך האָב אים אַריינגענומען אין מיין הויז און האָב אים באַשוואָרן ביי דער תורה, ער זאָל בשום אופן אַזוי ניט ריידן. און איך האָב אים איבערגעגעבן אין זיין האַנט די הוצאות פון הויז, דען איך האָב אים באַשטימט אויף דער דאָזיקער שטעל. און ער האָט גענומען פון מיר מער ווי הונדערט דוקאַטן, וואָס עס האָט ביי אונז געפעלט. און דער זקן שלמה כהן האָט געוואָלט מיט אים מלחמה האַלטן איבער די דערמאָנטע מעות, וואָס האָבן געפעלט, נאָר איך האָב ניט מסכים געווען און האָב געזאָגט אים:

— לאָז אים.

און דער דריטער, וואָס איז געווען מיט אונז, איז געווען אַ זקן נכבד, און איך האָב געזען, אַז ער איז אַ באַגלויבטער, און זיין נאָמען איז געווען ר׳ אברהם פיראַנטי פון איסאַפי, דען איך האָב אים געשיקט קיין איסאַפי און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צו מיר און האָט מיר געבראַכט פאַר צען דוקאַטן וועקסענע ליכט און ער האָט מיר אויך געבראַכט אַ סך ספרים און אַ גרויסן שופר. און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי מיר פאַר אַ משרת אויף צו קויפן האָלץ און ווייַן און הינער און שעפּסן, און אַלע דאגות וועגן די באַדערפענישן פון הויז זיינען אויף אים געלעגן, אַפילו וועגן גערשטן פאַרן פערד.

און די אַנדערע צוויי, יהודה און אברהם, זיינען געווען ווי דתן און אבירם. זיי האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר חברים און ענווים און זיי זיינען געווען מליצים צווישן מיר און צווישן דעם קיניג און די אַנוסים, און ביי זיי אין האַנט זיינען מיינע קופערטס און די קליידער-קופערטס, אויך די טישן און די בעטן און דאָס ברויט. איך האָב זיי איבערגעלאָזן און פאַרהאַלטן ביי זיך נאָר פונוועגן דעם, וואָס דער זקן שלמה כהן איז געווען טויב און האָט

ניט געהערט מיינע רייד, וואָס איך פלעג דאַרפן צו אים איבערריידן אַ סך מאָל. און איך האָב זיי געשטעלט פאַר זיך אויך צוליב דעם, זיי זאָלן ריידן פאַרן קיניג, דען דער קיניג האָט ניט געוואָלט (שלמה כהן), דען ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך הער ניט זיינע רייד.

און אַלע קריסטן און אַנוסים, וואָס פלעגן קומען צו מיר, האָבן ניט געהערט די רייד פון דעם זקן. לכן האָב איך אויסגעקליבן זיי און האָב פאַרזיכערט זיך און זיי. איך האָב זיי אָנגעקליידט פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע קליידער, און איך האָב דורכגעקוקט די קליידער-קופערטס און נון עס פעלן מיר אַ סך זאַכן, ייִדענע בגדים. זיי האָבן צוגענומען אַ ייִדענעם טורבאַן, וואָס איז ווערט געווען צוואַנציק דוקאַטן, און אַן אַנדער טורבאַן, אַ ווייסן, וואָס איז ווערט געווען פינף דוקאַטן, און נאָך אַ סך האָבן מיר געפעלט, וואָס זיי האָבן צוגענומען. און זיי האָבן זיך געקריגט מיט אלדיקאַן און האָבן גערעדט איינער אויפן אַנדערן. דער האָט געזאָגט:

— דו האָסט צוגענומען.

און דער האָט געזאָגט:

— ניין, דו האָסט צוגענומען.

און איך האָב געקויפט צוויי שוואַרצע קנעכט, איינער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און דער אַנדערער פופצן, — פאַר דעם קליינעם פערד. דער עלטערער קנעכט איז געווען אַ גבור און אַ פאַסיקער צו באַדינען מיר אין אַלע ענינים, און אלדיקא פלעגט איינאָרדענען אַלע ענינים און אַרויסגעבן באַפעלן צו די קנעכט די כושים. און אויב אלדיקא פלעגט אַוועקגיין פון הויז נאָר איין טאָג, פלעגן אַלע ענינים מיינע ווערן איבערגעקערט, — דען נאָר ער איז געווען דער פינקטלעכער משגיח.

נאָכדעם האָט דער קיניג געשיקט נאָך מיר, איך בין אַוועק צו אים און ער האָט מיר געזאָגט:

— וואָס האָסטו באַשלאָסן צו טאָן און אין וועלכן וועג ווילסטו גיין? דען איך וויל אַוועקגיין קיין סאַנטירין.

האָב איך אים געענטפערט:

— מיין רצון איז אומצוקערן זיך צוריק קיין רוים צום פויפסט, און דו וועסט אָנשרייבן בריוו פאַר מיר, וואָס זאָלן זיין אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר פאַרן קיניג יוסף מיין ברודער, אַז איך בין אָנגעקומען אין דיין מלוכה, גם זאָלסטו מיר אָנשרייבן איין כתב-בטחון צו אַלע קריסטן.

האָט דער קיניג מיר געענטפערט:

— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט פאַר זיך ווען.

און ער האָט גערופן צו אַנטאָני קאַרנייירי זיין סעקרעטער און האָט אים באַפוילן פאַר מיר אין די אויגן, ער זאָל אָנשרייבן פאַר מיר צוויי בריוו, און אַ דריטן זאָל ער שרייבן פאַר מיר קיין טאַווילה, מען זאָל מיר געבן דריי הונדערט דוקאַטן. און דער קי-ניג האָט צו מיר געזאָגט:

— וועסט קומען נאָך מיר קיין סאַנטירין און וועסט באַ-קומען די כתבים, און איך וועל שיקן מיט דיר מענטשן, זיי זאָלן דיך באַגלייטן ביז טאַווילה.

נאָך די רייד בין איך אַרויסגעגאַנגען פון קיניג און געקומען צו זיך אין הויז.

דער קיניג און די קיניגין זיין ווייב זיינען נאָך דעם זעל-ביקן טאָג אַוועק קיין סאַנטירין. זייער זון איז געווען קראַנק, זיי-נען זיי געגאַנגען קיין סאַנטירין צוליב זייער זון, אויפצופאַסן אים און צו געבן אים רפואות.

אַגב, אין דעם טאָג, ווען עס איז געבאָרן געוואָרן דער דאָ-זיקער זון אין אלמארין, האָב איך אַוועקגעגעבן דריי בגדים מיינע צו די מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיר די בשורה ברענגען, איי-נער נאָך דעם אַנדערן, צוואַמען דריי. צו זיי אַלעמען האָב איך געגעבן צו פאַר קליידער יעדערן: איינעם האָב איך אָפּגעגעבן מיין טערקישן אייבער-בגד, מיט גאָלדפעדים דורכגעוועבט, וואָס איז ווערט געווען דרייסיק דוקאַטן; דעם אַנדערן האָב איך געגעבן אַ זיידענעם נייעם רויטן רעגנמאַנטל, וואָס איז אויך ווערט געווען דרייסיק דוקאַטן, און דעם דריטן — אַ זיידענעם טערקישן איי-בער-בגד, וואָס איך האָב געבראַכט פון מיין לאַנד און איז אויך ווערט געווען מער ווי צוואַנציק דוקאַטן.

און נאָכדעם ווי זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, ער און זיין ווייב מיט זייער זון, קיין סאַנטירין, בין איך נאָך פֿאַרבליבן שטיין אין אלמאַרין דריי טעג און נאָכדעם האָב איך אָפּגערייזט מיט אַלע מיינע זאַכן. און אין סאַנטירין בין איך אַריינגעקומען אין אַ שיין הויז נאָענט צום טייך, און אלדיקא האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט אַלע ענינים פֿון הויז און פֿון אַרום הויז. און איבער דער סיבה פֿון אונזער אָנקומען קיין סאַנטירין האָבן די יידן זייער שטאַרק צעקריגט זיך מיט אלדיקא, און איך האָב דענסטמאָל געשלאָפֿן אין מיין בעט. באַלד אָבער בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט און און האָב געעפֿנט די טיר און אַריינגערופֿן צו זיך דעם אלדיקא. האָט ער גערעדט פֿאַר מיר אויף די יידן לשון=הרע. איך האָב געהערט זיינע רייד, און ער האָט געזאָגט צו מיר.

— זיי זאָגן, אַז איך פֿאַרשפּאַר זיי די טיר.

האָב איך זייער געבעסט אויף יהודה און אַברהם און די אַנדערע יידן, און זיי האָבן געשריען און אויפֿגעהויבן הויך זייער קול אויף מיר, און איך האָב געוואָלט זיי שלאָגן. נאָכדעם האָבן זיי גענומען זייערע זאַכן, אַרויסגעגנבעט זיי פֿון מיין הויז און זיינען אַוועק פֿון מיין הויז אין טאָג פֿון שבת. איך בין דענסטמאָל געווען אַריינגעגאַנגען אין אינעווייניקסטן חדר אין מיין בעט און האָב דערפֿון כלל ניט געוואוסט. און זיי האָבן געשיקט צו מיר זאָגן, אַז אלדיקא איז אַ מלשין און רעדט ניט קיין שום אמת וואָרט. האָב איך געשיקט זיי זאָגן, אַז היות איך גיי אין וועג, וויל איך מער ניט קיין איבעריקע משרתים. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— איך האָב פֿאַר אייך באַקומען פֿון דעם קיניג אַ כתב=בטחון און לפי מיין בקשה האָט דער קיניג געשריבן קיין טאַווילה, אַז עס זאָל בטל ווערן די ערבות, וואָס איר האָט געגעבן דערפֿאַר פֿיר הונדערט דוקאַטן, און איר קענט זיך גיין אייער וועג בשלום.

און ר׳ יצחק, דער שומר פֿון דער טיר, איז צו מיר געקומען און ביי מיר גענומען מחילה און געבעטן, איך זאָל אים אַרויסגעבן אַ כתב, דען ער האָט געזאָגט, אַז זיין רצון איז צו גיין קיין ירושלים. האָב איך פֿאַר אים אָנגעשריבן צו אַלע קהילות, זיי

זאָלן אים קומען צו הילף אויפן גאַנצן וועג, וואוהין ער וועט קו־מען, און איך האָב אים געגעבן מעות און בגדים און אים אַוועק־געשיקט בשלום.

און יהודה און אברהם הנ״ל האָבן ביי מיר קיין מחילה ניט געבעטן און האָבן מיט מיר ניט גערעדט, און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען. און אויפן גאַנצן וועג, וואָס זיי זיינען אויף אים געגאַנגען, האָבן זיי גערעדט אויף מיר, — פלעגן אומעטום, וואו זיי פלעגן מיך באַריידן, אויפשטיין די אנוסים קעגן זיי און פלעגן זיי וועלן שלאָגן, ביז זיי זיינען אַנטלאָפן אין זייער לאַנד.

און יוסף קורדיליאה איז געקומען צו מיר, האָב איך אים געשיקט צו איינעם אַ מאַראַן פופצן מייל ווייט פון סאַנטירין, בכדי ער זאָל קומען מיך באַגלייטן ביז טאַווילה. און איך האָב דעם יוסף קורדיליאה געגעבן ניין דוקאַטן. פאַרן אָפּרייזן איז ער געשטאַנען דריי טעג אין סאַנטירין באַהאַלטן פון מיר, און די אנוסים האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז גאָרניט געגאַנגען (אין מיין שליחות). נאָכדעם איז ער אַוועק וואוהין ער האָט אַליין געוואָלט און איך האָב אים שוין מער קיינמאָל ניט געזען.

פאַרבליבן מיט מיר איז דער זקן ר׳ יהודה פיראַנטי ז״ל.

און מיר זיינען געשטאַנען אין סאַנטירין, דען דער בן־מלך איז נאָך קראַנק געווען.

און עס איז געקומען צו מיר אַ ידיעה פון דעם מענטשן, וואָס איך האָב ביי אים געקויפט דעם פערד, אַז די קריסטן האָבן אָפּגעמאָלט מיין געשטאַלט און זיי שפּאָטן אָפּ פון דעם געמעל.

נאָכדעם האָבן דאָס דערהערט די אנוסים אין יענעם אָרט, זיינען זיי אויפגעשטאַנען אויף די קריסטן און האָבן זיי געגעבן קלעפּ, און די צורה האָבן זיי מיט געוואַלד צוגענומען פון זיי. האָבן די ריכטער פון יענעם אָרט פאַרהאַפט צוויי מאַראַנען. און זיי (די מאַראַנען) האָבן פון יענעם אָרט געשיקט צו מיר אַ בריוו, איך זאָל זיי זיין צו הילף. און תיכף ווי איך האָב דערזען דעם בריוו, בין איך אַוועק צום קיניג און געזאָגט צו אים:

— צי וועט וואוילגעפעלן זיין אין דיינע אויגן, אויב קריסטן פון יענעם אָרט האָבן אָפּגעמאָלט מיין געשטאַלט און שפּאָטן אָפּ

פון מיר? און אַז די מאַראַנען זיינען אויפגעשטאַנען אויף זיי און האָבן צוגענומען דעם געמעל פון זייער האַנט, האָבן די ריכטער גענומען תפוס צוויי מאַראַנען! און איצט וויל איך זען און באַקומען חן און חסד אין דיינע אויגן, דו זאָלסט אָנשרייבן צו די ריכטער, זיי זאָלן אַרויסלאָזן יענע תפוסים פון געפענגעניש.

האָט דער קיניג תיכף אין דער רגע באַפעלן, מען זאָל אָנשרייבן אָט דעם כתב. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— איך וועל ניט אַרויסגיין פון דיר, ביז איך וועל באַקומען אין מיין האַנט דעם כתב.

און מען האָט אָנגעשריבן דעם כתב פאַרן פנים פונם קיניג, און דער קיניג האָט פאַר מיר אין די אויגן אונטערגעחתמעט יענעם כתב.

און דער קיניג האָט געלאַכט.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך פאַרלאַנג פון דיין כבוד, דו זאָלסט מיר געבן אַ משרת, וואָס זאָל גיין מיט דעם דאָזיקן כתב צו די מאַראַנען און מען זאָל זיי גלייך באַפרייען.

און דער קיניג האָט מיר געגעבן איינעם פון זיינע קנעכט, און איך האָב זיי געשיקט ביז דעם אָרט פון די צוויי אנוסים און מיט דעם כתב פון קיניג, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען און זיי באַפרייט.

און דער קיניג האָט ביי מיר געפרעגט וועגן די פאָנען און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— דו האָסט מערקווירדיקע פאָנען. וואָס ווילסטו טאָן מיט זיי?

האָב איך אים געענטפערט, אַז זיי זיינען אונזער סימן צווישן מיר און צווישן די שבטים: אויב איך וועל גיין מיט חייל, וועל איך זיי אַרויסטראָגן פאָראויס פאַר זיי

און דער קיניג האָט געזאָגט:

— דאָס איז גוט.

און נאָך האָט ער מיך געפרעגט:

— איז אמת די זאַך, אַז דו האָסט געזאָגט ביי זיך אין הויז,

אַז אויב איך וואָלט דיר געבן רעכט איין וואָך, וואָלסטו דערוויי-טערט אַלע גנבים פון מיין לאַנד?

האָב איך אים געענטפערט:

— אַזוי האָב איך גערעדט.

האָט ער מיך געפרעגט:

— ווער זיינען עס די דאָזיקע גנבים?

און איך האָב אים געענטפערט:

— דו קענסט זיי, דען דאָס זיינען דיינע קנעכט די ישמעאלים.

דען דאָס איז זייער מודה: ביי טאָג באַדינען זיי דיר און ביי נאַכט באַגנבענען זיי די קראָמען.

און דער קיניג האָט געלאַכט, אויך אַלע זיינע הארן. דען דער קיניג ווייס דאָס אַלץ בוודאי.

נאָך די דאָזיקע רייד בין איך אַרויסגעגאַנגען פון אים און בין געשטאַנען צוויי טעג אין הויז.

און דער קאַרדינאַל דעם קיניגס ברודער האָט מיך גערופן, און איך בין מיט דעם קענער פון אַראַביש געגאַנגען אין דאָס הויז פון קאַרדינאַל. און ער האָט מיר אָנגעטאָן גרויס כבוד און האָט ביי מיר געפרעגט וועגן די פאָנען און וועגן דער נסיעה, --

— און אויף וועלכן וועג וועסטו אַרויספטרעטן?

האָב איך אים געענטפערט, אַז די פאָנען זיינען מיין סימן, און דער וועג, וואָס איך וועל מאַכן, וועט זיין בעזרת השם קיין רוים.

און דער קאַרדינאַל האָט צו מיר געזאָגט:

— אויב דו וואָלסט אָנגענומען מיין גלויבן, וואָלט איך דיך פאַר אַ שר געמאַכט.

דערויף האָב איך אים געענטפערט:

— ווילסט מיך מאַכן ווי דער ראַב, וואָס נח האָט אים אַרויס-געשיקט פון קאַסטן און ער האָט זיך ניט אומגעקערט צוריק. אָבער די דאָזיקע זאַך פאַסט ניט פאַר מלכים, דען איך בין אַ בן-מלך פון די קינדער פון דוד בן ישי, און מיינע אבות האָבן אַזאַ זאַך ניט געטאָן. און ווי מיינסטו, אַז איך בין געקומען פון מיין לאַנד פון מזרח קיין מערב, בכדי צו טאָן אָט די זאַך? חלילה מיר! דען איך בין געקומען צוליב עבודת הבורא און איך האָב געוואָלט אַ שם

טוב, מען זאָל מיך פֿרייזן אין דער גאַנצער וועלט פֿאַר דער מצוה, וואָס איך בין צוליב איר געקומען, — און ווי קען דאָס דיר דיין האַרץ דערלויבן מיר צו זאָגן אַזאַ זאַך?!

און איך האָב נאָך געזאָגט:

— איך זאָג דיר: נעם אָן מיין גלויבן, — ווילסטו?

האָט מיר דער קאַרדינאַל געענטפֿערט:

— ניין.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— בעסער איז, דו זאָלסט זיצן אין דיין דת און איך — אין מיינעם, דען דו זאָגסט, אַז דיין דת איז אמת, און איך זאָג, אַז מיין דת איז דער אמתער, דער דת משה וישראל!

און איך בין אויפֿגעבראַכט געווען און האָב אויף אים גע־צאָרנט.

נאָכדעם האָט ער גערעדט גוטע רייד, און דער מאַן דער קענער פֿון אַראַביש איז געווען דער מתורגמן צווישן מיר און אים.

און איך בין אַרויס פֿון אים און אַוועק צו זיך אין הויז.

אויף מאָרגן האָט די קיניגין געשיקט נאָך מיר און האָט זיך אויך נאָכגעפֿרעגט ביי מיר וועגן די פֿאָנען און אויף וועלכן וועג איך האָב באַשטימט צו גיין. און איך האָב איר געענטפֿערט:

— די פֿאָנען זיינען מיין סימן, און איך גיי בעזרת השם קיין רוים.

האָט זיך געפֿרייט די קיניגין און האָט געזאָגט:

— גיי צו שלום און קער זיך אום אין דיין לאַנד צוריק בשלום. און וויים, אַז דער קיניג האָט מיר געזאָגט, אַז זיין האַרץ איז גוט מיט דיר. און איך האָב געהערט, ווי דער קיניג האָט גע־שריבן פֿאַר דיר בריוו אויפֿן וועג און צום פּויפּסט — זאָל לעבן.

און איך האָב פֿון איר רשות גענומען און בין אַוועק צו זיך אין הויז.

און אַלע אנוסים זיינען געקומען צו מיר בייטאָג און ביינאַכט און זיי האָבן זיך מצער געווען פֿון מיין אַוועקפֿאָרן. און זייערע קינ־דער זיינען געקומען קושן מיינע הענט פֿאַר די קריסטן אין די אויגן, ביז איך האָב אָפּגערייזט פֿון סאַנטירין, און הקדוש ברוך הוא

האָט גורם געווען, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום שאָדן איבער מיר פאַרן פּנים פונם קיניג און אין גאַנץ מלכות פּאָרטוגאַל, — אַ לויב צו גאָט!

און דער קיניג איז געווען זייער גוט, און ער האָט געמאַכט אַ קריג מיט די מלשינים און האָט געזאָגט צו זיי, זיי זאָלן מער ניט ריידן וועגן דעם אינבאַשאַדאָר: — זאָל ער טאָן וואָס ער וויל.

נאָך דעם איז געשטאָרבן דער זון פון קיניג, און ער האָט ניט געמאַכט קיין שום אבלות איבער אים, כּדי צו ווייזן זיינע שרים, אַז ער איז דערויף ניט מקפּיד.

און נאָכדעם איז צו מיר געקומען דער מאַן דער קענער פון אַראַביש און האָט מיר איבערגעגעבן די בריוו, און זיי זיינען געווען געשריבן אויף פּאַפּיר מיט אַ גוטן כּתב מיט דער האַנט פון אַנטאָני קאַרניירי, און ער האָט געשריבן בתום לבבו גוטע רייד און מיט גרויס כּבוד אין יענע בריוו. גם האָט ער פאַר אונז געשריבן קיין טאַווילאַ, מיר זאָלן באַקומען דריי הונדערט דוקאַטן. און עס האָט צו מיר געזאָגט דער קענער פון אַראַביש:

— לאָמיר גיין, איך און דו, אָפּגעבן דעם קיניג שלום, און לאָמיר נעמען פון אים רשות. און די בריוו זאָלן זיין ביי מיר אין האַנט ביז מיר וועלן קומען צום קיניג, און דענסטמאָל וועל איך זיי איבערגעבן דיר פאַרן קיניג אין די אויגן.

און אַזוי זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען, איך און ער, צום קיניג. און איך האָב גערעדט צום קיניג מיט פּאַרדרוס און האָב געזאָגט:

— דער פּויפּסט האָט פאַר מיר געשריבן די בריוו אויף פּאַרמעט, און דו, קיניג, האָסט פאַר מיר די בריוו געשריבן אויף פּאַפּיר! איך בין דאָך אָבער געקומען פון מזרח קיין מערב פון־דיינעטוועגן און פונוועגן דעם דינסט צו דיר. און די בריוו די דאָזיקע — אויב זיי זיינען אויף פּאַרמעט, וועלן זיי פאַרבלייבן צו אַן עדות און אַן אָנדענק צווישן אונז און די קינדסקינדער נאָך אונז און זיי וועלן הערן, ווי איך בין געקומען אין דיין מלכות.

האָט דער קיניג מיר געענטפערט:

— ביי אונז איז ניט קיין מנהג צו שרייבן אויף פּאַרמעט,

און דאָס איז דער מנהג נאָר פון פויפּסט צו שרייבן אַלץ אויף פּאַרמעט. און איך האָב געטאָן פאַר דיר כפי אונזער מנהג.

האָב איך געזאָגט צום קיניג:

— אויב איך וואָלט באַקומען חן און חסד פאַר דיין פּנים, וואָלסטו מיר איבערשרייבן זיי נאָך אַמאָל אויף פּאַרמעט, דען איך וויל, זיי זאָלן זיין מיר לזכרון.

און דער קיניג האָט מיר געענטפערט:

— מיר טוען דאָס פונוועגן דער ליבשאַפט צו דיר.

און ער האָט באַפוילן דעם מאַן דעם קענער פון אַראַביש צו גיין מיט די בריוו צו אַנטאָני קאַרניירי, ער זאָל זיי איבערשרייבן אויף פּאַרמעט.

און איך בין אַוועק צו זיך אין הויז און דער טאָלמעטשער איז אַוועקגעגאַנגען צו אַנטאָני קאַרניירי מיט די בריוו, ער זאָל זיי אָנשרייבן אויף פּאַרמעט, — האָט ער אָבער ניט געוואָלט זיי איבערשרייבן נאָך אַמאָל. האָט דער מליץ זיך צוריקגעקערט צום קיניג מיט די בריוו, און דאָן מיקעל איז דענסטמאָל געשטאַנען פאַרן קיניג. האָט דער קיניג געווענדט זיך צו דאָן מיקעל:

— שרייב דו איבער אויף פּאַרמעט.

און דאָן מיקעל האָט איבערגענומען אַלע בריוו, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אַנטאָני קאַרניירי, און האָט זיי איבערגעשריבן אויף פּאַרמעט, אָבער עס איז ניט געווען אַזוי בכבודיק ווי דער ערשטער כתב. דערויף האָב איך אָבער אויסגעמיידט מיין כעס, דען די זקנים און דער קיניג יוסף מיין ברודער האָבן מיר פאַרזאָגט, איך זאָל זיך איינהאַלטן פון כעס.

און אַזוי אויך ווען איך בין געקומען קיין פּיסאַ אין הויז פון ר׳ יחיאל, און ער האָט אַן עלטערמוטער אַ חכמה און אַ חשובה, און איר נאָמען איז מרת שרה תמ״א, זיין מוטערס מוטער, אַ משכלת זייער אַ גרויסע, — האָט זי צו מיר געזאָגט:

— איך זע דיך אין כעס כל ימיך. אויב דו וועסט דעם דאָזיקן כעס אַרויסשלאָגן פון זיך, וועסטו גליק האָבן אויף אַלע דיינע וועגן.

און זי האָט מיר געגעבן אַ גרויסן ספר „כתובים״ במתנה

און בראש פון ספר האָט זי אָנגעשריבן און מיר פאַרזאָגט אין יענעם כתב:

— „אַל תכעס ואַל תבהל ואַז תשכיל!״ 1)

און איך האָב ניט געקענט איינהאַלטן מיין יצר־הרע פון כעס, — און אָט דער כעס מיינער אויף דאָן מיקעל האָט גורם געווען צו ברענגען מיך צו אָט דעם פונקט. און דער מאַן דער קענער פון אַראַביש פלעגט אַלץ, וואָס איך האָב מיט אים, דעם טאָלמעטשער, ביי מיר אין הויז גערעדט, — גיין איבערגעבן ווי אַ מרגל צו דאָן מיקעל, איבערגעבן אַלץ מיט אַלע פרטים.

און נאָכדעם האָט דער קענער פון אַראַביש מיר איבערגעגעבן די בריוו אויף פאַרמעט, און ער האָט מיר ניט געזאָגט, אַז עס האָט געשריבן זיי דאָן מיקעל. און איך האָב ביי אים געבעטן דעם כתב וועגן די מעות, וואָס מיר האָבן צו באַקומען אין טאַ־ווילאַ, און ער האָט מיר געגעבן צוויי בריוו פאַרחתמעטע, איינעם צום ריכטער פון טאַווילאַ, און וועגן דעם אַנדערן האָט ער מיר געזאָגט:

— דאָס איז דער כתב, וואָס דער קיניג האָט געזאָגט, אַז דו וועסט באַקומען די דריי הונדערט דוקאַטן.

און אין יענעם כתב האָט שקר וכזב אָנגערעדט אויף מיר דאָן מיקעל, און ער האָט צוגענומען דעם אמתן כתב וועגן די דריי הונדערט דוקאַטן און מיר געשיקט דעם דאָזיקן פאַלשן כתב. און איך האָב ניט געקענט בודק זיין דעם כתב, דען ער איז געווען פאַרחתמעט און איך האָב געגלויבט אין זיינע רייד און האָב גע־נומען די כתבים. און דער פאַרזיגלער האָט דערפאַר געפאָדערט פון מיר צען דוקאַטן, — האָב איך פאַר אים געגעבן זיבן מיט אַ האַלבן דוקאַט דורך דעם טאָלמעטשער. און נאָכדעם בין איך געגאַנגען צוזאַמען מיטן קענער פון אַראַביש צום קיניג און האָב פון אים גענומען רשות אויפן וועג. און דער קיניג האָט צו מיר געזאָגט:

---

1) ווער ניט אין כעס און ניט מבוהל, — דענסטמאָל וועסטו הצלחה האָבן.

— איך שיק מיט דיר דעם טאַלמעטשער ביז טאַווילאַ צו באַגלייטן דיר אין וועג און איך האָב פאַר דיר געשריבן, מען זאָל דיר געבן דריי הונדערט דוקאַטן. און אויב דיר וועט עפּעס נייטיק זיין, שרייב צו מיר.

און נאָכדעם האָב איך מיך מיט אים געזעגנט און בין אַוועקגעגאַנגען אין מיין הויז. איך האָב געוואָלט אָפּרייזן אין דער זעלביקער נאַכט, נאָר עס איז פון מיר אַנטלאָפן דער קליינער כושי, וואָס איך האָב געקויפט. האָב איך געשיקט מענטשן זוכן אים און האָב געגעבן מער ווי צען דוקאַטן די שלוחים, ביז זיי האָבן אים אַרויסגעפירט פון אַ הויז, וואו ער האָט זיך געהאַט באַהאַלטן אין אַ גרויסער ליימענער כלי. און מען האָט מיר אָפּגעגעבן דעם קנעכט און מען האָט אַרויפגעלייגט קייטן אויף זיינע פיס.

און נאָך מנחה האָב איך אָפּגערייזט פון סאַנטירין, איך און שלמה כהן און יהודה פיראַנטי און אלדיקא און צוויי קנעכט מיינע און דער בעל־לשון אַראַביש מיט פיר אַנדערע האַרן, מיט אַלע מיינע זאַכן, אויף פיר מויליאייזלען, ביז מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון טייך. און דער בעל־לשון אַראַביש האָט גענומען פון מיר רשות, דען ער האָט געוואָלט אומקערן זיך קיין סאַנטירין און שלאָפן דאָרטן די נאַכט, און ער האָט מיך פאַזיכערט, אַז אינדערפרי וועט ער זיך צוריקקערן צו מיר קיין אַלמאַרין. און איך און מיינע חברים זיינען די נאַכט געגאַנגען קיין אַלמאַרין. אַלע הייזער זיינען דאָרטן געווען אָפּן און אין קיינעם פון זיי איז ניט געווען קיין מענטש. זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איין הויז, וואו עס זיינען געווען איינוואוינער, און מיר זיינען אָפּגעשלאָפן קעגן דעם הויז אַ גאַנצע נאַכט. און אינדערפרי האָב איך געשיקט דעם אלדיקא קיין סאַנטירין אָפּצונעמען ביים בעל־הבית פון דער שפחה, וואָס איז אַמאָל ביי מיר געווען, צוואַנציק דוקאַטן. און נאָכדעם ווי אלדיקא איז אַוועקגעגאַנגען, איז געקומען צו מיר דער בעל־לשון אַראַביש און האָט געזאָגט צו מיר:

— לאָמיר גיין.

האָב איך אים געענטפערט:

— לאָמיר וואַרטן אויף דעם אלדיקא, וואָס איך האָב אים אַוועקגעשיקט.

האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אלדיקא וועט קומען נאָך אונז.

האָב איך אַרויפגעלייגט די זאַכן אויף די מויליייזלען, און מיר האָבן געצויגן. איך האָב געריטן אויפן גוטן פערד פון פרי־מאָרגן ביז מנחה, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין קורוצא[1], אַ שטאָט אַ צעוואָרפענע, וואו עס זיינען פאַרהאַן אַ קליינע צאָל מאַראַנען. זיינען מיר אַוועק אין אַ הויז פון אַ מאַראַן און מ׳האָט אונז אָנגעטאָן גרויס כבוד.

עס זיינען געקומען אַלע ריכטער פון שטאָט און האָבן אויפ־געוויקלט די פאָנען, און מען האָט געלויבט די פאָנעס, אַז זיי זיי־נען שיינע און פון גוטער אַרבעט, איינע פון גאָלד און איינע פון ווייסן (?) זייד. און אַרום דער פאָן איז געווען גאָלד, אַ שפּאַן די ברייט און אַ שפּאַן די לענג, און אין מיטן פאָן צוויי לוחות, און פון די זייטן פון ביידע לוחות צוויי גרויסע לייבן מיט די הענט צוגע־העפט צו די לוחות. און דאָס גאַנצע געמעלעכץ איז געווען פון גאָלד. אויף די לוחות זיינען געווען אָנגעשריבן די עשרת־הדברות פון ביידע זייטן. און אַרום דער גאַנצער פאָן פון ביידע זייטן זיי־נען געווען אָנגעשריבן משנה־תורה פון אָנהייב ביזן סוף און מזמורים פון תהלים.

און די צווייטע פאָן איז געווען פון גרינעם זייד, און איר גאַנץ געמעלעכץ איז געווען ווי די גילדערנע פאָן, אָבער איר זוים איז געווען פון זילבער. און פינף אַנדערע גרויסע פאָנען זיינען פון ווייסן זייד.

מיר זיינען געשטאַנען אין קורוצא ביז נאַכט. דענסטמאָל איז געקומען צו מיר אלדיקא און איך האָב מיך דערפרייט מיט אים און האָב געגלויבט, אַז ער איז אַ בן־טובים.

אינדערפרי זיינען מיר געצויגן פון קורוצא ביז קוימירא[2]

---

1) קאָרוטשע.

2) קאָאימבראַ, שטאָט אין פּאָרטוגאַל.

און מיר זיינען געקומען ביז האַלבן טאָג אין אַ וואַלד צו אַ וואַ־סער, און די בהמות זיינען געווען מיד. האָט מען אַראָפּגענומען די זאַכן פון די בהמות אויף דער ערד, און מ׳האָט דאָרטן געגעסן.

אין אונזער חבורה זיינען דענסטמאָל געווען זעקס רייכע אַנשים.

און עס האָט געזאָגט צו מיר דער בעל לשון אַראַביש:

— ווער איז דאָ פון דיינע משרתים, וואָס זאָל גיין צו די ריכטער פון קוימירא און זאָל נעמען מיט זיך דעם קיניגס כתב, בכדי זיי זאָלן איינאָרדענען פאַר דיר אַ גוטע דירה און צוגרייטן הינער און אַלץ וואָס מען דאַרף?

האָב איך אים געזאָגט:

— איך האָב ניט קיין בעסערן מענטשן ווי אלדיקא.

און איך האָב אים גערופן און געזאָגט צו אים:

— וועסטו גיין קיין קוימירא אַלץ איינאָרדענען פאַר אונז?

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך גיי.

און ער האָט ביי מיר געבעטן אַ פערד, — האָט אים דער טאָלמעטשער געגעבן אַ פערד פון זיינעם אַ חבר. אויך האָט אלדי־קא געהאַט אין האַנט מיין שווערד, וואָס איז ווערט געווען מער ווי דרייסיק דוקאַטן, אַ גילדערנעם גורט פון פופצן דוקאַטן, אויך צען דוקאַטן, וואָס ער האָט באַקומען אין סאַנטירין — פון דעם בעל־הבית פון דער שפחה בשעת איך האָב אים אַהין גע־שיקט. גם האָב איך אים געגעבן דעם כתב פון דעם מלך פּאָרטו־גאַל, וואָס האָט געשריבן צו אַלע ריכטער, זיי זאָלן מיר אָנטאָן גרויס כבוד. און אלדיקא איז אַוועקגעריטן אויף יענעם פערד און איז אַוועק פון מיר. מיר זיינען געשטאַנען נאָך זיין אַוועקגיין כמו אַ שעה. און מיר האָבן געצויגן און זיינען אָנגעקומען צום טויער פון קוימירא. מיר האָבן געפרעגט ביי די היטער פון דער שטאָט וועגן אלדיקא, און זיי האָבן אונז געענטפערט:

— אַהער איז אלדיקא ניט געקומען און מיר האָבן אים ניט געזען.

נאָכדעם איז דער טאָלמעטשער געגאַנגען צו די ריכטער, און

מיר זיינען אומגעגאַנגען אויסער דער שטאָט, און די שטאָט איז געווען זייער אַ גרויסע. און עס זיינען געקומען אַלע וויכטיקע לייט פון דער שטאָט זען מיך, קריסטן אַ סך און מאַראַנען. נאָכדעם האָב איך דערזען, אַז דער טאָלמעטשער פּאַרציט מיטן גיין צו די ריכטער. און איך האָב דערווייל געריטן אויף מיין פערד און איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט פיר אנוסים, וואָס זיינען מיטגעגאַנגען מיט מיר. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער סביבה פון קווימירא און מיר האָבן אומגעבלאָנקעט אויף די פערד אַהין און אַהער, און אַלע וויכטיקע לייט פון דער מדינה, קליינע קינדער און ווייבער קריסטן און האַרן און גלחים און אנוסים, זיינען אַרויסגעגאַנגען נאָך אונז. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אין אומבלאָנקען אויף די פערד ביז עס איז געקומען דער טאָלמעטשער צוזאַמען מיט צוויי ריכטער פון שר פון שטאָט.

און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט זיי אין אַ הויז פון אַ מאַראַן, און מען האָט מיר דאָרטן איינגעאָרדנט אַ גרויסן שיינעם חדר און אַ בעט מיט אַ טיש און אַ שטול און אַ לייכטער.

און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער פון דער שטאָט. און איך האָב געהאַט גרוים צער פון אלדיקאס נעלם ווערן, און איך האָב געזאָגט צו די ריכטער:

— טוט מיט מיר חסד און זוכט אוים פאַר מיר פיר מענטשן, וואָס זאָלן גיין יעדערער אין אַן אַנדער וועג די נאַכט זוכן דעם אלדיקא, און איך וועל זיי באַלוינען. וואָס איר וועט מיר הייסן — וועל איך זיי באַצאָלן.

און אַזוי האָבן די ריכטער געטאָן און האָבן מיר געגעבן פיר מענטשן. איך האָב זיי צוגעזאָגט אַכט דוקאַט, און זיי זיינען אַוועק זוכן דעם אלדיקא נאָך איידער איך בין געגאַנגען עסן.

נאָכדעם האָב איך אָפּגעגעסן ביים טיש און בין געגאַנגען אין בעט שלאָפן, נאָר איך האָב פאַרבראַכט אין גרוים טרויער ביז אינדערפרי. דענסטמאָל בין איך אויפגעשטאַנען, אָרומגעוואַשן מיין גוף און געשטעלט זיך דאַווענען. נאָך איידער איך האָב געענדיקט מיין תפילה, און נון — אלדיקא איז געקומען צו מיר איינער אַליין. און זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי אַ ראָב. און איך האָב אים געפרעגט:

— פונוואַנען ביסטו געקומען? צי האָסטו געזען די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען זוכן דיך?

האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט ניט געזען קיין שום מענטשן, וואָס זאָל גיין אים זוכן, דען ער איז אַליין געקומען:

האָב איך צו אים געזאָגט:

— פונוואַנען ביסטו עס געקומען? אין האָב דאָך דיך נעכטן געשיקט, דו זאָלסט גיין צו די ריכטער פון קוימירא, און איך האָב דיר געגעבן דעם קיניגס כתב, בכדי די ריכטער פון דער שטאָט זאָלן מיר איינאָרדענען אַלץ וואָס נייטיק, — איז ווי האָסטו עס אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה?

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך בין געגאַנגען אין וועג, זיינען אַרויסגעגאַנגען שאַלק־האַפטיקע לייט גנבים, אָנגעפאַלן אויף מיר און גענומען וואַרפן אויף מיר שטיינער. איך האָב געריטן אויפן פערד, בין איך אַוועק פון זיי, אַנטלאָפן אויף צוריק קיין קורוצא, אין דעם אָרט, וואו מיר זיינען געזעסן. איך בין אָנגעקומען קיין קורוצא אין האַלבער נאַכט. נאָכדעם האָב איך געדונגען אַ קריסט און באַצאָלט אים אַ דוקאַט, ער זאָל גיין מיט מיר אין דעם וועג. נאָכדעם האָב איך אים אָפּגע־לאָזט און בין געקומען אַהער אַליין. אַזוי בין איך געווען אין וועג נעכטן אַ האַלבן טאָג און די גאַנצע נאַכט ביז אָט דער שעה. און פון די דאָזיקע גנבים האָט מיך געראַטעוועט ניט קיין אַנדערער ווי גאָט אַליין, דען זיי האָבן מיך געוואָלט דערהרגענען.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— נעם אַרויס דעם גורט וואָס אין דיין האַנט און דאָס געלט.

און ער האָט געטאָן אַזוי, אַרויסגענומען עס און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. אויך האָב איך אַראָפּגענומען מיין שווערד פון זיין אַקסל און געזאָגט צו אים:

— שפּיצלעך טוסטו מיר אָפּ! דו האָסט מיר געשוואָרן ביי די חמשה חומשי תורה, אַז דו באַגערסט תשובה טאָן, און הגם אַלע יידן און קריסטן האָבן מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ צעלאָזענער, האָב איך זיי ניט געהערט. דו האָסט געגנבעט דעם קנעכט און באַהאַלטן אים, ווייל דו האָסט געוואָלט אים פאַרקויפן. דו האָסט

צוגענומען פון מיר דעם טורבאַן, וואָס האָט געקאָסט צוואַנציק דו־קאַט, — ווי די יידן האָבן מיר דערציילט, — און די ווייסע עטרה האָסטו אַרויסגענומען פון מיין בעט, און איך האָב עס געקויפט פאַר זיבן דוקאַטן. אַלע מענטשן פון הויז האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי זיינען אין דיין האַנט. איך האָב אָבער ניט אָנגענומען זייערע רייד און האָב געזאָגט צו זיי: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו 1). אָבער איצט זע איך דיינע מעשים, פאַרשטיי איך פון זיי, אַז אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט אויף דיר, איז אמת. בכן גיי דיין וועג צו שלום, דען איך באַגער דיך מער ניט.

האָבן די ריכטער פון דער שטאָט געוואָלט אים נעמען תפיסה און באַשטראָפן אים, — האָב איך צו זיי געזאָגט:

— טוט אים גאָרניט — פונמיינעטוועגן. לאָזט אים.

און אַז די שלוחים זיינען געקומען, האָב איך אין די אויגן פאַר אלדיקא זיי געגעבן וואָס איך האָב זיי צוגעזאָגט. האָט אלדיקא געזאָגט צו מיר:

— פאַרוואָס גיסטו זיי דאָס געלט?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— פונדיינעטוועגן. דו האָסט עס מיר גורם געווען.

און איך האָב צוגענומען פון אים דעם קיניגס כתב.

נאָכדעם האָבן די אייזלטרייבער אַרויפגעלייגט די זאַכן אויף די מוילאייזלען און דער קענער פון אַראַביש האָט געריטן אויף זיין פערד, און די אנוסים האָבן געריטן אויף זייערע פערד.

נאָכדעם האָב איך זיך געזעצט רייטן אויף מיין פערד, אויך שלמה כהן. און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קאַמבראַ אויפן וועג קיין עוואָראַ. און אלדיקא האָט נאָכגעיאָגט נאָך אונז און ער איז געקומען צו מיר. איך האָב געריטן אויפן פערד און ער האָט גערעדט צו מיר און געזאָגט:

— איך האָב דיר געדינט מיט מיין גאַנצן כוח, הגם דו ביסט אַ ייד און איך בין אַ קריסט.

האָב איך צו אים געזאָגט:

---

1) משפט ניט דיין חבר ביז דו וועסט קומען אויף זיין אָרט (צו זיין לאַגע).

— כלב בן כלב! ניין, דו ביסט ניט קיין קריסט, ניט קיין ייד און ניט קיין מחמדאנער!

און איך האָב אויסגעשטרעקט מיין שווערד אויף אים און געוואָלט אים דערהרגענען, און איך האָב נאָכגעיאָגט נאָך אים, דען ער האָט גענומען אַנטלויפן. זיינען געקומען דער טאָלמעטשער און די מאַראַנען און האָבן גענומען שטאַרק בעטן מיך און האָבן געזאָגט צו מיר:

— לאָז אים.

האָב איך געזאָגט צו זיי:

— איך אַליין האָב ניט דערלאָזן, די ריכטער זאָלן אים פאַרהאַפטן, און איך האָב ניט געוועלט, מען זאָל אים טאָן שלעכטס; — ער האָט מיר אָבער גורם געווען גרויסע הוצאות און האָט מיך באַגנבעט, — און איצט וויל ער גיין מיט מיר! נאָר אויב ער וועט קומען, וועל איך אים דערהרגענען.

האָט זיך פאַר מיר געשטעלט דער טאָלמעטשער און געזאָגט צו מיר:

— דו קענסט אים ניט שטערן צו גיין אין וועג. יעדער מענטש קען גיין, אין וועלכן וועג ער וויל. ער וויל גיין קיין עוואָראַ. לאָז אים גיין.

זיינען מיר געגאַנגען ביז מיר זיינען געקומען קיין עוואָראַ. מיר זיינען אַריין אין הויז פון דעם מאַראַן, וואו מיר זיינען געשטאַנען דעם ערשטן מאָל, און מיר האָבן פאַרבראַכט דאָרטן שבת און זונטאָג. עס איז געקומען צו מיר דער מאַראַן קאַרבאַליאַ, וואָס האָט געקענט לשון־הקודש און האָט מיר באַדינט זינט דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין טאַווירע, ביז איך בין געשטאַנען פאַר דעם מלך פאָרטוגאַל און ביז דעם היינטיקן טאָג, — און ער איז אַן אייגנטימער פון פייערוואַרפערס.

נאָכדעם האָט געזאָגט צו מיר דער קענער פון אַראַביש:

— אָט דער וועג פון עוואָראַ ביז בעשאַ איז אַ שלעכטער וועג, — בכן ווילסטו אפשר דינגען מענטשן צו באַגלייטן אונז קעגן די גנבים, וואָס געפינען זיך אין וועג?

דאָס האָט דער טאָלמעטשער געזאָגט נאָר אונטער דער השפּעה

פון אלדיקא, וואָס האָט מיט אים גערעדט בייטאָג און ביינאַכט, און איך האָב ניט געוואוסט. און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— עס איז גוט, אלדיקא זאָל מיטגיין מיט אונז, דען ער איז אַ מענטש אַ גבור און ער וועט גיין צופוס. אין וועג וועסטו דאַרפן האָבן מענטשן.

האָב איך אים געענטפערט:

— זאָל ער מיטגיין.

און מיר האָבן געצויגן קיין עווראַ. אויפן צווייטן טאָג זיינען געקומען אַלע לייט פון שטאָט מיך זען. און די אנוסים האָבן זיך מצער געווען מיט גרויס צער און האָבן געוויינט איבער אונזער אָפּרייזן. מיר זיינען אַרויס פון יענער שטאָט אויפן וועג קיין בעשאַ, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין בעשאַ. מיר זיינען אַריין אין אַ הויז פון אַ מאַראַן, אָבער ער איז שוין ניט געווען ווי דער ערשטער, און מען האָט אונז איינגעאָרדנט בעטן און אַ טיש און אַלץ. און עס זיינען געקומען צו מיר אין דער דאָזיקער נאַכט אַ סך אַנוסים, און זיי האָבן זיך געפּאַרכטן און זיי האָבן געוויינט.

און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— פאַרזיכערט זיך אויף גאָט אַלעמאָל און אייביק, דען איר וועט זוכה זיין צו זען דעם אויפבוי פון ירושלים. שרעקט זיך ניט. איך בין ניט געקומען צום קיניג דעם מאָל צו נעמען אייך און צו ברענגען אייך קיין ירושלים, דען מיר האָבן נאָך פאָראויס גרויסע מלחמות פאַר ירושלים, און תפילות, איידער איר וועט אַהין קו־מען, ביז אונזער לאַנד וועט צו אונז געהערן און מיר וועלן מקריב זיין דעם קרבן. ערשט נאָכדעם וועלן מיר קומען צו אייך צו ברענ־גען אייך אין אַ באַזעצט לאַנד. אָבער דעם מאָל בין איך געקומען נאָר מבשר אייך צו זיין, אַז די ישועה איז נאָענט צום קומען.

און נאָכדעם, דינסטאָג, זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון בעשאַ און מיר זיינען אָנגעקומען ביינאַכט אין אַ דאָרף, וואו עס האָבן געוואוינט אנוסים. מיר זיינען אַריין אין אַ הויז פון אַ מאַראַן און מען האָט אונז איינגעאָרדנט בעטן און אַלץ וואָס נייטיק. און אינדערפרי האָבן מיר געצויגן און זיינען אָנגעקומען קיין אַלמאָדאָוואַר [1], אין

[1] שטאָט אין פּאָרטוגאַל.

אַ שיינעם אָרט, וואו עס זיינען געוועןאַ סך אנוסים. און מיר זייינען אַוועק אין אַ הויז פון אַ מאַראַן, און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער פון דער שטאָט. און אומעטום, וואו מיר זיינען געוועןהאָט מען אויפגעוויקלט די פאָנען און מען האָט זיי געלויבט.

דאָנערשטאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין לול, — אַ שיינער אָרט און אַ גרויסע שטאָט. מיר זיינען אַריין אין אַ הויז פון אַ מאַראַן. און עס זיינען געקומען צו מיר אַלע ריכטער און זיי האָבן אונז אָנגעטאָן גרויס כבוד. זיי האָבן געוואָלט זען די פאָנען און זיי האָבן אונז געפרעגט:

— אויב איר ווילט וואָס, באַפעלט אונז, דען מיר וועלן אייך באַדינען מיט אַלץ, וואָס איר וועט וועלן.

און זיי זיינען אונז געווען צו הילף. און מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט דעם גאַנצן פרייטאָג, שבת און זונטאָג.

און אלדיקא האָט זיך אומגעקערט צו טאָן אַלץ ווי פריער און האָט זיך געפלייסט אַ סך צו באַדינען אונז, נאָר איך האָב מיך פאַר אים געפאָרכטן.

און עס זיינען געקומען יידן פון הימיר [1]), היינו שלמה לוי און זיין שוואָגער יצחק, וואָס איז געווען פון איסאַפי, — זיי זיינען אַמאָל געגאַנגען מיט אונז צום קיניג. און איך האָב געשיקט דעם מאַראַן קאַרבאַליאַ [2]) צום ריכטער פון טאַווילאַ (טאַווירא) מיטן כתב פון קיניג, ער זאָל פאַר מיר איינאָרדענען אַ הויז אין יענעם אָרט.

און מיר זיינען געצויגן פון לול מאָנטאָג און עס זיינען מיטגעגאַנגען מיט אונז אַ סך מענטשן און דער בעל־הבית.

און קאַרבאַליאַ האָט זיך אומגעקערט צוריק צו אונז. איך האָב ביי אים געפרעגט וועגן הויז, און ער האָט אונז געזאָגט:

— איך האָב פאַר אייך איינגעאָרדנט אַ דירה, די שענסטע פון אַלע דירות.

און מיר זיינען געגאַנגען און אָנגעקומען קיין טאַווילאַ און

1) הימיר = זימור = אַזעמור, שטאָט אין מאַראָקאָ.

2) אַ תושב פון טאַווירא.

און מיר זיינען אַריין אין יענער דירה, און זי איז געווען זייער אַ שיינע און מיט אַ סך חדרים. און עס איז געקומען צו מיר דער גרויס־ריכטער, און מען האָט פאַר אונז איינגעאָרדנט בעטן און אַלץ וואָס נייטיק. און דער ריכטער האָט צו מיר געזאָגט:

— אויב דו וועסט זיך נייטיקן אין וואָס, זאָלסטו שיקן צו מיר און איך וועל טאָן אַלץ.

און ער איז אַוועק צו זיך אין זיין הויז.

און דער קענער פון אַראַביש איז געווען מיט מיר. און מיר האָבן געשלאָפן די נאַכט ביז אינדערפרי. און עס איז אַריין צו מיר דער קענער פון אַראַביש און האָט ביי מיר געבעטן רשות, דען ער וויל זיך צוריקקערן צום קיניג. איך האָב געהאַט געקויפט פאַר אים אַ פערד אין עוואַראַ פאַר פינף און דרייסיק דוקאַטן און אין טאַווילאַ האָב איך אים געגעבן אַכט דוקאַטן און אַ גילדערנעם גורט, וואָס איז געווען אין האַנט ביי דעם אלדיקא, און צוויי גילדערנע פינגערלעך. און איך האָב אים אָפּגעשיקט פון טאַווילא און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צוריק צום קיניג. און ער האָט מיר אַ נדר געטאָן, אַז ער וועט איינאָרדענען אַלע מיינע באַדערפענישן פאַרן קיניג.

מיר האָבן ניט באַקומען דאָס געלט, די דריי הונדערט דו־קאַטן, וואָס דער קיניג האָט באַפוילן, מען זאָל אונז געבן, דען דאָן מיקעל האָט געפעלשט דעם בריוו און האָט געטאָן דעם היפוך פונם קיניגס כתב. און דער קענער פון אַראַביש האָט דאָס אַלץ געוואוסט, דען ער איז געווען דער מתורגמן פאַרן קיניג, און אַלץ, וואָס ער האָט נאָר גערעדט צו מיר, האָב איך געגלויבט. און דער טאָלמעטשער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך וועל פאַר דיר איבערגעבן דעם קיניג אַלץ.

און דאָס זיינען די מעשים, וואָס זיינען געשען.

ער איז אַוועק פון מיר און איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אין טאַווילאַ, און אלדיקא איז געווען אין הויז.

און עס זיינען דאָ געווען פינף יידן פון פעץ און פון זימור. און אַז איך בין אָנגעקומען קיין טאַווילא, האָב איך זיי דערזען. און זיי זיינען ניט געקומען מיך זען אין וועג, נאָר זיי זיינען גע־

קומען צו מיר אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען קיין טאַווילאַ. זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס גאווה און זיי זיינען געשטאַנען אין דער שטאָט כמו זעקס טעג, און זיי פלעגן אַלע טאָג קומען צו מיר אין הויז און פלעגן עסן און טרינקען מיט אונז.

איך האָב געקויפט ביי איינעם פון זיי אַ בורנוס פאַר זיבעצן דוקאַטן און האָב עס געוואָלט שיקן אַ מתנה צו אַנטאָני קאַרניירי.

און מיט מיר איז געשטאַנען שלמה לוי, דער יונגערמאַן פון איסאַפי. ער האָט געהאַט אַ סך קרובים אנוסים אין טאַווילאַ, — איז ער געקומען צו מיר. און אַ מאַראַן אַ נכבד איז געקומען צו מיר צו לויפן פון סאַנטירין, — ער פלעגט מיר אַלעמאָל ברענגען קליידער, דען ער איז געווען אַ שניידער אַ מייסטער, — און אויך אַן אַלטער אָנוס איז צו מיר געקומען. און ביי מיר אין הויז זיי־נען געווען כמו אַכט אנוסים.

און אין יענע טעג איז צו מיר געקומען ר׳ משה הכהן מיט אַ בריוו פון דעם קיניג יוסף מיין ברודער און פון זיינע זקנים, וואָס האָבן מיר אָנגעוויזן דעם וועג, וואָס איך זאָל גיין אין אים.

און גאַנצע טעג פון פרי ביז נאַכט איז מיין הויז געווען פול מיט מענטשן, אנוסים און קריסטן.

און יענע יידן זיינען געגאַנגען אין זייער וועג צום קיניג. און נאָכדעם ווי זיי זיינען געצויגן פון טאַווילאַ, האָב איך געטראַכט, אַז עס איז גוט צו שיקן צום קיניג אַ מתנה מיין פערד און זיין גאַנצן געשפאַן, און אַז איך דאַרף שיקן צו אַנטאָני קאַרניירי דעם בורנוס. און איך האָב מיר געקלערט: ווער קען גיין און דורכפירן דעם ענין פון איבערגעבן די מתנה? און ביי מיר אין הויז איז געווען אַ בחור אַ מאַראַן, קרישטאָפלי, און ער איז געווען אַ געטרייער, הגם אַ רך־לבֿ און ניט קיין אָנגעזעענער, — האָב איך באַשלאָסן צו שיקן אים. איז געקומען צו מיר אלדיקא און האָט צו מיר געזאָגט:

— קיין שום אַנדער מענטש וועט דעם מאָל ניט קענען אויפטאָן צו געפעלן דעם קיניג און דיר, נייערט איך.

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— אויב דו ווילסט שיקן דעם פערד צום קיניג, פאָדערט זיך, אַז דער מענטש, וואָס דורך אים וועסטו אים שיקן, זאָל זיין אַ שטאַרקער און אַ קלוגער, וואָס זאָל קענען צוטרעפן די רגע, ווען דער קיניג וועט אַרויסגיין פון זיין הויז אויף געיעג אין פעלד. דער שליח, וואָס דו וועסט אים שיקן, דאַרף זיין שטאַרק און ברענגען דעם פערד צום קיניג און זאָגן: „אָט איז די מתנה צו דיר פון דעם יידישן אינבאַשאַדאָר". און ער דאַרף נעמען אין זיין האַנט דעם כתב. און איצט זאָג איך דיר: אויב דו ווילסט, בין איך גרייט צו דיינע באַפעלן און איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך וויל, עמעצער זאָל מיר העלפן, אָבער איך האָב מורא פאַר די ערשטע מעשים, וואָס דו האָסט מיר אָפּגעטאָן.

און איך האָב אים ווייטער געזאָגט:

— דו וועסט גיין מיט קרישטאָפּלין, און איך וועל קיין שום זאַך פון מיינע דיר ניט געבן אין האַנט, דען אַלץ גיב איך איבער אין האַנט צו קרישטאָפּלי. און אויב דו וועסט גיין, וועסטו אים העלפן אין וועג, וואוהין ער וועט גיין, און דו וועסט טאָן אַלץ, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט פאַרן קיניג. און אויב דו וועסט טאָן אָט די זאַך, וועל איך דיר זיין צו הילף אין אַלע צייטן.

און אַזוי האָב איך געשריבן צום קיניג:

— היות איך האָב ניט געפונען קיין שום שיף צו גיין מיט איר, און איך שטיי אין טאַווילאַ, — ווייס איך ניט וואָס צו טאָן. און איך שיק צו דיר די דאָזיקע מתנה — מיין פערד מיט זיין גאַנצן געשפאַן. און נעפין פאַר מיר וועלכע עס איז פון דיינע שיפן. און זיי ווייסן, אַז איך האָב ניט באַקומען די דריי הונדערט דוקאַטן, וואָס דו האָסט געזאָגט און געשריבן קיין טאַווילאַ, מען זאָל מיר אין דיין נאָמען אַרויסגעבן.

און איך האָב איבערגעגעבן אין קרישטאָפּלים האַנט דעם פערד מיט אַלע זיינע מכשירים און דעם בורנוס און דעם כתב, וואָס איז געשריבן צום קיניג. און איך האָב אָנגעשריבן צוויי בריוו

צו אַנטאָני קאַרניירי. נאָכדעם האָב איך געזאָגט צו אלדיקא, ער זאָל גיין מיט קרישטאָפלי, און איך האָב אים געגעבן צען דוקאַטן אויף הוצאות־הדרך פאַר זיי און פאַר זייער פערד, און איך האָב זיי פאַרזאָגט, זיי זאָלן ניט רייטן אויפן פערד. און איך האָב אָנגעזאָגט דעם קרישטאָפלי אונטער פיר אויגן, ער זאָל זיין שטאַרק, און ער זאָל אָפּגעבן דעם בורנוס צו אַנטאָני קאַרניירי, און ער זאָל ניט גלויבן דעם אלדיקא. און אויב ער (אלדיקא) וועט גיין צום קיניג, זאָל ער (קרישטאָפלי) גיין צוזאַמען מיט אים. און איך האָב זיי אַוועקגעשיקט פון טאַווילאַ און זיי זיינען געגאַנגען צום קיניג.

און נאָכדעם ווי איך האָב זיי אַוועקגעשיקט, איז פון מיין הויז אַנטלאָפן דער קליינער כושי, און עס איז מיט מיר פאַרבליבן דער גרויסער כושי, וואָס איז געווען אַ רשע גמור, דען ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין מאַרק, פלעגט ער שלאָגן די קנעכט די קריסטן, און עס פלעגן צו מיר קומען די קריסטן און זאָגן: „דיין קנעכט האָט געזינדיקט קעגן אונז". ער פלעגט זיך מיט זיי קריגן פינוועגן זייערע זונות. און נאָכדעם איז אויפגעשטאַנען דער גרויסער כושי אויפן מייסטער דעם מאַראַן, וואָס מיט מיר אין הויז, און האָט געוועלט אים דערהרגענען ביים טיש. איך בין דענסטמאָל געווען אין אינעווייניקסטן חדר, און אַז איך האָב דערהערט די קולות, בין איך אַרויס דערוויסן זיך אַלץ. און איך האָב דערזען, ווי דער קנעכט שלאָגט דעם מאַראַן, וואָס ביי מיר אין הויז. האָב איך געהייסן בינדן אים (דעם כושי) מיט שטריק. און מען האָט געבונדן דעם קנעכט די הענט און די פיס, און איך האָב גענומען אַ גרויס שטיק האָלץ אין האַנט און האָב אים געגעבן קלעפּ אין קאָפּ ביז איך האָב צעבראָכן דעם האָלץ. דענסטמאָל האָב איך גענומען אַן אַנדער האָלץ און האָב אים ווייטער געשלאָגן. און נאָכדעם ווי איך האָב אים געמאַכט געשוואָלן זיין לייב, האָב איך געזאָגט צום מאַראַן:

— גיב אים הונדערט קלעפּ!

און מיר האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט אייזערנע קייטן און אים אַריינגעזעצט אין אַ פאַרשפאַרטן חדר. אַזוי איז ער דאָרטן אָפּ=

געוועזן צען טעג. נאָכדעם האָב איך אים אַרויסגעלאָזן און אָנגע־קליידט. ער איז געווען אַ פּאַסיקער און אַ שיינער קנעכט, אויך אַ העלד און האָט מיך זייער ליב געהאַט. און ער האָט ווידער אָנגעהויבן טאָן אַלץ אין הויז ווי פריער. און איך האָב געמאַכט אַ שלום צווישן אים און דעם מאַראַן דעם מייסטער.

ביי מיר אין הויז איז געווען שלמה לוי, אַ בחור אַ שיינער און אַ שטאַרקער און האָט גוט געקענט אַראַביש. און איך האָב אים אַוועקגעגעבן מיין אויבערמאַנטל און מיין אונטערשטן ראָק, וואָס זיינען געווען אַרומגענייט מיט שוואַרצן סאַמעט, וואָס איך האָב זיי געמאַכט פאַר זיך און וואָס זיי האָבן נייע געקאָסט פופצן דוקאַטן. האָט ער זיי אָנגעטאָן און אַרוים אין זיי אין גאַס, אין הויז פון זיינע קרובים די אַנוסים. און עס האָבן אים דערזען די מלשינים אין הויז פון די אַנוסים, ווי ער גייט פון הויז צו הויז און פיינט זיך פאַר די פרויען, — זיינען זיי אויף אים אויפגע־בראַכט געוואָרן און האָבן אויף אים געמסרט פאַרן ריכטער פון שטאָט, וואָס איז געווען אַ רשע, און זיי האָבן געזאָגט, אַז אין גאַנץ פּאָרטוגאַל טוט מען ניט אָן קיין קליידער, וואו עס איז דאָ זיידנס, — ניט קריסטן, ניט יידן און ניט מאַראַנען, — און ווער עס טוט עס אָן, לייגט דער קיניג אַרויף אויף אים אַ קנס פון פופציק דוקאַטן. און מען האָט פאַרהאַפט דעם שלמה הלוי, וואָס האָט געטראָגן מיינע קליידער, וואָס אין זיי איז געווען זיידנס.

אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געזאָגט צו שלמה בהן, ער זאָל גיין צום גרויסן שר, מיין חבר און פריינד, און מען זאָל באַפרייען שלמה לוי. און ער איז אַוועקגעגאַנגען. און מען האָט אים באַפרייט, נאָר זיינע קרובים די אַנוסים האָבן פאַר אים געדאַרפט ערוב זיין.

און נאָך פאַר דער מעשה מיט שלמה לוי האָב איך געשיקט צום גוטן גרויס־ריכטער מיין פריינד בתור מתנה גוטע קליידער, אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט אָננעמען. און ער איז געקומען צו מיר אין הויז, צוזאַמען מיט זיין סעקרעטער, און האָט געזאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט מיך מכבד זיין און פאַרשאַפן מיר אַ הנאה, איז טו אַ טובה אָט דעם סעקרעטער מיינעם.

און ער האָט מיט מיר ניט גערעדט ניט וועגן בגדים און ניט וועגן אַן אַנדער זאַך. און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— ער וועט ביי דיר זיין אַ משרת פאַר אַלע דיינע קנעכט.

און נאָכדעם איז געקומען צו מיר יענער סעקרעטער, אַ רשע גמור, און האָט געזאָגט צו מיר:

— אויב דו ווילסט, מאַך פאַר מיר אַ בגד פון דיין כבוד וועגן און ער זאָל זיין פאַר מיר צו אַן אָנדענק אויף תמיד.

און איך האָב געזאָגט צו שלמה כהן:

— גיי און זוך אויס פאַר מיר אַ שיינעם שוואַרצן בגד.

און ער איז געגאַנגען.

און איך האָב געקויפט אַ בגד פאַר פערצן דוקאַטן און האָב אים אַוועקגעגעבן יענעם סעקרעטער, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. נאָכדעם האָט עס דערהערט דער גרויס-ריכטער מיין פריינד, און ער איז געקומען צו מיר און האָט ביי מיר געפרעגט:

— וואָרעם האָסטו דאָס געטאָן? פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעגעבן דעם סעקרעטער אַזאַ טייערן בגד?

האָב איך אים געענטפערט:

— איך האָב דעם דאָזיקן כבוד אים אָנגעטאָן ניט פון זיי נעטוועגן, נייערט פון דיין כבוד וועגן.

האָט דענסטמאָל געזאָגט צו מיר דער ריכטער:

— איך האָב דיר ניט געזאָגט, דו זאָלסט אים געבן אַזעלכע טייערע בגדים.

נאָכדעם איז דער ריכטער מיין פריינד אַוועק צו זיך אַהיים. און ער פלעגט מיך איינאָרדענען און אויפפאַסן מיט אַלץ ווי אַ פאָטער אַ זון. און ער האָט געטאָן מיט מיר גרויס חסד אין אַלץ.

איינמאָל בין איך געגאַנגען צום ריכטער און אומגעריכט פאַר אים אַריין צו אים אין הויז, און דאָס הויז איז געווען פול מענטשן. ער האָט געהאַלטן אין דורכפירן צווישן זיי משפטים. ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַוועקגעלייגט אַלע זיינע ענינים, איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט זיך געשטעלט פאַר מיר. ער האָט אַרויסגעשיקט אַלע מענטשן אויף דרויסן און ביי אים אין הויז איז ניט

פאַרבליבן קיינער, מער ניט איך און ער אין זיין שלאָף־צימער. און איך האָב אַרויסגענומען צוואַנציק דוקאַטן און געזאָגט צו אים:

— פונוועגן מיין ליבשאַפט צו דיר נעם פון מיר די צוואַנ־ציק דוקאַטן בתורת מתנה, דען איך האָב געהערט, אַז דער קיניג שיקט נאָך דיר, דו זאָלסט גיין צו אים. בכן נעם עס אָן פון מיר אויף הוצאות הדרך.

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך וויל פון דיר ניט נעמען אפילו איין פרוטה.

און ער האָט געשוואָרן ביי גאָט, אַז ער וועט פון מיר אפילו איין פרוטה ניט נעמען.

און שלמה הלוי איז געווען מיט מיר, און ער איז געווען אַ מליץ צווישן מיר און אים.

און נאָכדעם ווי דער ריכטער האָט ניט געוועלט נעמען דאָס געלט פון מיר, האָב איך צו אים געזאָגט:

— איך האָב אַ גרויסן אייזערנעם מלבוש, פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס באַדעקט אויך די פינגער פון די הענט און פון די פיס, און אַ העלם אויפן קאָפּ און אויפן האַלז, און דער מענטש זעט זיך ניט, מערניט אין די אויגן. און איך האָב דאָס געקויפט פאַר דרייסיק דוקאַטן.

און איך האָב אים ווייטער געזאָגט:

— נעם אָט די מתנה, און איך וועל זי צו דיר שיקן.

האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אויב דער קיניג וועט דערהערן וועגן מיר די זאַך, וועט ער מיך טויטן. און איך האָב אין מיין לעבן ניט באַקומען קיין שום מתנה.

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז דו האָסט צוויי שיינע שווערדן.

האָב איך אים געענטפערט:

— יאָ, איך האָב עס. אויב דו וועסט אָננעמען איינעם פון די שווערדן און דעם אייזערנעם מלבוש פונוועגן מיין ליבשאַפט צו דיר, וועל איך שיקן אַלץ צו דיר, און דאָס וועט זיין צו אַ זכרון

צווישן מיר און צווישן דיר און צו אַ ליבשאַפט אַ שטאַרקער און אַן אייביקער.

האָט ער צו מיר געזאָגט:

— פונוועגן דער ליבשאַפט דיינער בין איך אַלץ מקבל, און דו וועסט מיר עס שיקן דורך שלמה הלוי, און מיין חבר וועט קומען צו דיר ביינאַכט.

און איך האָב מיך אומגעקערט אין מיין הויז צוריק צו שלום. און צו אָוונט־צייט האָב איך צו אים אַוועקגעשיקט די צוויי שווערדן און דעם גאַנצן אייזערנעם מלבוש, און איך האָב געזאָגט צו שלמה לוי:

— זאָג אים, ער זאָל נעמען איינעם פון די שווערדן, וואָס ער וועט באַגערן, און דעם אַנדערן זאָלסטו אָפּברענגען צוריק.

און ער האָט גענומען דעם בעסערן. און דעם מלבוש האָב איך געקויפט פאַר פופצן דוקאַטן, און עס איז ווערט געווען אין מיין לאַנד מער ווי הונדערט דוקאַטן. און שלמה לוי האָט זיך אומגעקערט צוריק מיטן אַנדער שווערד.

נאָכדעם האָב איך געשריבן אַ בריוו צום קיניג און האָב אים געגעבן אין האַנט דעם ריכטער מיין ליבן פריינד, און ער איז אַוועקגעגאַנגען צום קיניג.

די מעשה מיט שלמה הלוי, וואָס איז גענומען געוואָרן תפוס, איז געשען ערשט נאָכדעם ווי דער ריכטער מיין פריינד איז געווען אָפּגערייזט פון טאַווילאַ.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז געקומען אַן אַלטער ייד, ר' אברהם רות פון איסאַפי. ער איז געקומען איינשאַפן זיך כבוד ביי דעם קיניג פון פאָרטוגאַל, — דער קיניג זאָל אים באַשטימען איבער אַלע יידן[1]. און ער איז געקומען צו אונז קיין טאַווילא צוזאַמען מיט צוויי חברים. ער איז געקומען צו מיר אין הויז און האָט גערעדט מיט מיר. ער איז געווען אַ עניו מער פון אַלע יידן אין יענער מלכות, און ער האָט ניט געוועלט עסן ביי אונזער טיש און האָט געלאָזן בלויז זיינע חברים, זיי זאָלן עסן.

---

1) מאַראָקאָ איז דענסטמאָל געווען אונטערטעניק דעם קיניג פון פאָרטוגאַל.

ער איז געשטאַנען אין טאַווילא כמו אכט טעג און איז דערנאָך אַוועק צום קיניג.

נאָכדעם איז געקומען ר׳ יעקב סופר פון פעק. ער איז ניט געגאַנגען קיין פעק, און מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזן ניט אין זימור און ניט אין איסאַפי איבער דער פעסט, ווייל ער איז געווען אין ליסאַבאָנע, וואו עס איז געווען די פעסט. איצט איז ער געווען ניט ווייט פון טאַווילאַ, און מען האָט אים אַהין אויך ניט אַריינגעלאָזן. בין איך אַוועקגעריטן אויף אַ מוילאייזל און געקומען צו אים, און איך האָב גערעדט מיט אים פונדערווייטנס אין אַ פרוכט־גאָרטן.

און עס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך מיר אַלע לייט פון דער שטאָט.

און איך האָב געפרעגט ביי ר׳ יעקב הסופר:

— ביסטו געגאַנגען קיין פעק?

און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז ניט געגאַנגען און אַז ער האָט אָפּגעשיקט די פאָן און די זיגל־רינגען און די בריוו קיין פעק, און ער האָט צוגעגעבן:

— איך וויל גיין קיין פעק און וועל זיך אומקערן צו דיר אין צווייטן חודש.

נאָך דעם איז ער אַוועקגעגאַנגען אין זיין וועג. איך האָב מיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין הויז, נאָר ער האָט זיך צו מיר מער קיינמאָל ניט צוריקגעקערט.

און נאָכן אָפּרייזן פון מיין פריינד דעם גרויס־ריכטער (פון טאַווילאַ) איז אין מיטן פון די אַכט טעג אָנגעקומען אַן אַנדער ריכטער אויף זיין אָרט, אַ רשע גמור און אַ פריינד פון דאָן מיקעל. און אין דעם טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען, האָט ער געשיקט נאָך דעם (מאַראַן) קאַרבאַליאַ און נאָך שלמה לוי און אויך נאָך שלמה כהן און האָט געזאָגט צו זיי:

— וואָס פאַרברענגט דאָ נאָך דער יידישער אינבאַשאַדאָר? דער קיניג האָט אים געגעבן רשות צו פאַרברענגען דאָ בלויז צוויי חדשים, און ער שטייט שוין קרוב פיר חדשים? ער שטייט דאָ נאָר כדי צו מאַכן די מאַראַנען צוריק פאַר יידן, דען זיי פאַרברענגען ביי אים טאָג און נאַכט.

האָט אים קאַרבאַליאַ געענטפערט:

— דאָס איז ניט אמת, דער ער שטייט דאָ ביז עס וועט אים אָנקומען די תשובה פונם קיניג.

האָט (דער נייער ריכטער) געזאָגט צו דעם קאַרבאַליאַ:

— זאָג צו די חברים דיינע די מאַראַנען, זיי זאָלן ווערן קלינער און מער ניט אַריינגיין אין הויז פון דעם אינבאַשאַדאָר.

גם האָט ער באַפוילן די מענטשן, וואָס זיינען פאַר אים געשטאַנען, זיי זאָלן דאָס אויך פאַרזאָגן די מאַראַנען.

נאָך די רייד זיינען געקומען צו מיר קאַרבאַליאַ, שלמה כהן און שלמה לוי און האָבן מיר איבערגעגעבן דאָס אַלץ.

און ניט ווייט פון אונזער הויז איז פאַרהאַן אַ שכן רע, אַ רשע צו גאָט און צו לייט, און ער איז אַ חבר פון דאָן מיקעל, — און ער שרייבט אַלע וואָך צום קיניג און צו דאָן מיקעל וועגן אונזערע רייד און אינזערע מעשים. און ער האָט איבערגעגעבן צו דאָן מיקעל, אַז די מאַראַנען קומען אַריין צו מיר אין הויז.

האָב איך באַרעכנט צו שיקן צום קיניג אַ שליח מיוחד אַ לויפער מיט אַ בריוו. און איך האָב אָנגעשריבן דעם בריוו צום קיניג. האָט געזאָגט צו מיר שלמה הלוי:

— איך וועל גיין.

בינו לבינו האָט זיך צוריקגעקערט קרישטאָפלי אָן דעם כתב פון קיניג, נייערט מיט אַ כתב פון דעם קענער פון אַראַביש און מיט אַ בריוו פון אַ מאַראַן פון סאַנטירין. און זיי האָבן מיר דערציילט פון אלדיקא און פון אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט צוגענומען פון קרישטאָפלים האַנט דעם בורנוס און האָט אים אַליין אָנגעטאָן. אויך האָט ער צוגענומען פון אים אַלע כתבים און דעם גאַנצן געשפאַן פון פערד. און קרישטאָפלי איז אַוועקגעגאַנגען צום קענער פון אַראַביש און זיי זיינען געגאַנגען זוכן דעם אלדיקא און זיי האָבן ניט געזען אין דער מדינה ניט אים ניט דעם פערד. האָבן זיי נאָכגעיאָגט נאָך אים און האָבן אים דערזען אין אַ וואַלד אַ פרוכטגאָרטן. דאָרטן האָט ער געהאַט באַהאַלטן דעם פערד, ווייל ער האָט געוועלט גיין קיין ליסאַבאָנע אים פאַרקויפן. זיינען געקומען דער קענער פון אַראַביש און קרישטאָפלי און האָבן אָפּגענומען פון

אים דעם פערד אַ הוילן אָן געשפאַן, און אלדיקא אַליין איז אַנטלאָפן. און זיי האָבן איבערגעגעבן דעם פערד, ווי ער שטייט און גייט צום קיניג, און דער קיניג האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער מתנה. קיין תשובה האָט אָבער דער קיניג ניט געשריבן, נאָר ער האָט געזאָגט צום קענער פון אַראַביש: „איך וועל שרייבן און וועל טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס ער וועט וועלן". אָבער ער האָט עס ניט געטאָן.

און קרישטאָפלי איז געקומען צו מיר מיט ליידיקן. און בעת ער איז געקומען, האָב איך געשיקט דעם שלמה הלוי און האָב אים געגעבן צען דוקאַטן אויף הוצאות. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך וויל, קרישטאָפלי זאָל מיט מיר מיטגיין.

און איך האָב אים געגעבן דעם שיינעם שווערד מיינעם, וואָס האָט געקאָסט דרייסיק דוקאַטן, און זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען צום קיניג. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— איר זעט, ווי איך שטיי? קערט זיך אום צוריק וואָס גיכער.

און איך האָב זיי געגעבן צוויי בריוו: איינעם צום קיניג און איינעם צו אַנטאָני קאַרניירי. און איך האָב באַפוילן שלמה הלוי, ער זאָל אָפּנעמען פון אלדיקא דעם בורנוס.

און ווי זיינען אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען צום קיניג.

נאָך דעם האָט דער נייער ריכטער אָנגעהויבן מאַכן אַלע טאָג בילבולים אויף די אַנוסים, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איר ווילט ווערן צוריק יידן!

און זיי האָבן איבערגעלעבט שרעק און ציטער אין די הערצער.

אויך האָט ער באַפוילן מענטשן נאָכצושפּירן און אונטערצו־זוכן די אַנוסים, צי זיי קומען אין מיין הויז אַריין צי ניין. און הקדוש־ברוך־הוא האָט זיי און מיר געטאָן גענאָד, וואָס ער (דער ריכטער) האָט קיין שום מאַראַן ניט געקענט טאָן קיין שלעכטס.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז געקומען צו מיר אין הויז דער נייער ריכטער מיט אַלע זיינע משרתים, — און איך האָב נאָך אין בעט געשלאָפן, דען איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געלייענט און

האָב געשלאָפן אין פרימאָרגן. איז אַריין צו מיר שלמה כהן און האָט געזאָגט:

— דער ריכטער דער אָרור איז איצט אין גרויסן חדר.

האָב איך געזאָגט צו שלמה:

— רוף צו קאַרבאַליאַ.

און קאַרבאַליא איז צו מיר געקומען. און איך האָב געזאָגט צו אים:

— זאָג דעם ריכטער, ער זאָל וואַרטן און זיצן אין דעם חדר ביז איך וועל זיך אָנטאָן און וועל אַרויסגיין צו אים.

און איך האָב מיך אַרומגעוואַשן מיט וואַסער, און דער מייסטער האָט מיר אָנגעטאָן מיינע קליידער, — און איך בין אַרויס צום ריכטער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ כתב פון קיניג. ער האָט פאָרגעלייענט פאַר מיר דעם כתב און דאָרטן איז אַזוי געשטאַנען:

„תיכף ווי דער דאָזיקער כתב מיינער וועט אָנקומען אין דיין האַנט, זאָלסטו אַרויסשיקן דעם אינבאַשאַדאָר. אויב דו וועסט זען אַ שיף אין טאַווילאַ, זאָל ער גיין מיט איר, און אויב דו וועסט ניט געפינען אין טאַווילאַ, זאָלסטו גיין מיט אים קיין לאַגאָ און אויסזוכן פאַר אים שנעל אַ שיף אין לאַגאָ און זאָלסט אים ניט פאַרהאַלטן.

און איך האָב ניט געגלויבט דעם ריכטער, אַז ער לייענט עס יענעם כתב, און איך האָב געזאָגט:

— גיב מיר דעם כתב!

און ער האָט מיר אים געגעבן, און קאַרבאַליאַ האָט מיר אים פאָרגעלייענט אויף לשון הקודש. נאָכדעם האָט צו מיר געזאָגט דער ריכטער דער רשע:

— גלויב מיינע רייד, אַז איך טו ניט קיין שום זאַך פון אייגענעם האַרצן, נייערט לפי דעם באַפעל פון קיניג. און דו זע, וואָס דו האָסט נאָך דאָ פאַר עסקים, און פיר זיי דורך ביז איך וועל קומען אין מיין הויז — אין משך פון אַ שעה. און איך וועל דיר שיקן פינף מוילאייזלען און אַ פערד פאַר דיר צו רייטן אויף אים.

נאָכדעם האָט ער דערזען דעם קנעכט מיינעם דעם כושי, און ער האָט ביי אים געפרעגט:

— דו ביסט אַ מחמדאַנער אָדער אַ קריסט?

האָט דער קנעכט אים געענטפערט:

— איך בין אַ קריסט.

און נאָך די דאָזיקע רייד האָט ער צוגענומען דעם קנעכט דעם כושי פון מיין הויז און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. און איך האָב אים קיין וואָרט ניט גערעדט.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אַלע אונזערע זאַכן. און אויב עס איז ביי אונז עפּעס פאַרבליבן, וואָס מיר קענען ניט טראָגן, האָבן מיר עס אָפּגעגעבן צו קאַרבאַליאַ. אויך האָב איך אים אָפּגעגעבן דעם זיידענעם בגד, וואָס ר׳ יחיאל פון פּיסאַ האָט מיר געגעבן, דען ער האָט מיר געדינט זײַט מיין אָנהייב זיין אין דעם גליל און ביז איצט. גם האָב איך גערופן צו פּיראַנטינע און זיין ווייב, וואָס איך בין געשטאַנען אין זיין הויז און וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן גרוים כבוד, און איך האָב אים געגעבן אַ שיינעם שווערד און זיין ווייב האָב איך געגעבן זעקס גאָלדערנע רינגען און איין דימענט איינגעפּאַסט אין גאָלד, — און דאָס אַלץ האָט געקאָסט צוואַנציק דוקאַטן. אויך האָב איך איר געגעבן אַ שיינעם נייעם לייבראָק מיט פּערל, ווערט צען דוקאַטן, — פאַר דעם חסד, וואָס זיי האָבן אונז געטאָן, פאַר די הוצאות, וואָס זיי האָבן פאַר אונז געמאַכט דעם ערשטן מאָל בעת מיר זיינען געקומען אַהער קיין טאַווילאַ. און זיי האָבן ניט געבעטן ביי אונז קיין זאַך. און איך האָב זיי געגעבן דאָס אַלץ. אויך האָב איך איר געגעבן דריי זיידענע קליי־דער, וואָס אין שטיקער האָבן זיי געקאָסט צען דוקאַטן.

נאָכדעם האָט דער ריכטער געשיקט די מוילאייזלען צו טראָגן מיינע אַלע זאַכן. און ער האָט מיר געגעבן זייער אַ שלעכטן פּערד. האָב איך ניט געוואָלט רייטן אויף אים, און איך בין גע־גאַנגען צופוס דורך דער שטאָט ניט ווייט פונם ריכטערס הויז. און דער ריכטער האָט דערהערט, אַז איך גיי צופוס און אַז איך האָב ניט געוואָלט דעם פּערד, — איז ער געקומען צו מיר און האָט מיר גע־

געבן דעם פערד, וואָס ער איז אַליין אויף אים געריטן, און ער האָט געריטן צוריק אויף אַ מוילאייזל.

און אַלע אַנוסים האָבן זיך מצער געווען און האָבן געוויינט, מאַנסבילן, ווייבער און קליינע קינדער.

און מיר האָבן געצויגן פון טאַווילאַ אין האַלבן טאָג.

און עס איז געקומען דער ריכטער דער אָרור מיט אַלע זיינע משרתים, און מיין קנעכט, וואָס זיי האָבן אים פון מיר אָפּגענומען, איז אויך געווען מיט אים. און מיט מיר איז מיטגעגאַנגען קאַרבאַליאַ מיטן אַלטן מאַראַן און מיט דעם מאַראַן דעם מייסטער, און שלמה כהן.

ווען מיר זיינען אין יענער נאַכט אָנגעקומען קיין פאַראָ, האָט (דער ריכטער) ניט געוואָלט, מיר זאָלן אַריין אין אַ הויז פון אַנוסים, נייערט אין אַ הויז פון קריסטן. און דער קריסט (וואָס צו אים זיינען מיר אַריין) איז געווען אַ נכבד און ער האָט פאַר אונז איינגעאָרדנט אַ שיינעם חדר און אַ בעט און אַלץ וואָס נייטיק איז. און מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט ביז אינדערפרי.

און יענער ריכטער האָט געשיקט צו מיר, — און איך האָב דעמסטמאָל געהאַלטן אין תפילת שחרית, — און דער שליח איז געווען קאַרבאַליאַ, — און ער האָט געזאָגט צו מיר, מיר זאָלן זיין אין דעם הויז ביז ער וועט גיין קיין לאַגאָ אויסזוכן פאַר אונז אַ שיף און וועט זיך אומקערן צוריק. און יענער ריכטער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט מיטגענומען מיט זיך מיין קנעכט דעם כושי, — און מיר האָבן פאַרבראַכט אין הויז פון יענעם קריסט כמו אַכט טעג.

און עס זיינען געקומען אַ סך אַנוסים פון טאַווילאַ מיך באַזוכן אין הויז פון דעם קריסט, און זיי האָבן ביי מיר געפרעגט שאלות, און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— האָט איבער מיר קיין פחד ניט, זאָרגט ניט און זייט פעסט און קלוג אין אייערע מעשים, דען השם־יתברך גייט מיט מיר און ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן וועג צו דער דאָזיקער מצווה און האָט אויסדערוויילט פאַר מיר אַ גוטן וועג.

דערנאָך איז געקומען דער ריכטער פון לאַגאָ, האָט געשיקט נאָך קאַרבאַליאַ און געזאָגט:

— גייט קיין לאַגאָ, דען דאָרטן איז פאַרהאַן אַ שיף, וואָס גייט קיין ליוואָרנאָ. און איך האָב באַפוילן די דיינים, זיי זאָלן אַלץ איינאָרדענען פאַר אייך. און איך וועל קומען נאָך אייך.

און עס איז געקומען צו מיר קאַרבאַליאַ פון דעם ריכטער און האָט מיר דערציילט די אַלע רייד. און מיר האָבן תיכף אָפּ־געררייזט אין אַ שלאַקסרעגן מיט אַלע מיינע זאַכן. און עס זיינען מיט מיר מיטגעגאַנגען די אַנוסים קאַרבאַליאַ, דער זקן און דער שניידער־מייסטער.

און מיר האָבן געצויגן פון פאַראָ, און מיר זיינען אָנגעקו־מען ביינאַכט אין אַ דאָרף אויפן ברעג פון ים־הגדול (מיטללענדי־שער ים). און איך בין געקומען אין איין מחנה נאָענט צום טויער פון שטאָט, און מען האָט אַראָפּגענומען די זאַכן אין דער מחנה און די פערד. מיר זיינען געשטאַנען ביי אַ האַלב שעה. און עס זיי־נען געקומען צו מיר צוויי ריכטער, חשובע לייט. און אַלע מענטשן פון יענעם דאָרף זיינען געווען זייער חשובע לייט.

און די דאָזיקע ריכטער האָבן געזאָגט צו מיר:

— מיר האָבן איינגעאָרדנט פאַר דיר אַ שיינע דירה. קום מיט אונז.

בין איך מיט זיי געגאַנגען, און אַלע מיינע זאַכן האָב איך איבערגעלאָזן אין דער מחנה. איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער דירה, — אַ שיינע דירה מיט אַ טיש. און עס איז געקומען שלמה כהן און האָט מיר מסדר געווען דעם טיש. און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דער מחנה, וואו עס האָבן זיך געפונען די זאַכן. און מען האָט מיר איינגעאָרדנט אַ שיינע בעט, און איך האָב געשלאָפן אין יענער וואוינונג צוזאַמען מיט די אַנוסים קאַרבאַליאַ און דעם מייסטער. און דער אַלטער אָנוס מיט שלמה כהן זיינען געווען אין מחנה ביז פרימאָרגן.

און איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין בעט, געוואַשן זיך און אָנגעטאָן מיינע קליידער און געשטעלט זיך מתפלל זיין. מיר זיי־

נען געווען אין אינעווייניקסטן חדר, און אין גרויסן חדר, וואָס צום דרויסן, זיינען געקומען אַלע מענטשן פון יענעם דאָרף מיט די ריכטער, קליינע קינדער און ווייבער. און נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט מתפלל זיין, בין איך אַרויסגעגאַנגען צו זיי און זיי האָבן ביי מיר געבעטן:

— אונזער ווילן איז צו זען די פאָנען.

האָב איך געזאָגט צו שלמה הכהן און צו קאַרבאַליאָ:

— ווייזט זיי די פאָנען.

און זיי האָבן געבראַכט די פאָנען און זיי פונאַנדערגע־וויקלט, — און מען האָט זיי זייער געלויבט.

נאָכדעם האָט מען געבראַכט די פערד, — האָב איך מיך געזעצט רייטן און בין אַרויסגעגאַנגען פון יענעם דאָרף. און עס זיינען אַרויסגעגאַנגען נאָך אונז אַלע מענטשן פון דאָרף.

מיר האָבן דערגרייכט ביז צו אַ גרויסן און מעכטיקן טייך, און מיר האָבן באַצאָלט די בעלי־בתים פון די מויל־אייזלען זייער שכר, און זיי האָבן אַריינגעבראַכט די משאות פון מיינע זאַכן אין שיף אַריין און זיי האָבן זיך אומגעקערט. און מיר זיינען געגאַנ־גען מיט יענער שיף צו דער שטאָט, וואָס איז נאָענט צום טייך, און איר נאָמען איז ווילאַ נאָוואַ, און זי איז אַ גרויסע שטאָט. מען האָט אַרויסגענומען אַלע זאַכן, און איך בין אויך אַרויס פון שיף. און עס זיינען געקומען מיך באַזוכן אַלע מענטשן פון דער שטאָט, קליינע קינדער און ווייבער, אויך די ריכטער.

און דער ריכטער דער רשע גמור האָט געשריבן צו די ריכטער פון ווילאַ נאָוואַ און פון לאַגאָ און האָט זיי באַפוילן:

— איר זאָלט אים ניט אַריינלאָזן אין אַ הויז פון מאַראַנען, נייערט אין אַ קריסטלעך הויז. און איר זאָלט שטרענג אַכטונג געבן אויף די מאַראַנען, זיי זאָלן ניט גיין צו אים. און איר זאָלט נאָכשפּירן און נאָכזוכן די מאַראַנען, צי זיי גייען ניט געהיים צו אים.

און נאָך דעם איז געקומען דער ריכטער פון דער שטאָט און האָט מיטגעשיקט מיט אונז זיינע משרתים אין אַ לאַגערהויז פון אַ קריסט אויסער שטאָט. און מיר זיינען ניט אַריין אין שטאָט.

און דאָך — זיינען געקומען אַלע מענטשן פון דער געגנט

און אונז נאָכגעיאָגט ביז צו יענעם לאַגער־הויז. און זיי האָבן אַריינ־געטראָגן אַלע זאַכן אין יענעם לאַגער־הויז אַריין. און עס זיינען געקומען צו מיר פיר אַנוסים פון ווילאַ נאָוואַ, און איך האָב גע־זאָגט צו זיי:

— גייט זיך אייך לשלום, — פונוועגן אָט דעם רשע.

און מיר זיינען געשטאַנען אין דער דאָזיקער מחנה די נאַכט אויף דאָנערשטאָג, און בעת איך האָב אין יענער נאַכט געשלאָפן, זיינען געקומען די ריכטער און האָבן שטרענג געזוכט אין הויז, וואָס איך שלאָף אין אים, צי עס זיינען דאָ ניטאָ קיין מאַראַנען. איך האָב גאָר ניט געוואוסט פון זייער קומען, דען קאַרבאַליאַ און שלמה כהן האָבן מיר דאָס דערציילט ערשט נאָכדעם, ווי יענע זיינען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. דען ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז זיי זיינען געקומען ביי מיר זוכן, וואָלט איך זיי געגעבן שלעג. איך האָב אָבער גאָרניט געהערט. און גם זו לטובה!

אינדערפרי האָבן די ריכטער געבראַכט אונז מוילאייזלען און זיי האָבן מיר געגעבן אַ פערד, און איך האָב אויף אים געריטן.

מיר האָבן געצויגן פון ווילאַ נאָוואַ און זיינען געקומען קיין לאַגאָ. און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער און אַלע מענטשן פון דער שטאָט, קליינע קינדער און ווייבער. און דערנאָך האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ הויז פון קריסטן מיט אַלע אונ־זערע זאַכן.

און עס זיינען געקומען צו מיר אין הויז די ריכטער און האָבן געוואָלט זען די פאָנען. און איך האָב זיי זיי געוויזן, און זיי האָבן זייער און זייער געלויבט די אומגעווייינלעכע פאָנען. און אַלע גדולים און אַלע שרים זיינען געקומען זען זיי. און די ריכטער האָבן צו מיר געזאָגט:

— זע דעם כתב פון דעם ריכטער דעם רשע, וואו ער באַ־פעלט, עס זאָלן ניט אַריינקומען צו דיר קיין מאַראַנען.

און איך האָב זיי געענטפערט:

— איך האָב ניט קיין באַגער ניט אין אַנוסים, ניט אין קריסטן, און ביי מיר איז קיין שום חילוק ניט צווישן דעם און דעם. ווען זיי קומען — זאָלן זיי קומען, ווען זיי זיך צוריק־

קערן — זאָלן זיי זיך צוריקקערן, — איך רוף זיי ניט און איך מייד זיי ניט אויס.

נאָכדעם זיינען די ריכטער אַוועקגעגאַנגען זייער וועג.

מיר האָבן (אין לאַגאָ) פאַרבראַכט כמו אַכט טעג. און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער און האָבן געזאָגט:

— דו וועסט גיין מיט דער דאָזיקער שיף פון כוסקאייני[1], דען זי גייט אָפּ מאָרגן.

האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איך וועל באַטראַכטן די זאַך ביז האַלבן טאָג און וועל אייך געבן אַ תשובה.

נאָכדעם זיינען געקומען צו מיר קריסטן און אנוסים און האָבן מיר געזאָגט:

— בשום אופן זאָלסטו ניט גיין מיט דער דאָזיקער שיף, דען זיי זיינען מערדער, זיי קווילענען די מענטשן, וואָס טרויען זיך אין זיי אָן.

און אַז עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער, האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איך וויל בשום אופן ניט גיין מיט דער דאָזיקער שיף.

האָבן זיי מיר געזאָגט:

— דו וועסט גיין מיט זיי, מיט געוואַלד וועסטו גיין!

און איך האָב זיי געענטפערט:

— איך וועל ניט גיין בשום אופן אין דער וועלט!

זיינען די ריכטער אַוועק פון מיר אין כעס. און קאַרבאַליאַ איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צו מיר און האָט געזאָגט:

— איך האָב פון די ריכטער רשות גענומען, דו זאָלסט רייטן שנעל אויפן פערד און מיר זאָלן ביידע, איך און דו, גיין צום ריכטער דעם רשע, דען ער איז אין דעם דאָרף, וואָס מיר זיינען אים געזעסן אויפן ברעג ים אין מיטן וועג.

און אַזוי בין איך אַרויס פון הויז. מען האָט מיר געגעבן

---

1) אומבאַקאַנטער אָרט.

אַ פערד און איך האָב אויף אים געריטן, און קאַרבאַליאַ האָט גע־
ריטן אויף זיין פערד. און מיר זיינען אַוועק מיט אַ געלויף. מיר
זיינען שוין געווען אָפּגעגאַנגען צוויי מייל ווייט פון לאַגאָ און איך
האָב געהאַלטן אין ריידן מיט קאַרבאַליאַ, — און מיט אַמאָל האָב
איך הינטער זיך דערזען, אַז די ריכטער יאָגן נאָך מיר נאָך מיט
אַ מחנה פון מער ווי הונדערט מענטשן. און מיר האָבן זיך אָפּ־
געשטעלט און געוואַרט ביז די ריכטער זיינען צוגעקומען צו אונז.
און זיי האָבן גענומען ריידן מיט קאַרבאַליאַ מיט כעס און ער האָט
גערעדט מיט זיי מיט ווערדע און זיין האַרץ איז געווען ווי ס׳האַרץ
פון אַ לייב. און איך האָב געלאַכט ביי מיר אין האַרצן. איך האָב
געטראַכט, אַז דאָס איז אַ גאָט־זאַך, דען איך האָב קיין רצון ניט
צו גיין צום גרוים־ריכטער, נאָר איך האָב געטאָן אַלץ לפי דעם
רצון פון קאַרבאַליאַ און פון מיינע דינער, איך האָב מבטל גע־
מאַכט מיין רצון פאַר זייער רצון. און נאָכדעם האָב איך געפרעגט
ביי קאַרבאַליאַ:

— וואָס האָסטו גערעדט מיט זיי און צוליב וואָס זיינען זיי
געקומען?

האָט ער מיר געענטפערט:

— זיי האָבן נאָכגעיאָגט נאָך אונז און האָבן געזאָגט: „איר
זאָלט זיך אומקערן מיט אונז און גיין מיט אָט דער שיף על כל
פנים״.

האָב איך געענטפערט דעם קאַרבאַליאַ:

— גוט, מיר גייען.

און איך האָב מיך אומגעקערט צוריק מיט זיי, און מיין
האַרץ האָט זיך געפרייט מיט מיין צוריקקער.

קאַרבאַליאַ האָט זיך געשראָקן פאַר די ריכטער, אַ ציטער און
אַ שוואַכקייט איז אים אַריין אין האַרצן, דען זיי האָבן געזאָגט
צו אים:

— דו ביסט עס דער אויפטוער פון אַלץ. דען אַלץ, וואָס
דו זאָגסט דעם אינבאַשאַדאָר, דאָס טוט ער. און מיר וועלן דיר
פאַרהאַפטן און אַריינגעבן דיך אין געפענגעניש.

און קאַרבאַליאַ האָט מיר דערציילט די אַלע רייד. און איך האָב אים געענטפערט:

— האָב קיין פאָרכט ניט און קיין שרעק, דען איך וועל דיך אויסלייזן מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

און נאָכדעם זיינען מיר געגאַנגען מיט זיי, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין לאַגאָ. און זיי האָבן געזאָגט צו קאַרבאַליאַ, ער זאָל ניט אַריינגיין אין מיין הויז, — און איך ווייס גאָרניט און הער ניט. און איך בין אַריין אין מיין הויז, און פאַר מיר שטייען צוויי ריכטער. האָב איך געפרעגט:

— ניטאָ קאַרבאַליאַ?

האָבן זיי געזאָגט:

— ער געפינט זיך ערגעץ אין אַ הויז.

און איך האָב געשיקט נאָך אים אַ שליח נאָך אַ שליח, און ער איז ניט געקומען.

דענסטמאָל האָב איך אָנגענומען די צוויי ריכטער פאַר די הענט און בין מיט זיי געגאַנגען, בין פון הויז אַרויס און האָב געזאָגט:

— איר זאָלט מיר ווייזן דאָס הויז, וואָס קאַרבאַליאַ זיצט אין אים!

און זיי האָבן מיר געוויזן. און איך בין אַריין מיט זיי אין יענעם הויז, און נון — ער איז אין אַן אַנדער הויז אַוועק. נאָר תיכף ווי ער האָט דערהערט, אַז איך בין געקומען זען אים, איז ער צו מיר געקומען, און איך האָב געמאַכט שלום צווישן אים און די ריכטער, דען איך האָב צו זיי געזאָגט:

— היות איך בין אַליין און איך קען ניט אייער לשון, און דער זקן שלמה כהן איז טויב און איר פאַרשטייט ניט, וואָס ער רעדט, — איז מיר צו הילף קאַרבאַליאַ, דען ער קען מיין לשון און איר פאַרשטייט, וואָס ער רעדט צו אייך, און ער האָט מיר באַדינט פאַרן פנים פון דעם מלך פאָרטוגאַל זינט דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין פאָרטוגאַל, ביז צום היינטיקן טאָג. גם צאָל איך אים חודשדיקע שכירות, און ער דינט מיר ניט בחנם, נייערט פאַר געצאָלט.

און נאָכדעם איז אַריינגעקומען מיט מיר קאַרבאַליאַ אין הויז, און איך האָב געקויפט פאַר אים דעם טאָג אַ נייעם גרויסן ראָק און אַ נייעם אויבערמאַנטל, אויך נייע זאָקן, און איך האָב אויסגעגעבן אויף זיי פופצן דוקאַטן. גם האָב איך אים געגעבן אַ נייעם גרויסן שווערד, וואָס האָט געקאָסט צען דוקאַט. און אַלע ריכטער האָבן דאָס געזען.

דענסטמאָל האָבן זיי מסכים געווען, איך זאָל גיין מאָרגן, אָבער מיט אָט דעם שיף פון כוסקאַייני על כל פנים.

אין יענער נאַכט איז געקומען צו מיר קרישטאָפלי פונם קי־ניג מיט אַ קיניגלעכן כתב. און אין דעם כתב איז אַזוי געשטאַנען:

„איך האָב דיר געגעבן רשות צו פאַרבלייבן דאָ אין לאַנד צוויי חדשים, און דו האָסט פאַרבראַכט דאָ פיר חדשים, און גע־זעסן ביסטו אַזוי לאַנג, בכדי צו פאַרוואַנדלען די מאַראַנען צוריק אין יידן. אַלע וואָך קומען אָן צו מיר בריוו פון די ריכטער פון טאַווילאַ, און אַלע מעשים דיינע מיט די מאַראַנען ווייס איך גוט, דען איך האָב געזען דאָ, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר אין די אויגן, היינט וויפיל טוסטו שוין הינטער מיין רוקן. נאָר איך האָב ניט געוואָלט דיר טאָן קיין שלעכטס, דען דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביסט געקומען נאָר פונוועגן דיין ליבשאַפט צו מיר און צוליב מיין נוצן, און מחמת דעם האָב איך ניט צוגעהערט צו קיין שום מענטשן, וואָס האָט גערעדט בייז כנגד דיר, און איך זאָג דיר: גיי בשלום, קער זיך אין דיין לאַנד צוריק. און תיכף ווי עס וועט אָנקומען צו דיר מיין כתב, זאָלסטו גיין בשלום און ניט פאַרהאַלטן זיך".

און אין דער זעלבער נאַכט, ווען עס האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר קרישטאָפלי, איז צוזאַמען מיט אים געקומען יהודה פיראַנטי פון איסאַפי און האָט מיר אָפּגעגעבן צען דוקאַטן פון די וועקסעלנע ליכט.

אויך האָט קרישטאָפלי מיר געגעבן אַ בריוו פון דעם קענער פון אַראַביש. און אין יענעם כתב איז אַזוי געשטאַנען:

„דאָס אַלץ האָט אָפּגעטאָן דאָן מיקעל. דער קיניג ווייס פון גאָרניט; ער האָט נאָר אונטערגעחתמעט מיט זיין האַנט, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, וואָס אין אים (אין כתב) איז אָנגעשריבן. אַזוי־

איז שוין דער מנהג פונם מלך פּאָרטוגאַל. דען אַלץ וואָס איז אין האַנט פון קיניג — איז אין האַנט פון דעם דאָן מיקעל, וואָס איז דער גאַנצער פירער. און ער האָט עס געשיקט דעם ריכטער דעם רשע, און געשיקט האָט ער אים בלויז פונדיינעטוועגן. דער קיניג אָבער האָט דיר געטאָן גרויס חסד, דען ער האָט דיר ניט געטאָן קיין שלעכטס און האָט ניט אָנגענומען קיין שום שלעכטע רייד אויף דיר, — און נאָר דאָן מיקעל האָט גערעדט מיטן קיניג טאָג און נאַכט כנגד דיר. און איך האָב ניט געקאָנט טאָן פאַר דיר קיין שום זאַך איבער דעם דאָן מיקעל, דען ער איז געשטאַנען תמיד פאַרן פנים פונם מלך פּאָרטוגאַל. און אַנטאָני קאַרניירי האָט ניט געוואָלט שרייבן אַן אַנדער כתב פונוועגן די דריי הונדערט דוקאַטן, וואָס דו האָסט ניט באַקומען. איך האָב גערעדט מיטן קיניג, ער האָט אָבער מיר ניט געענטפערט קיין וואָרט. און בשעת ער האָט באַקומען דעם פערד, האָט ער מיר געזאָגט גוטע ווערטער וועגן דיר. און נאָכדעם האָט דאָן מיקעל אים אומגעקערט צו זיך און איך האָב ניט געקענט טאָן קיין זאַך. און דו גיי זיך דיר דיין וועג לשלום, און האַלט זיך ניט אויף, דען עס זיינען פאַראַן אַ סך מלשינים כנגד דיר און זיי שרייבן צום קיניג און צו דאָן מיקעל קעגן דיר. אַלע וואָך קומען פון טאַווילאַ צום קיניג בריוו מיט בייזע רייד אויף דיר. און איך האָב געזען, אַז דער קיניג איז אויף דיר אין צאָרן. איז דאָס מיין עצה, דו זאָלסט גיין און זיך ניט מעכב זיין. דו ביסט דאָך אַ חכם און ווייסט וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן".

און עס איז צו מיר געקומען אַ דריטער בריוו פון שלמה לוי, וואָס קרישטאָפלי האָט געבראַכט. ער (שלמה לוי) איז געשטאַנען פאַרן קיניג, און מיין שווערד איז פאַרבליבן אין זיין האַנט. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעפאָרן פון מיר פון טאַווילאַ, האָבן זיינע קרובים די אנוסים איינגעלייגט פאַר אים פופציק דוקאַטן ערבותגעלט און זיי האָבן געמאַכט אַ פשרה מיטן ריכטער. און עס זייגען געקומען צו מיר זיינע קרובים די אנוסים און האָבן געזאָגט:

— עס איז בעסער עפּעס צו שיקן צום ריכטער און ניט צום קיניג.

און זיי האָבן פאַרלאַנגט פון מיר צען דוקאַטן. און איך האָב זיי עס געגעבן פונוועגן דעם קנס פאַר שלמה לוי הנ״ל.

און אין בריוו, וואָס שלמה הלוי האָט צו מיר געשיקט, איז געשטאַנען, אַז ער האָט געטאָן מיט אַלע זיינע כוחות און גערעדט מיטן קיניג פיל מאָל, נאָר ער האָט אים גאָרנישט געענטפערט, און אַז ער האָט גערעדט מיט אַנטאָני קאַרניירי, נאָר יענער האָט אים אויך גאָרניט געענטפערט. אויך האָט ער זיך געקריגט מיט דאָן מיקעל. גם האָט ער אויסגעזוכט אלדיקא דעם משומד, אָבער ער האָט פון זיין האַנט ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען אפילו אַ פרוטה פונם געשפּאַן, וואָס ער האָט פאַרקויפט, און פון די געלט פאַרן בורנוס. די אנוסים אין קורוצא האָבן אים דערציילט, אַז בשעת אלדיקא האָט געזאָלט גיין אין דער שליחות קיין קוימורא (קאָימ־בראַ), האָט ער געוואָלט גיין קיין ליסאַבאָנאַ פאַרקויפן דעם פערד און צונעמען אַלץ, נאָר די אנוסים פון קורוצא האָבן אים אומגעקערט צוריק קיין קוימורא, — און זיי זיינען עס געווען די סיבה, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט צוריק. —

— און איך האָב פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט אַרויס־באַקומען. האָב איך געשיקט צו דיר קרישטאָפלין מיט אַ געלויף, בכדי דו זאָלסט וויסן וואָס צו טאָן. און איך שטיי דאָ פאַרן קיניג און וואַרט אויף זיין תשובה.

בעת איך האָב אין יענער נאַכט באַקומען די דאָזיקע דריי בריוו, איז קאַרבאַליאַ דער מאַראַן געווען ביי מיר. איך האָב גע־שלאָפן ביז פרימאָרגן. דענסטמאָל בין איך צוזאַמען מיט קאַרבאַליאַ און שלמה כהן געגאַנגען צום גרעסטן ריכטער זייערן און איך האָב געזאָגט:

— מיין ווילן איז צו גיין. אָבער די לייט פון דער שיף, וואָס דו האָסט געזאָגט, מיר זאָלן גיין מיט איר, — זיינען בלוט־פאַרגיסער. און אַלע קריסטן זאָגן מיר, איך זאָל ניט אַרויסטרעטן אויף איר און איך זאָל מיט איר ניט גיין. עס וועט ניט וואוילגע־פעלן זיין אין די אויגן פון דעם קיניג, אויב דו וועסט מיך אי־בערגעבן אין די הענט פון בלוטיקע און פאַלשע לייט, וואָס זיינען אונז אייביקע דם־שונאים. און אויב דו ווילסט טאָן גרויס גענאָד

פון ליבשאַפט צו נאָט און צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, זאָלסטו מיר אויסזוכן אַן אַנדער שיף, אַ בעסערע, און די לייט פון יענער שיף זאָלן זיין פון דער דאָזיקער שטאָט, בכדי מיר זאָלן קענען גיין אויף זיכער.

און מען האָט גערופן דעם בעל־הבית פון אַן אַנדער שיף און מען האָט מיט אים אָפּגעמאַכט פאַר צוויי הונדערט דוקאַטן גאָלד צו פירן אונז קיין ליוואָרנאָ.

און דער בעל־הבית פון יענער שיף איז געווען פון לאַגאָ, אַ גוטער, אָרנטלעכער און בכבודיקער מאַן און פון אַ גוטער משפחה, און איך האָב ניט געקענט טאָן קיין אַנדער זאַך.

און די ריכטער האָבן מיר געזאָגט:

— מיר וועלן ניט זען און ניט זוכן קיין אַנדער מענטשן, דען דער דאָזיקער מענטש איז זייער אַ גוטער מענטש.

נאָכדעם בין איך אַוועק צו זיך אין הויז אין האַלבן טאָג. און די ריכטער פון דער שטאָט זיינען געקומען צו מיר אין הויז און האָבן געזאָגט צו מיר:

— גיב צוויי הונדערט דוקאַטן פאַרן שכר פון דער שיף.

האָב איך זיי געענטפערט:

— איך וועל אייך געבן הונדערט דוקאַטן דאָ און די אַנ־דערע הונדערט וועל איך אָפּגעבן אין ליוואָרנאָ.

האָבן די ריכטער ניט געוואָלט און האָבן געזאָגט:

— וועסט געבן די צוויי הונדערט דוקאַטן דאָ, דען דער בעל־הבית פון דער שיף וויל פאַרריכטן זי אין געוויסע נייטיקע ערטער.

און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— גייט און קומט פאַרנאַכט־צייט.

נאָכדעם איז געקומען צו מיר קאַרבאַליאַ און האָט געזאָגט, אַז ביי איינעם אַ מאַראַן איז דאָ אַ שיף אַ סך אַ בעסערע פון דער דאָזיקער שיף, און עס זיינען פאַרהאַן אין איר פייערוואַרפערס, און ער וועט נעמען הונדערט פופציק דוקאַטן. און אַז די ריכטער זיינען געקומען, האָב איך ניט געקענט ריידן מיט זיי, נייערט גיין מיט יענער שיף און ניט מיט קיין אַנדערער. האָב איך זיי געגעבן

די צוויי הונדערט דוקאַטן, און זיי האָבן אָנגעשריבן צום בעל־הבית פון דער שיף אַ בריוו און אַן ערבות, אַז ער וועט מיך דורכפירן קיין ליוואָרנאָ אויף זיכער און אַז ער וועט זיך אומקערן צוריק מיט עדות־בריוו, אַז איך בין אָנגעקומען קיין ליוואָרנאָ בשלום. און אויב עס וועט ניט אָנקומען פון אונז קיין כתב, וועט ער מוזן באַצאָלן דעם קיניג קנס צען טויזנט ליטרות.

איך בין אַוועק זען די שיף, און נון — דער חדר איז חרוב. האָב איך געוואָלט מען זאָל אים פאַרריכטן, און איך האָב אויסגעגעבן אַנדערע צען דוקאַטן אויף ברעטער און טאָוולען און נעגל. און מיר זיינען אָפּגעשטאַנען אַכט טעג ביז מען וועט פאַרריכטן דעם חדר און די שיף.

איך האָב גערעכנט צו שיקן יהודה פּיראַנטי מיט אַ געלויף צום קיניג און דערציילן אים די דאָזיקע אַלע זאַכן, אויך צו זאָגן אים וועגן דעם קנעכט דעם כושי, וואָס דער ריכטער דער רשע האָט פון מיר צוגענומען. גם האָב איך אים געגעבן געלט און נאָך אַמאָל אים אָנגעקליידט אין נייע מלבושים און אַוועקגעשיקט אים גיך אויף אַ פערד צום קיניג.

מיר האָבן איינגעאָרדנט וואָס צו עסן אין וועג, און נאָכדעם ווי מען האָט פאַרריכט די שיף און דעם חדר, בין איך אַריין אין שיף אין האַלבן טאָג, דען זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דער ריכטער דער רשע גמור איז געקומען, און אַז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך אַריין אין שיף איידער ער וועט מיר זאָגן: „גיי". און מען האָט מיר אַריינגעבראַכט אַלע מיינע זאַכן.

און נאָך איידער איך בין אַריין אין שיף, האָב איך געגעבן די אַנוסים, וואָס האָבן מיר באַדינט אין הויז, רשות אַוועקצוגיין, — און זיי האָבן גענומען וויינען. אויך קרישטאָפלין האָב איך רשות געגעבן, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אַוועקגעגאַנגען. קאַרבאַליאַ איז אַריין מיט מיר אין שיף און האָט מיר איינגעאָרדנט אַלע זאַכן און האָט פאַר שלמה כהן צוגעריכט אַ גרויסן חדר — פאַר אים און פאַר די זאַכן — און אויך אַ בעט.

און נאָכדעם ווי קאַרבאַליאַ האָט ביי מיר אַלץ געבראַכט אין אַ גוטן סדר, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט.

און דער ריכטער דער רשע גמור איז אַריינגעקומען אין שיף מיט זיינע משרתים, און אַנדערע משרתים זיינע זיינען אויך געווען מיט זיי אויפן ברעג פון ים, אַזוי אויך אַלע מענטשן פון דער שטאָט. און אויך קאַרבאַליאַ איז מיט אים געווען. און זיי האָבן געמאַכט אַ שטרענגע בדיקה אין אַלע ווינקעלעך אין שיף, צו דערוויסן, צי עס זיינען ניטאָ מיט מיר קיין אַנוסים. זיי האָבן געעפנט אַלע קופערטס מיינע, דורכגעזוכט און דורכגעטאַפּט אַלע מיינע זאַכן, און אַלע שיפלייט האָבן בודק געווען, צי האָב איך ניט ביי זיך קיין פּאַרטיליקנדיקע כלי־זיין, היינו פייערוואַרפערס. און אַ לויב צו גאָט, זיי האָבן ביי מיר געפונען ניט מער ווי איין שווערד, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן פון אַלע שווערדן מיינע. גם האָבן זיי ניט געפונען קיין איינציקן מאַראַן.

דערנאָך איז צו מיר אַריינגעקומען דער ריכטער דער רשע גמור, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר פון חדר פון דער שיף, — און קאַרבאַליאַ איז געווען מיט אים, — און ער האָט ביי מיר געבעטן מחילה און געזאָגט:

— איך טו דיר ניט דאָס אַלץ פון קיין שום אַנדער טעם, נייערט לפי דעם כתב פון קיניג.

און ער האָט מיר געוויזן אַ כתב, וואָס איז אים אָנגעקומען, וואָס עס האָט צו אים געשריבן דער דאָן מיקעל.

און איך האָב געזאָגט צו קאַרבאַליאַ:

— זאָג דעם ריכטער: ווי עס לעבט דער אייביקער, וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלע צרות, אַז אויב איך וואָלט געהאַט ביי זיך נאָר פיר משרתים, וואָלט דער דאָזיקער ריכטער ניט אַרויס פון דער דאָזיקער שיף, דען איך וואָלט אים מיטגענומען מיט זיך ביז דעם מדבר חבור צום קיניג יוסף מיין ברודער!

נאָכדעם איז דער ריכטער אַרויס פון שיף און אַוועק זיין וועג.

און מיר ציען. אונזער שיף איז אויפן וועג. און איך האָב געגעבן דעם קאַרבאַליאַ צוויי דוקאַטן אויף שפּייז אויפן וועג און האָב אים אַוועקגעשיקט.

און מיר האָבן געצויגן יענעם טאָג פון לאַגאָ און זיך דער־ווייטערט פון דער שטאָט אין ים. נאָר די שיף האָט זיך אָפּגע־

שטעלט אין איין אָרט. האָט זיך שלמה כהן אין יענער נאַכט אומ־געקערט צוזאַמען מיטן בעל־הבית פון דער שיף קיין לאַגאָ, און איך האָב געשיקט דורך אים צום אַלטן מאַראַן זיין שכר פאַרן דינען אין הויז אין לאַגאָ, — דען איך האָב אים ניט געזען, — און איך האָב אים געגעבן געלט, ער זאָל זיך איינשאַפן שפּייז אויפן וועג. און שלמה כהן האָט איינגעקויפט אין שטאָט פאַרשיי־דענע זאַכן און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין יענער נאַכט.

און מיר זיינען געצויגן פון לאַגאָ אין האַלבער נאַכט, און די שיף איז געגאַנגען צוויי טעג.

איך האָב געהאַלטן אין פאַסטן שוין דריי טעג און דריי נעכט. אַלע טעג זינט איך בין אָפּגעפאָרן פון פּיסאַ און די גאַנצע צייט אין פּאָרטוגאַל האָב איך ניט געגעסן קיין איין טאָג, נייערט געפאַסט, און געגעסן האָב איך נאָר ביינאַכט. איך האָב געמאַכט זעקס תעניתים אין פּאָרטוגאַל, זעקס טעג און זעקס נעכט, וואָס איך האָב גאָרניט געגעסן און געטרונקען. אויך האָב איך אין פּאָר־טוגאַל דורכגעמאַכט תעניתים פערציק טעג נאָכאַנאַנד צו דריי טעג און דריי נעכט, — קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער ניט געטרונקען. אַזוי האָב איך גם אויף דער שיף געפאַסט פערציק טעג צו דריי טעג און נעכט, וואָס איך האָב ניט געגעסן און ניט געטרונקען. און אין די אַלע איבעריקע טעג האָב איך גע־פאַסט פון אָוונט ביז אָוונט. און איך שטיי שטאַרק און גוט, אַ לויב צו גאָט, און מיין נשמה פאַרלאַנגט פון מיר גאָרניט. און איך האָב מתפּלל געווען פון פרימאָרגן ביז אָוונט אין משך פון אַלע טעג פון וועג, וואָס איך בין אין אים געגאַנגען.

איך בין צוגעגאַנגען מיט דער שיף ניט ווייט פון טאַווילאַ, פיר מייל פון אָנהייב פון מלכות קיסר 1), נאָענט פון קאַסטאַ־מאַרינאַ. און די שיף איז געשטאַנען אין ים נאָענט פון דעם אָרט צוועלף טעג, בכדי אַריינצוברענגען אין שיף אַ פיש פאַר איינעם אַ סוחר און צו פירן אים קיין וואַלענציאַ אויף פרנסה.

און עס איז געקומען צו מיר קאַרבאַליאַ צוויי מאָל: איינ־

---

1) די שפּאַנישע נחלאות פון קאַרל V אימפּעריע.

מאָל איז ער געקומען צו מיר אַליין און דעם צווייטן מאָל צוזאַמען מיט זיין ברודער. און איידער קאַרבאַליאַ איז געקומען דעם צווייטן מאָל, איז געקומען צו מיר אַ קריסטלעכער בחור, מאַנועל, וואָס האָט אונז אַ סך באַדינט אין דער שטאָט לאַגאָ. ער האָט זיך אַ סך געחברט צו שלמה כהן און פלעגט אים באַדינען. ער פלעגט וואַשן די כלים, דערלאַנגען וואַסער און גרייטן צום טיש. און שלאָפן פלעגט ער נאָענט צו שלמה כהנס בעט. און שלמה כהן האָט געהאַט אייגנס אַן ערך פופציק דוקאַטן, און איך האָב אים געזאָגט:

— לייג אַריין דיינע געלט צווישן מיינע.

און ער האָט ניט געוועלט. און ער האָט איינגענייט זיינע מעות אין צוויי ערטער אין זיינער אַ זאָק. און אין איין נאַכט האָט דער דאָזיקער עמנואל אַראָפּגענומען די זאָק פון שלמה כהן און ער האָט דערזען דאָס געלט. ער האָט געעפנט איין אָרט, וואו עס זיינען געווען צוועלף דוקאַטן, און האָט זיי צוגענומען. נאָכדעם האָט ער אַריינגעלייגט אַ זילבערנע מטבע אין יענעם אָרט פון זאָק און האָט זיך צוריקגעשטעלט באַדינען. און שלמה כהן האָט גאָרנישט ניט געוואוסט און ניט געשפּירט.

נאָכדעם איז געקומען קאַרבאַליאַ מיט זיין ברודער דעם לעצטן מאָל און האָט גענעכטיקט מיט אונז אין יענער נאַכט ביז פרימאָרגן אין שלמה כהנס חדר אין שיף. און שלמה כהן האָט געוואָלט געבן קאַרבאַליאַס ברודער צוויי דוקאַטן בתור צדקה, און ער האָט געזוכט דאָס געלט אין זיין זאָק און האָט עס ניט געפונען. האָט ער געזאָגט צו קאַרבאַליאַס ברודער:

— דו האָסט מיך בײנאַכט באַגנבעט אין מיין בעט, דען דו ביסט געזעסן מיט מיר.

און שלמה כהן און קאַרבאַליאַ און זיין ברודער האָבן זיך שטאַרק געקריגט. האָב איך גערופן צו קאַרבאַליאַ און געפרעגט ביי אים:

— וואָס זיינען עס פאַר קולות און געשרייען, וואָס איך האָב געהערט?

און ער האָט מיר געענטפערט, אַז שלמה כהן איז חושד זיין

ברודער, אַז ער האָט אַרויסגעגנבעט פון זיין זאַק דאָס געלט. האָב איך צו זיך גערופן שלמה כהן און געזאָגט צו אים:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, דו זאָלסט אַרויסנעמען דאָס געלט פון זאַק און אַריינלייגן צווישן מיינע געלט. דו האָסט מיר אָבער ניט געפאָלגט, על־כן איז דיר דאָס געשען.

נאָכדעם האָב איך גערופן דעם בעל־הבית פון שיף און גע־זאָגט צו אים:

— דאָס געלט איז אין האַנט פון דעם מאַנועל, זוך אים דורך, דען עס איז פאַר דיר אַ חרפה, די גנבה זאָל געמאַכט ווערן אין דיין שיף. און איך וויים, אַז די דאָזיקע שלעכטע זאַך האָט געטאָן ניט קיין אַנדערער ווי מאַנועל.

און דער בעל־הבית פון שיף האָט גערעדט מיט מאַנועל און מיט קאַרבאַליאַ, און מאַנועל האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט צוגענומען דאָס געלט און אַז דאָס געפינט זיך אין שטאָט. איז דער בעל־הבית פון שיף מיט אים געגאַנגען אין שטאָט אַריין, און יענער האָט אים אַוועקגעגעבן נאָר זעקס דוקאַטן. דער בעל־הבית פון שיף האָט פאַר זיין טירחה גענומען צוויי דוקאַטן און שלמה כהן האָט פון די דאָזיקע זעקס דוקאַטן געגעבן קאַרבאַליאָס ברודער צוויי דוקאַטן צדקה, ווי ער האָט צוגעזאָגט. און דער גנב מאַנועל איז אַוועק זיין וועג. און דעם קאַרבאַליאַ מיט זיין ברו־דער האָבן מיר אַוועקגעשיקט אין זייער היים בשלום.

נאָכדעם ווי קאַרבאַליאַ איז אַוועקגעפאָרן, איז געקומען צו מיר אין שיף קרישטאָפלי. האָט זיך דער בעל־הבית פון שיף באַ־קלאָגט, אַז דער שלעכטער ריכטער האָט אים באַפוילן, עס זאָל ניט אַריינקומען צו אים אין שיף קיין שום מענטש, ניט קיין קריסט און ניט קיין מאַראַן. נאָר ווייל איך האָב אַרויסגעוויזן כבוד צום בעל־הבית פון שיף, האָט ער געלאָזן דעם קרישטאָפלי אַריינקו־מען צו מיר.

און מיר האָבן געצויגן נאָענט צו קאָסטאַ־מאַרינאַ מיטן ים ביי אַ גוטן ווינט אין דעם טאָג פון מיטוואָך, און דריי טעג האָבן מיר געהאַט דעם גוטן ווינט ביז האַלבער נאַכט אויף פרייטאָג. און די שיף, וואָס מיר זיינען אין איר געווען, האָט געהאַט צו זיך

צוויי קליינע שיפלעך, און אין קיינער פון זיי זיינען ניט געווען קיין שום פייער־כלי־זיין, ניט אין אונזער שיף, ניט אין די שיפלעך. און די מענטשן, וואָס זיינען געווען אין שיף, זיינען געווען ווי הינער.

און אין האַלבער נאַכט אויף פרייטאָג איז געקומען אַ שיף פון די פּאָרטוגאַלישע שיפן. מען האָט געמיינט, אַז דאָס זיינען פּי־ראַטן, און מען האָט אָנגעהויבן שרייען מיט גרויסע קולות, צונג־בונדן די שיפן איינע צו דער אַנדערער און געזעסן אין גרוים צער. און עס איז אַריין צו מיר דער בעל־הבית פון שיף און געזאָגט צו מיר, אַז עס זיינען דאָ ישמעאלים. האָב איך אים געענטפערט:

— איך וועל שטיין אין מיין חדר ביז זיי וועלן אַריינקו־מען צו מיר, און דער אייבערשטער וועט אויסוויילן פאַר מיר דעם גוטן וועג. איך פאָרכט מיך ניט, דען איך פאַרזיכער מיך אין דעם גאָט פון מיין הילף, און איך האָב קיין מורא ניט פאַר מענטשן, און אויך ניט פאַר פּיראַטן. און אויב זיי וועלן קומען אין מיין אָרט, וועל איך זאָגן, אַז זיין הייליקער נאָמען האָט זיי געשיקט פון מיין טובה וועגן און לטובת כל ישראל. דען אומעטום, וואו־הין איך גיי, פאַרלאָז איך מיך תמיד אויף דעם אייביקן.

און זיי זיינען געשטאַנען פון האַלבער נאַכט ביז אינדערפרי, און אַלע שיפן האָבן זיך צעזויפגעזאַמלט איינאַיינעם און אַראָפּגע־נומען די פּאַרדהאַנגען פון די שיפן. און איך בין געשטאַנען אין מיין חדר אין מיין תפילה ביז באַגינען. דענסטמאָל האָט מען דער־זען, אַז די שיף איז איינע פון די שיפן פון דעם מלך פּאָרטוגאַל.

נאָכדעם זיינען מיר געצויגן ביי זייער אַ שלעכטן ווינט אין דעם טאָג פון פרייטאָג, און מיר האָבן פאַרבראַכט אין צער ביז דעם טאָג פון שבת. און דער ווינט איז נאָך אַלץ געווען זייער שלעכט. און דער ווינט האָט אונז איבערגעוואַלד אומגעקערט צוריק צום האַפן פון ים ניט ווייט פון אַלמעריאַ, וואָס גע־הערט צום קיסר. און מיר זיינען געשטאַנען נאָענט צו יענער שטאָט דעם גאַנצן טאָג פון שבת. און נאָכדעם, זונטאָג, זיינען מיר געקומען אין האַפן פון אַלמעריאַ, און מיר זיינען געשטאַנען ביז האַלבן טאָג, דען דער ווינט איז אויפן ים געווען נאָך שלעכט. און עס איז געקומען דער ריכטער פון יענער שטאָט און זיינע משרתים

אין אונזער שיף אַריין. און דער ריכטער איז אַריין צו מיר, — און איך האָב געהאַלטן אין שרייבן. האָב איך גערופן שלמה כהן, און דער ריכטער האָט גערעדט מיט אים:

— איך בין געקומען אייך פאַרהאַפטן, דען קיין שום ייד טאָר ניט אַריינקומען אין גליל פונם קיסר אָן זיין רשות.

האָב איך אַרויסגענומען די בולאַ פונם פויפסט און דעם כתב פאַר מיר פון דעם מלך פאָרטוגאַל, און דער ריכטער האָט זיי דורכגעלייענט פאַר מיר אין די אויגן, האָט זיי אומגעקערט צו מיר און געזאָגט צו אונז:

— זאָלן די פרייהטס-כתבים זיין ביי אייך און איר וועט גיין און זיך אָפּשטעלן ביי אונז. נאָר מיר וועלן אָנשרייבן צום קיסר אַלץ באַריכות, און וואָס ער וועט הייסן, דאָס וועלן מיר טאָן.

און איך האָב אים געענטפערט:

— פונם אייביקן איז אַרויס דאָס וואָרט.

און מיר זיינען געגאַנגען, איך און שלמה מיט מיר. איך בין געווען פריילעך און האָב ניט געהאַט קיין שום פאָרכט און אַנגסט, און מיר האָבן איבערגעלאָזן אַלע אונזערע זאַכן אין שיף. איך האָב גערעכנט, אַז שלמה כהן וועט זיך אין יענער נאַכט אומקערן אויף דער שיף צו די זאַכן. און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אונזער שיף אין זייער אַ קליינער שיפל, און מיר זיינען געגאַנגען קיין אַלמעריאַ אין הויז פון דעם ריכטער, וואָס האָט אונז גענו-מען תפוס. און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין זיין חדר אין הויפּט-טייל פון דער דירה. און אין דעם חדר גופא זיינען געווען פיר חדרים, אַלע מיט טירן. און דער ריכטער האָט אונז געגעבן איי-נעם, וואָס זאָל היטן די טיר פון דעם חדר, וואָס מיר זיצן אין אים, בייטאָג און ביינאַכט. און דער בעל-הבית פון דער שיף איז געזעסן תפוס אין געפענגעניש. האָב איך געזאָגט צום ריכטער, וואָס איך בין געשטאַנען אין זיין הויז:

— לאָזט אַרויס דעם בעל-הבית פון שיף און זאָל ער שטיין פאַר אונז.

און ער האָט אַזוי געטאָן.

און מען האָט צוגעריכט און איינגעאָרדנט פאַר מיר אין יע-

נער נאַכט די בעט פון ריכטער, וואָס ער פלעגט אַליין אויף איר שלאָפן.

און איך האָב געזאָגט צו אים:

— מיין רצון איז צו שיקן מיין חבר שלמה כהן היטן מיי־נע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין שיף, מען זאָל זיי ניט צעגנבענען.

האָט דער ריכטער ניט געוואָלט אים שיקן. און מיר האָבן געשלאָפן און פאַרבראַכט אין ריכטערס הויז. און אונזערע כלים און בגדים זיינען געווען אין שיף.

און דער בעל־הבית פון שיף איז געווען מיט אונז אין הויז, האָט געגעסן און געטרונקען מיט אונז צוזאַמען. און דער ריכטער איז געקומען צו מיר אינדערפרי און האָט געזאָגט צו מיר?

— שיק נאָך די זאַכן, וואָס דו האָסט אין שיף, און עס זאָל ניט איבערבלייבן קיין שום זאַך, וואָס דו זאָלסט אַהער ניט ברענגען.

און איך האָב געענטפערט דעם ריכטער:

— איך האָב שוין אַליין באַשלאָסן ביי זיך אין האַרצן צו שיקן נאָך אַלע זאַכן מיינע פון דער שיף, און דו ביסט אויך גע־קומען צוליב דעם ענין. זאָלסטו וויסן, אַז איך וויל, דו זאָלסט שיקן צוויי מענטשן פון דיינע חברים צוזאַמען מיט מיין חבר שלמה כהן אויף דער שיף, בכדי זיי זאָלן אים אַרויסגעבן אַלע זאַכן מיינע, וואָס ביי זיי אין האַנט.

און דער ריכטער האָט געשיקט צוויי מענטשן פון זיינע חברים מיט שלמה כהן נאָך די זאַכן. און זיי, די לייט פון שיף, וואָס מיר זיינען געווען אין איר יענע נאַכט, האָבן ביי מיר גע־גנבעט איין עטרה, אַזאַ לייכטן שלייער, פון שוואַרצן זייד און פינף און צוואַנציק דוקאַטן. און די איבעריקע זאַכן, וואָס זיינען ביי זיי געבליבן, האָבן זיי אָפּגעגעבן צו שלמה כהן.

און נאָכדעם האָבן מיר באַרעכנט און איבערגעגעבן אונזערע קליידער און די פינף דגלים, וואָס איך האָב געמאַכט צו אַ נאָמען און צו רום: צוויי פון זיי — געשריבן מיטן געטלעכן פינגער די תורה תמימה פונם אייביקן, און דריי פון ווייסן זייד, גאָר נייע. איך האָב זיי געמאַכט זיי זאָלן זיין צו אַ זכרון און צו אַן עדות

פאַר אַלע די, וואָס וועלן זיי זען, פון מיין ברודער דעם קיניג יוסף און פון זיינע זקנים און פון אַלע שבטים פון ישראל. און איך האָב געמאַכט: איינעם פון זיי אין נאָמען פון דעם נשיא כמ״ר ר׳ דניאל פון פיסאַ מיין פריינד יזיי״א[1], און דעם צווייטן — אין נאָמען פון ר׳ יחיאל פון פיסאַ יצ״ו, וואָס איך בין געשטאַנען אין זיין הויז זעקס חדשים, — און ער איז זיין שוועסטערקינד, — און דעם דריטן דגל האָב איך געמאַכט אין נאָמען פון ר׳ אברהם אבן זימור פון איסאַפי. און זיי אַלע דריי זיינען פון וויסן זייד, שיינע און גרויסע, — פאַר מיין ברודער דעם קיניג יוסף און זיינע יועצים און פאַר אַלע יידן, וואָס וועלן הערן און זען, אַז פון ליבשאַפט צום הייליקן נאָמען און פון ליבשאַפט צו זיי האָב איך דאָס אַלץ געמאַכט אויף דור-דורות צו אַ זכרון אין די אויגן פון די שבטים און אין די אויגן פון כל ישראל, וואָס האָבן געטאָן מיט מיר אויסצולייזן מיך מיט זייער געלט און מיט זייער גוף און וואָס זיינען געווען מיט מיר מיט דער הילף פון גאָט, — זאָל ער גרויס מאַכן זייער שכר און זאָל ער זיין מיט זיי ביז אייביק!

איך האָב אויפגענומען: אויך די צוויי אַלטע דגלים, וואָס איך האָב באַקומען פון קריסטן אין איטאַליע און וואָס איך פלעג זיי האַלטן אין די חדרים פון דער שיף אין יעדן אָרט, וואו איך פלעג ליגן. גם דעם זילבערנעם דגל, וואָס איך האָב געמאַכט אויפן נאָמען פון מיין ברודער דעם קיניג יוסף, דען דאָס זילבער האָט זיין מקום אין מדבר חבור אין זיין מלכות און ער באַקומט דאָס גאַנצע זילבער אַלע טאָג פאַר זיך אַליין. אויך דעם צווייטן דגל, וואָס איך האָב געמאַכט פון גאָלד אויף מיין נאָמען דוד בן המלך שלמה זצ״ל, ווייל איך וועל באַקומען מלכות שבא, וואָס איז דער מקום פון גאָלד, אויף אויפצובויען דעם בית-המקדש בעזרת השם. און איך האָב זיי געמאַכט מיט תיקונים ווי עס האָט מיר באַפוילן דער קיניג יוסף און זיינע זקנים, בכך,

---

1) יראה זרע, יאריך ימים, — אמן — זאָל ער זען קינדער (דורות), — י מאַריך ימים זיין, — אָמן.

איך זאָל זיי אַרויסנעמען אין דער צייט, ווען איך וועל דערגרייכן דעם אָנהייב מלכות פון דעם קיניג יוסף מיין ברודער.

און דער ריכטער האָט פאַרשריבן די גילדערנע זיגלרינגען, וואָס אויף מיינע הענט, און די זילבערנע שיסלען און די מעות אונזערע. עס איז ניט געבליבן קיין זאַך, וואָס דער ריכטער מיט זיינע חברים האָבן ניט פאַרשריבן.

און זיי האָבן געשיקט אַ שליח צום קיסר אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם, ווי איך בין פאַרהאַפּט געוואָרן.

און די זאַכן אונזערע זיינען געבליבן ביי אונז אין האַנט. און מען האָט אונז אָנגעטאָן גרויס כבוד.

אין דער נאַכט אויף דינסטאָג האָב איך געוואָלט שיקן אַ שליח פאַר זיך צום קיסר. און איך האָב גערופן דעם ריכטער און גע־זאָגט צו אים:

— מיין רצון איז צו שיקן אַ שליח פון זיך צום קיסר.

און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— טו די זאַך, דען עס איז אַ גוטע זאַך, און איך וועל אויסגעפינען דיר אַ מענטשן אַ באַגלויבטן.

און איך האָב אָנגעשריבן אין יענער נאַכט אַ בריוו, איך צו־זאַמען מיט שלמה כהן, צום קיסר און צו זיין ווייב דער קיסרית. און אינדערפרי איז געקומען צו מיר דער ריכטער און האָט געזאָגט צו מיר:

— אפשר איז דיין רצון, איך זאָל דיר אויסזוכן אַ שליח?

האָב איך צו אים געזאָגט:

— יאָ, זוך אויס.

און ער האָט געשיקט נאָך איינעם אַ שטאַרקן מאַן. און עס איז צו אונז געקומען דער שליח און האָט צו מיר געזאָגט:

— איך גיי צום קיסר און וועל דיר צוריקברענגען פון זיי די תשובה אין אַכט טעג אַרום.

און דער ריכטער האָט צו מיר געזאָגט:

— עס איז גוט, דו זאָלסט אָנשרייבן צוויי בריוו: איינעם צום קיסר און איינעם צו זיין ווייב דער קיסרית.

ווייל איך האָב געהאַט געזאָגט צום ריכטער, אַז זי קען מיך

פון דער צייט פון איר ברודער דעם מלך פּאָרטוגאַל, דען איך האָב זי באַגלייט, ווען זי איז אַהער געפאָרן, דריי מייל.

און דער ריכטער האָט אָנגעשריבן פאַר מיר אַ בריוו צו דעם קיסרס ווייב דער קיסרית מיט זיין כתב־יד אין מיין נאָמען, ווי איך בין געקומען פון איר ברודער דעם מלך פּאָרטוגאַל, און אַז אַ ווינט האָט אונז פאַרטראָגן קיין אַלמעריאַ, און מיר זיינען פאַרהאַפט געוואָרן.

און איך האָב געשיקט צום קיסר און צו זיין ווייב אַלע פּריוויליטס־כתבים, וואָס איך האָב פון פּויפּסט און פון דעם מלך פּאָרטוגאַל. דעם שליח האָב איך געגעבן צען דוקאַטן פּאַראַוויס. און דער ריכטער האָט ערוב געווען און געזאָגט צו מיר, אַז ער וועט גיין און זיך צוריקקערן. און איך האָב אים געגעבן אַלע כתבים זיבן מיט דער צאָל. און ער האָט געצויגן פון אַלמעריאַ אין דעם טאָג פון דינסטאָג און איז געגאַנגען קיין גרענאַדע צום קיסר און די קיסרית.

און מיר זיינען געשטאַנען אין אַלמעריאַ, איך און שלמה כהן, אויך קרישטאָפלי איז געווען מיט אונז, אין הויז פון ריכטער. און דער ריכטער איז געווען זייער אַ בכבודיקער מאַן, און ער האָט געשטאַמט פון יידן, נאָר ער האָט זיך צו אונז ניט געלאָזט דערקענען. אויך צווישן די קריסטן האָט מען וועגן זיין אָפּשטאַם גאָרנישט ניט געוואוסט. און ער האָט אונז געטאָן אַ סך טובות און גרויס כבוד. און דער בעל־הבית פון שיף איז געווען מיט אונז. און דער ריכטער האָט מיר געזאָגט:

— אויב דו ווילסט מיר זאָלן אַראָפּנעמען דעם פּאָרהאַנג פון דער שיף, היינו איר בגד, און די שיף וועט זיין אַזוי אָן דעם פּאָרהאַנג כל־זמן דו וועסט ווען?

דענסטמאָל האָט דער בעל־הבית פון שיף גענומען שרייען צו מיר אויף אַ הויכן קול:

— איך זיך דאָך דאָ מיט אייך. אויב איר ווילט אַרויפלייגן אייזערנע קייטן אויף מיינע פיס — לייגט אַרויף, אָבער די בגדים פון דער שיף זאָלט איר ניט אַראָפּנעמען.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז זיי ווילן גיך אַוועקגיין. און איך האָב געזאָגט צום בעל־הבית פון דער שיף:

— איך וויל, דו זאָלסט מיר אַוועקגעבן נאָר דאָס געלט, וואָס איך האָב דיר געגעבן, די צוויי הונדערט דוקאַטן, ביז לי־וואָרנאָ. דען דו ביסט מיט מיר געקומען נאָר קיין אַלמעריאַ.

האָט צו מיר געזאָגט דער בעל־הבית פון דער שיף:

— איך וועל דיר אומקערן הונדערט דוקאַטן און לאָז מיך גיין מיין וועג.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— גיב מיר עס אָפּ אין אָט דער שעה.

און אַז די משרתים זיינע פון דער שיף האָבן דערהערט, אַז דער ריכטער האָט געוואָלט אַראָפּנעמען די בגדים פון דער שיף, האָבן זיי געצויגן און זיינען אַנטלאָפן ביי אַ גוטן ווינט. האָב איך געלאָזט אַרויפליינן דעם בעל־הבית פון דער שיף אויף די פיס אייזערנע קייטן און אַריינזעצן אים אין תפיסה.

איך האָב גערעכנט אויפצוגיין צום קיסר. און דער ריכטער האָט אונז אָנגעטאָן גרוים כבוד און אַלע גדולים פון דער שטאָט פלעגן קומען אַלע טאָג באַזוכן אונז. גם אַ סך ישמעאלים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן דת, זיינען געקומען צו מיר. אויך איז געקומען צו מיר אַ גרויסער שר אַ ישמעאלי און האָט גערעדט מיט מיר באַריכות און געפרעגט ביי מיר:

— צוליב וואָס ביסטו געקומען פון דיין לאַנד און וואָס פאַרלאַנגסטו פון די קריסטן?

און ער איז געווען אַ גרויסער מלומד און האָט מיר דערנעסט־מאָל געוויזן חשבונות און בילדער פון תכונה 1). און האָט געזאָגט צו מיר:

— עס איז געקומען דער קץ (סוף) צו דער מלכות פון די קריסטן און דער מלכות פון די ישמעאלים און אין משך פון דריי יאָר וועט גאַנץ מלכות אדום זיין אין דער האַנט פון דעם מלך ישראל אין ירושלים, און אַלע אומות וועלן זיך באַ־קערן צו איין דת.

1) אַסטראָנאָמיע.

און ער האָט צו מיר געזאָגט גרויסע און מעכטיקע און פירכטערלעכע ווערטער. נאָר איך האָב ניט געוואָלט אים ענטפערן קיין וואָרט אויף אַלע זיינע רייד.

גם דער הגמון 1) פון דער שטאָט האָט געשיקט צו מיר אַ מתנה אין מיין הויז. און נאָכדעם בין איך געגאַנגען אָפּגעבן אים כבוד אין זיין הויז. און נאָך אַמאָל האָט ער צו מיר געשיקט אַן אַנדער מתנה. און יענער הגמון איז געווען דער גרעסטער נכבד אין דער מדינה און אַ שופט איבער אַלע ריכטער. גם איך האָב צו יענעם הגמון געשיקט דורך שלמה כהן אַ שיין געשאַנק.

און יענע שטאָט, היינו אַלמעריאַ, איז ס׳רוב אָדער כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון חרוב־געוואָרענע הייזער, און עס איז ניט פאַרבליבן קיין צענט־חלק פון שטאָט, וואָס זיינען ניט חרוב געוואָרן. און דאָס איז געקומען פון דעם גרויסן שטורעם, וואָס עס איז געשען: די הייזער זיינען איינגעפאַלן אויף די מענטשן, און די מענטשן זיינען אומגעקומען. און דער שטורעם, וואָס איז געקומען אויף יענער שטאָט, איז געשען מיט פינף יאָר צוריק. און אין דעם טאָג, ווען עס איז געשען יענער גרויסער שטורעם, איז אַרויס אַ גרויסער קול, און אַלע מענטשן האָבן געהערט, אַז דער דאָזיקער שטורעם קומט פון ירושלים. און דער קול איז אַרויס אין דער גאַנצער מדינה, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהערט דעם קול, נאָר קיינער האָט ניט געזען, ווער עס האָט מיט דעם קול גערעדט.

און מיר זיינען געשטאַנען און מיר האָבן געוואַרט אויף די תשובות פון דעם קיסר, ביז עס האָט זיך צוריקגעקערט אונזער שליח אין צוועלף טעג אַרום און האָט געבראַכט אַ כתב פון קיסר און און אַ פאַרחתמעטע בולאַ. און ער האָט געשריבן אין יענער בולאַ, אַז ער באַפעלט זיין גאַנצער מלכות, מען זאָל מיך לאָזן גיין מיט ים און מיט יבשה און מען זאָל מיר ניט טאָן קיין שום שלעכטס, נייערט מען זאָל אונז אָנטאָן כבוד און געבן אונז וואוינונגען פאַר אונזער געלט, און אַלץ וואָס נייטיק איז זאָל מען אונז געבן אויפן גאַנצן וועג, וואָס מיר וועלן אויף אים גיין אין זיין מלכות. און

1) בישאָף.

דער שליח, וואָס איך האָב געשיקט, האָט געזאָגט צו מיר, אַז ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם קיסר און זיין ווייב דער קיסרית, ווען זיי זיינען געווען ביידע צוזאַמען.

...[1] און מען האָט זיך איבער איר געשראָקן מיט אַ גרויסן שרעק און מען האָט געגלויבט, טאָמער וועט זי שטאַרבן, חס ושלום. און נאָכדעם האָט זי געבאָרן אַ טאָכטער, אַ לויב צו גאָט. און איך האָב איר געגעבן אַ סך מתנות, ווען איך בין געגאַנגען זען זי, דען מיר זיינען געזעסן אין איין הויז, און זי איז געזעסן אין בעט.

און איך האָב געקויפט אין לאַגאָ פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ליוואָרנאָ מער ווי פאַר דרייסיק דוקאַטן כל המינים זיסע מאכלים און איידעלע שפייזן אין פיר קופערטס, אַחוץ אַנדערע כלים פול כל=טוב, — אויף צו פירן קיין ליוואָרנאָ. און אַלץ איז אַריינגעפירט געוואָרן אין הויז פון יענעם ריכטער פון אַלמעריאַ.

און איך האָב געפאַסט אין יענעם הויז דריי מעת=לעת, נאַכט און טאָג, ביז עס איז צוריקגעקומען דער שליח, וואָס איך האָב מיט אַ געלויף געשיקט צום קיסר. דענסטמאָל האָב איך ביים ריכטער פון אַלמעריאַ געקויפט אַ גרויסע שיינע מוילאייזעלין פאַר פיר און צוואַנציק דוקאַטן, און פיר אַנדערע מוילאייזלען ביי אַ סוחר, בכדי זיי זאָלן פירן מיינע זאַכן, און איך האָב אַרויסגענומען דעם בעל=הבית פון דער שיף פון תפיסה.

און מיר האָבן געצויגן פון אַלמעריאַ. שלמה כהן האָט געצויגן מיט די זאַכן אַפריער, פאַר מנחה, און איך בין געגאַנגען צום הגמון פון דער שטאָט. ער האָט געשלאָפן, האָב איך געוואַרט אויף אים ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, ווייל ער האָט געוואָלט שיקן צו מיר מענטשן, וואָס זאָלן מיר באַדינען. און איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל בשום אופן זיי ניט לאָזן, —

— דען איך וויל דיר ניט פאַרשאַפן קיין צער איבער זיי.

און איך האָב אים אָפּגעדאַנקט.

איך האָב געצויגן. און עס זיינען געקומען מיך באַגלייטן

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

דער ריכטער פון דער שטאָט מיט זיינע משרתים, דען עס איז שוין געווען האַרט פאַרנאַכט און איך בין געווען איינער אַליין. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון אַלמעריאַ און עס האָבן מיך באַגלייט דער ריכטער מיט זיין חבורה אָנדערטהאַלבן מייל. ער האָט געשיקט מיט מיר צוויי מענטשן, ווייל עס איז געוואָרן נאַכט, און ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען פאַרשליסן די טירן פון דער שטאָט, האָבן זיי (דער ריכטער מיט זיין חבורה) זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט אַריין. און איך בין געגאַנגען מיט יענע צוויי און איך בין אָנגעקומען ביינאַכט אין דער מחנה אינם פרוכטגאָרטן. אין דער דאָזיקער מחנה זיינען געווען אַ סך מענטשן, דען זי איז געווען אויפן וועג. האָבן מיר זיך דאָ געזעצט און איבערגעוואַרט די נאַכט.

אינדערפרי האָבן מיר געצויגן, איך און שלמה כהן, און די אייזלטרייבער און דער בעל-הבית פון דער שיף און קרישטאָפלי, און ער (קרישטאָפלי) איז געגאַנגען צופוס אויף דעם וועג, וואָס מיר זיינען אויף אים געגאַנגען. ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָט ס אָ ר ב אַ, און זי איז געווען אַ שטאָט פון מחמדאַנער 1). און נאָכדעם האָבן מיר געצויגן צו אַן אָרט פון קריסטן. און זיי אַלע, פון קליין ביז גרויס, קענען ריידן אויף לשון ישמעאל, און זיי זיינען אָרימעלייט. און מיר האָבן יענע נאַכט געשלאָפן אין דער מחנה ביז פרימאָרגן. אויף מאָרגן איז געווען וויינאַכטן, און די אייזלטרייבער האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך אָפּשטעלן אין יענעם אָרט, ווייל עס איז אָנגעקומען זייער חגא. האָב איך מבטל געווען מיין רצון פאַר זייער רצון, און מיר האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט. און עס איז צו מיר געקומען דער ריכטער פון דער שטאָט, אַ נכבד, און האָט צו מיר געזאָגט:

— אויב איר ווילט עפּעס, באַפעלט מיר, דען איך וועל טאָן אַלץ.

1) די דאָזיקע גאַנצע געגנט, וואָס דוד הראובני איז דורכגעגאַנגען, איז דאָס די מעריסקאָריש פונם געוועזענעם גראַנאַדער קאַליפאַט, וואָס איז חרוב געוואָרן אין יאָר 1492 דורך פערדינאַנד קאַטוליק און איזאַבעלע, די חסידים פון טאָר-קוועמאַדע.

און איך האָב געקויפט פאַר די אייזלטרייבער אַ שעפּס און אַ סך הינער, פונוועגן זיי זאָלן עסן און זיין זאַט. און די לייט פון יענער שטאָט, היינו די ישמעאלים, פלעגן קומען קושן מיינע הענט און האָבן זיך געפרייט מיט אַ גרויסער פרייד.

נאָכדעם האָב איך גערופן דעם ריכטער פון דער שטאָט און האָב מיט אים באַראַטן וועגן דעם בעל־הבית פון דער שיף, דען איך האָב מיך געשראָקן און נעפאָרכטן, ער זאָל ניט אַנטלויפן, דערפאַר ווייל איך האָב אים געהאַט געשלאָסן אין קייטן.

... [1] און איך האָב געקויפט פאַר אים פאַר דריי דוקאַטן אַ מוילאייזל צו רייטן אויף איר ביז קאַרטאַגענאַ [2].

און דער ריכטער האָט מיך געפרעגט:

— דו ווילסט אַ שטאַרקן מענטשן, וואָס זאָל אים היטן?

האָב איך אים געענטפערט:

— יאָ, געפין אַזעלכן, און איך וועל אים באַלוינען.

און דער ריכטער האָט מיר געגעבן אַ גוטן, שטאַרקן יונגנמאַן. און דער ריכטער האָט אים באַפוילן:

— אויב דער בעל־הבית פון דער שיף וועט אַנטלויפן, וועסטו מוזן באַצאָלן צוויי הונדערט דוקאַטן. לכן זאָלסטו אים וייער און וייער היטן.

מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון סאַרבאַ אויפן אַנדער טאָג נאָך ווייַנאַכטן, און דער יונגערמאַן איז געווען מיט אונז דעם גאַנצן וועג און האָט געהיט דעם בעל־הבית פון דער שיף. ווען יענער פלעגט גיין אויף זיין באַדערפעניש, פלעגט ער אויך גיין נאָך אים. ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָט פון ישמעאלים, וואָס זיינען געוואָרן קריסטן [3]. מיר זיינען אַריינגעקומען אין יענער

---

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

2) שטאָט אין דער פּראָווינץ מורסיאַ אויפן דרום־מזרחדיקן ים־ברעג פון שפּאַניע, געבויט דורך די אוראַלטע פעניקיער.

3) איזאַבעלאַ האָט אונטער טויטשטראָף אָדער גירוש געצוואונגען אויך מחמדאַנער אָנצונעמען דעם קאַטוליציזם. בכן זיינען אויך געווען מחמדאַנישע מאַראַנען (מאָריסקן אין וואַלענסיאַ א. אַנד.), אָפט גאַנצע שטעט.

שטאָט, וואָס איר נאָמען איז געווען פּורקאַ [1], און דאָרטן זיינען געווען קריסטן. האָבן מיר דאָרטן איבערגעשלאָפן די נאַכט. אינ־דערפרי האָבן מיר געצויגן און דערגרייכט אָרקאַ [2], אַ גרויסע שטאָט, און מיר האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט, מיר און דער בחור, וואָס היט דעם בעל־הבית פון דער שיף. פרייטאָג פרי האָבן מיר געצויגן און זיינען אָנגעקומען אין אַ שטאָט אַלבאַגייט [3], אַן אָרט פון בעדער און ווארעמע וואַסער, — און מיר האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אין דער מחנה אויף שבת.

זונטאָג האָבן מיר געצויגן נאָענט צו קאַרטאַגענאַ. און איך האָב געשיקט דעם בחור און צוויי אייזלטרייבער, זיי זאָלן קודם גיין קיין קאַרטאַגענאַ און אויסזוכן פאַר אונז אַ גרויסע גוטע וואוי־נונג. זיי זיינען געגאַנגען און האָבן זיך אומגעקערט צוריק מיט אַ תשובה, אַז זיי האָבן געפונען אַ שיינע דירה. זיינען מיר געגאַנ־גען מיט זיי און אַריין אין דער שטאָט קאַרטאַגענאַ און אָפּגע־שטעלט זיך אין דער דירה, וואָס זיי האָבן אויסגעזוכט פאַר אונז. די דירה איז געווען אַ שיינע, אָבער די בעל־הביתטע איז געווען אַ זונה. מען האָט אונז איינגעאָרדנט אַ טיש. שלמה כהן האָט אָנ־געהויבן אַרויסנעמען די זאַכן פון די קופערטס, כדי צו גרייטן דעם טיש, און די זונה די בעל־הביתטע איז געשטאַנען פאַר אים און פאַר די קופערטס. און איך האָב געזאָגט צו שלמה כהן:

— היט די כלים, האַלט וואַך די אויגן און גיי ניט אַוועק פון די זאַכן, ווייל איך האָב דערקענט, אַז די דאָזיקע פרוי איז אַ גרויסע מרשעת, און איך זע זי אויף אַ שלעכטן וועג, דען אַלע טאָג פאַרדינגט זי זיך, — און זי קען נאָך גנבענען ביי דיר וואָס עס איז.

און ווי איך האָב גערעדט דאָס אַלץ מיט שלמה כהן, איז די אשה רעה אַריינגעגאַנגען אין דעם חדר, וואָס מיין בעט איז דאָרטן, און האָט צוגעגנבעט די דעקע פון מיין בעט, וואָס איז ווערט געווען פופצן דוקאַטן, האָט אַרויסגעטראָגן דורכן פענסטער

1) פורטשענאַ?
2) לאָרקאַ?
3) אומבאַקאַנט.

פון דעם הדר, דערלאַנגט די דינסט און איז אַוועקגעגאַנגען. שלמה כּהן איז אַריין אין חדר נאָכדעם, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען און האָט דערזען, אַז די דעקע איז ניטאָ, — האָט ער גענומען שרייען אויף דעם ישמעאלי און אויף די משרתים. איך האָב דענסטמאָל געהאַלטן אין דאַוונען. און נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט מיין תּפילה, האָב איך צוגערופן שלמהן און געזאָגט צו אים:

— וואָס איז דיר?

האָט ער געענטפערט:

— מען האָט אַרויסגעגנבעט די דעקע, און איך בין חושד דעם ישמעאלי, וואָס היט דעם בעל־הבית פון שיף.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— ניט ער האָט עס צוגענומען, נייערט די שלעכטע פרוי האָט עס געטאָן.

און שלמה כּהן און דער ישמעאלי זיינען נאָך אַלץ געווען אין קריג. האָב איך גערופן צוויי ריכטער פון שטאָט און געזאָגט צו זיי:

— נעמט אָפּ מיין קלייד פון דער דאָזיקער פרוי.

און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

נאָכדעם האָט מען פאַר אונז געגרייט דעם טיש און מיר האָבן געגעסן.

און אין יענער נאַכט זיינען געקומען אונז באַזוכן אין דעם הויז אַ סך מענטשן נכבדים, און מיר זיינען אָפּגעזעסן ביז פרימאָרגן.

און דער בחור, וואָס האָט געהיט דעם בעל־הבית פון דער שיף, איז געשטאַנען אויף זיין וואַך געטריי. אָבער מאָנטאָג האָב איך באַמערקט, אַז דער בעל־הבית פון שיף וויל אַנטלויפן, דען איך האָב עס געשפּירט, — האָב איך אים אַריינגעזעצט אין געפענגעניש.

און עס זיינען געקומען צו מיר די ריכטער, — האָב איך זיי געוויזן דעם כּתב און די בולאַ פונם קיסר, אויך די בולאַ פונם פּויפּסט פאַר מיר און פון דעם מלך פון פּאָרטוגאַל. גם אַנדערע כּתבים האָב איך געהאַט אין האַנט. און אַז זיי האָבן דער־

זען דעם כתב פון קיסר, וואָס באַפעלט זיי, זיי זאָלן מיר אָנטאָן גרויס כבוד...[1] באופן אַז אַלע מענטשן פון דער שטאָט (קאַרטאַגענאַ), קליין און גרויס, אויך די ראשים זייערע, זיינען גע־קומען מיך זען, — קיינער האָט ניט געפעלט. נאָר נאָך האַלבן טאָג איז געקומען צו מיר איין ריכטער, — און די איבעריקע ריכטער זיינען בעת־מעשה געווען ביי מיר, — און ער האָט געזאָגט:

— איך וויל נעמען תּפוס די דאָזיקע יידן, ווייל זיי טאָרן ניט אַריינקומען אין אונזער לאַנד.

האָב איך אַרויסגענומען דעם כתב פון קיסר און האָב אים אַלץ געוויזן. דעם קיסרס סעקרעטער האָט דורכגעלייענט דעם כתב און ער (דער ריכטער) האָט געוואָלט דעם קיסרס כתב פאַרהאַלטן, — האָב איך אַרויסגענומען דעם כתב פון זיין האַנט און האָב אים שוין ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט. נאָכדעם האָט ער (דער ריכטער) אַרויסגענומען אַ כתב פון דעם קיסרס הויפּט־פאַר־שטער, וואָס האָט זיין זיצאָרט אין מורסיאַ[2] און וואָס האָט אין יענעם כתב צו אים געשריבן, ער זאָל אונז נעמען תּפוס על כל פנים. אַלע ריכטער פון דער שטאָט זיינען מיר געקומען צו הילף, אָבער יענער ריכטער האָט ניט אָנגענומען קיין שום וואָרט פון זיי־ערע רייד. און ער האָט געזאָגט צו מיר און צו זיי, אַז ער וויל שרייבן צום פאָרשטער פון מורסיאַ און שיקן צו אים אַ שליח:

— זאָל ער מיר מודיע זיין, וואָס איך זאָל טאָן מיט די דאָזיקע יידן.

און ער האָט אַוועקגעשריבן צום פאָרשטער, אַז איך האָב אַ כתב פון קיסר און אַ כתב פון פויפּסט, — אַלץ באריכות. אונז האָט ער דערווייל פאַרשפּאַרט אין הויז, פאַרשלאָסן די טיר און באַשטימט פאַר אונז צוויי מענטשן, וואָס זאָלן שטיין אויף דרויסן אויף דער שמירה, — און איך האָב פון דעם ניט געוואוסט.

נאָכדעם האָט שלמה כהן געוואָלט גיין מיט מיין רשות אין

---

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

2) שטאָט פון דער פּראָווינץ מיטן זעלביקן נאָמען אויפן ברעג פון טייך סעגוראַ אין שפּאַניע.

מאַרק קויפן עפּעס, און נון — די טיר איז פאַרשלאָסן און מען היט די טיר פון דרויסן. אַז שלמה כהן האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט, בין איך אויפגעבראַכט געוואָרן ביז טויט. און איך בין אַרויס צו דער טיר און גענומען זוכן מיט וואָס זי אויפצובּרעכן. האָט קרישטאָפלי געזאָגט צו מיר:

— עס איז פאַרהאַן אַן אַנדער טיר אַרויסצוגיין און מען דאַרף ניט אויפברעכן די טיר.

און ער האָט מיר געוויזן די טיר, וואָס איך קען דורך איר אַרויסגיין. און איך בין אַרויסגעגאַנגען. די שומרים זיינען געשטאַנען ביי דער טיר און דער ריכטער מיט זיי. אין דער שטאָט זיינען געווען אַ סך ישמעאלים. און איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. איז צוגעגאַנגען צו מיר דער ריכטער, אויך אַ סך מענטשן, — און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— ווי איר זעט, איז דער דאָזיקער ריכטער עובר אויף דעם באַפעל פון קיסר און פון פּויפּסט; ער זינדיקט קעגן דעם קיסר, וואָס האָט באַפוילן זיין גאַנצער מלכות, מען זאָל מיר אָנטאָן כבוד אויפן ים און אויף דער יבשה, און דער דאָזיקער האָט מיך פאַרשלאָסן אין הויז און געוואָלט מיך נעמען תפוס, — אָבער איך האָב אין מיין האַנט דעם קיסרס כתב. היינט נאָך וועל איך שיקן אַ שליח צום קיסר און וועל אים אָנשרייבן וועגן די דאָזיקע אַלע מעשים, וואָס עס האָט געטאָן מיט מיר דער דאָזיקער ריכטער, — דאָס מעג מיר קאָסטן אַפילו צוויי הונדערט דוקאַטן, — און איך וועל זען, מיט וואָס דער ענין וועט זיך ענדיקן.

און עס האָט געזאָגט צו מיר דער ריכטער — דער משרת פון דעם פאָרשטער פון מורסיאַ:

— איך וועל קיינעם פון אייך ניט פאַרשליסן, אָבער פאַרברענגט אין אייערע הייזער, און צוויי פון מיינע משרתים וועלן שטיין מיט אייך אין הויז ביז עס וועט אָנקומען צו מיר מאָרגן די תשובה פון דעם פאָרשטער, דען איך קען דיר ניט טאָן ניט קיין גרויסע זאַך און ניט קיין קליינע, נייערט לפי דעם באַפעל פון דעם פאָרשטער.

און אַז איך האָב דערהערט די דאָזיקע רייד, האָב איך ניט

געקענט טאָן קיין אַנדער זאַך, און איך האָב מיך צוריקגעקערט אין הויז און געזאָגט צום ריכטער:

— לאָז דעם שלמה גיין אין מאַרק קויפן וואָס נייטיק איז, און איך וועל שטיין אין הויז, און דיינע משרתים וועלן אויך שטיין מיט מיר אין הויז.

און ער האָט געטאָן אַזוי. ביינאַכט איז ער געקומען און האָט געשלאָפן אויף דער דיל. אין הויז זיינען געווען ער מיט זיינע משרתים. און ער האָט ניט געוואָלט (און ניט געלאָזט זיינע מענטשן) שלאָפן אין בעטן, בכדי צו היטן אונז. איך בין רויק און זיי זיינען אין גרויס צער. איך און שלמה כהן זיינען געשלאָפן אין בעטן און מיר האָבן ניט געהאַט ניט קיין פאָרכט און ניט קיין שרעק פאַר זיי ביז אינדערפרי.

און דער שליח, וואָס דער ריכטער האָט געשיקט
צום פאָרשטער פון מורסיאַ, האָט זיך אומגעקערט
צוריק און האָט געבראַכט צו אים אַ תשובה
בכתב, אַז מיר מעגן זיצן און פאַרברענגען
(אין לאַנד)... (ער כאן דער כתב־יד, דען
ער איז אַ חסור, און איך ווייס ניט,
וויפיל דפים עס פעלן, על כן
קענען מ׳ר ניט וויסן, וואָס
איז געווען דער סוף מיט
ר׳ דוד הראובני) 1).

1) דאָס איז אַ הערה פון דעם איבערשרייבער. דער דאָזיקער איבערשרייבער איז זיכער געווען איינער פון די פריינד פון דוד הראיבני און שלמה הכהן, ווי עס איז צו זען פון דער ערשטער שורה פון דעם וויטער־דיקן קאַפיטל.

ז. חשבון פון די הוצאות.

דאָס זיינען די הוצאות, וואָס ר׳ שלמה כהן האָט געמאַכט פאַר אונזער האַרן דעם שר הצבא ר׳ דוד:

דאָ פאַרשרייב איך, שלמה כהן בכמ״ר אברהם כהן זצ״ל פון פראַטאָ[1], אַלע הוצאות, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אונזער האַרן דעם שר הצבא ר׳ דוד בן המלך שלמה זצ״ל פון מדבר חבור פון י״ח טבת רפ״ו אָן, דען אין יענעם טאָג האָב איך איבערגענומען דעם חשבון פון די מעות פון דער האַנט פון בן-ציון יצ״ו פון קורייאָ, נאָך אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעגעבן פון טאַווילאַ ביז אַלמאַרינאַ, — און דאָס, וואָס ער האָט אויסגעגעבן, שטייגט אַריבער 80 דוקאַטן.

נאָכדעם האָב איך, שלמה כהן, געמאַכט די הוצאות.

און אַלע הוצאות, וואָס איך האָב געמאַכט פון דעם טאָג י״ח טבת רפ״ו אָן, — הן וואָס איך האָב אויסגעגעבן אין אַלמאַרינאַ און אין סאַנטירין, און אויף צו באַצאָלן פאַר די מוילאייזלען, און אין טאַווילאַ אויפן צוריקוועג, און אין עצם וועג, און אין לאַגאָ און אין אלמאַרינאַ און אין אַלמעריאַ, און אויפן ים און אויף שכר פאַר די שיפן, — ביז צום היינטיקן טאָג, האַלב חודש אייר רפ״ז, דען אין דעם טאָג איז געשען דער בראָך פון אונזער שיף, — דאָס הייסט אַן ערך פערצן חדשים מיט אַ האַלבן, — אַלע הוצאות, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אָט דער צייט, דערגרייכט דעם סכום פון צוויי טויזנט מיט צוויי הונדערט דוקאַטן. אַהער גייען ניט אַריין: יענע געלטער, וואָס עס האָט גענומען ביי אונז דער שר פון קלאַרמאָנט[2], וואָס האָט אונז פאַר-

---

1) שטאָט אין מערב-איטאַליע.

2) קלערמאָן (פערראַן)—שטאָט אין דער פראָווינץ אָווערני אין פראַנקרייך.

האַפּט אויפן אינזל פון ים, אין אַדדי[1]), — צוויי טויזנט מיט פיר דוקאַטן, דאָס געלט, וואָס איך האָב געגעבן אין פּאָרטוגאַל די משרתים פון דעם קיניג, און דאָס פערד, וואָס איך האָב געשיקט בתור מתנה דעם מלך פּאָרטוגאַל; — בסך הכל צוויי טויזנט מיט פיר דוקאַטן.

קודם זיינען ביי מיר אין האַנט געוועזן אַלע בגדים און אַלע ענינים פון דעם שר הצבא דוד בן המלך שלמה וצ״ל, דען ער האָט מיר אַלץ איבערגעגעבן.

און איך, שלמה כהן הנ״ל, האָב געטאָן אַלץ, וואָס עס האָט מיר באַפוילן דער שר הצבא אונזער האַר הנ״ל, און אַזוי האָב איך, שלמה כהן הנ״ל, אַלץ פאַרשריבן דאָ, פונוועגן דאָס זאָל פאַרבלייבן לזכרון אויף דור=דורות.

נאָך פריער האָב איך געגעבן אַ מתנה דעם סעקרעטער, וואָס איז מיט אונז מיטגעגאַנגען פון טאַווילאַ און וואָס דער ריכ= טער פון טאַווילאַ האָט אים געשיקט צו מיר לפי דעם באַפעל פון דעם מלך פּאָרטוגאַל און אים געגעבן אויף הוצאות הדרך. דער דאָזיקער סעקרעטער האָט מיר אָנגעטאָן גרוים כבוד, גאָר ניט מעגלעך אויסצודערציילן, און פונוועגן דעם האָב איך אים געגעבן במתנה די אַלע זאַכן, וואָס ווערן אויסגערעכנט ווייטער, און דאָס זיינען זיי: קודם האָב איך געגעבן דעם סעקרעטער פון טאַווילאַ הנ״ל, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט מיר, די אונטן אויסגערעכנטע זאַכן: אַן אַטלאַסענעם האַלזבאַנד און אַ נייעם גורט, וואָס איך האָב געהאַט מיטגעבראַכט פון פיסאַ; אויך אַ נייעם שוואַרצן רעגנמאַנטל אויף גרינעם אונטערשלאַק, וואָס איך האָט מיטגעבראַכט פון פיסאַ. גם דעם דערמאָנטן סעקרעטערס ווייב האָב איך געגעבן אַ גוטן שיינעם שטאָף, בכדי זי זאָל מאַכן זיך אַ לייבראָק. אויך האָב איך איר געגעבן פיר איילן שוואַרצן שיינעם און גוטן אַטלאַס.

דעם קאַרבאַליאַ פון טאַווילאַ, וואָס האָט מיר באַדינט און איז געווען תמיד גוט צו מיר, האָב איך געגעבן אָט די אַלע זאַכן: אַן אַטלעסענעם שוואַרצן רעגנמאַנטל אויף גרינעם אונטערשלאַק,

---

1) אַמבאַקאַנטע שטאָט אין דרום=פראַנקרייך.

וואָס איך האָב געבראַכט פון פיסאַ; אַ האָריקן ווייסן לייבראָק, וואָס איך האָב געבראַכט פון פיסאַ; אַ גרויסן רעגנמאַנטל און אַ גרויסן שיינעם און גוטן אייבערראָק, וואָס איך האָב געקויפט...[1] אין לאַגאָ—אַ גוטן און שיינעם לאָנדאָנער שטאָף אויף צו מאַכן פאַר קאַרבאַליאַ די דאָזיקע קליידער. אויך מיין גרויסן און שיינעם שווערד האָב איך אַוועקגעגעבן דעם קאַרבאַליאַ הנ״ל.

מתנות האָב איך געגעבן אויך דעם אָנוס פון טאַווילאַ, פיראַנטינאַ, און זיין ווייב דער אנוסה, וואָס מיר זיינען געשטאַנען אין זייער הויז, ווען מיר זיינען געקומען דעם ערשטן מאָל, און זיי האָבן אונז אָנגעטאָן אומגעווייגלעך גרויס כבוד. מיר האָבן געגעסן און געוואוינט אין זייער הויז פערציק טעג; זיי האָבן אויסגעגעבן אויף אונז כל המינים הוצאות און האָבן פון אונז קיין שום זאַך ניט פאַרלאַנגט. און אָט, בכדי ניט צו פאַרבלייבן קיין כפוי טובה, האָב איך אים און זיין ווייב געגעבן די דאָזיקע אַלע אונטן-אויסגערעכנטע זאַכן: אַ שווערד מיינעם, וואָס איך האָב געבראַכט פון רוים, און וואָס איז געווען זייער שיין, האָב איך אַוועקגעגעבן דעם פיראַנטינאַ הנ״ל. צוועלף איילן ווידן-שטאָף און פיר איילן שוואַרצן דמשק-שטאָף האָב איך געגעבן דעם מאַראַן פיראַנטינאַס ווייב, ווען איך בין דעם ערשטן מאָל געקומען אין זייער הויז אין טאַווילאַ. אויך האָב איך אין אַלמעריאַ געגעבן דעם פיראַנטינאַ הנ״ל, וואָס איז געקומען מיט מיר פון טאַווילאַ צום קיניג פון פאָרטוגאַל, פאַר זיין ווייב: אַ שיינעם לייבראָק באַפּוצט מיט פערל; גם אַ דימענט איינגעפאַסט אין שיינעם גאָלד, האָב איך אים געגעבן אין אַלמאַרינאַ פאַר זיין ווייב. פינף גאָלדענע רינגען האָב איך געגעבן פיראַנטינאַס ווייב פאַר איר מאַן אין די אויגן אין מיין הויז, בעת זי האָט זיך דעם לעצטן מאָל צוריקגעקערט קיין טאַווילאַ.

אויך האָב איך אין אַלמאַרינאַ געגעבן געשענק די משרתים פון דעם מלך פאָרטוגאַל, די דריי, וואָס זיינען געקומען מיר אָנזאָגן, אַז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ זון ביים קיניג: אַ רויטן נייעם דמשקער רעגנמאַנטל, וואָס עס האָט מיר געגעבן כמ״ר דניאל פון

1) דאָ איז אַ חסר אין אָריגינאַל.

פיסאַ אין נאָמען פון דעם פויפסט, האָב איך געגעבן דעם ערשטן משרת, וואָס האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ זון ביי דעם קיניג. דעם צווייטן משרת פון קיניג, וואָס האָט מיר מבשר געווען, אַז ביים קיניג איז געבאָרן אַ זון, האָב איך געגעבן אַ טערקישן אויבער־בגד מיט גאָלד־געוועב, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך און וואָס איך האָב געהאַט אַליין געטראָגן. און דעם דריטן משרת פון קיניג, וואָס האָט מיר די וועלביקע ידיעה געבראַכט, האָב איך געגעבן אַ זיידענעם אויבער־בגד, וואָס איך האָב געבראַכט פון מדבר חבור.

גם האָב איך געגעבן יהודה פיראַנטי, אַ ייד אַ זקן פון איסאַפי, וואָס איז געווען גוט און וואוילגעפעלן אין מיינע אויגן, אָט די אַלע זאַכן: איין נייעם שיינעם ראָק און אַ שיינעם בורנוס, צוויי שוואַרצע שיינע אויבערדעק און נייע זאָקן, אויך אַ מאַנטאָ האָב איך שלמה אים געגעבן לפי דעם באַפעל פון מיין האַרן דעם שר הצבא יצ״ו הנ״ל.

אויך האָב איך געגעבן מתנות יוסף קורדיליאַ, וואָס איז געקומען צו מיר פון איסאַפי און איך האָב געמיינט, אַז ער איז גוט צו מיר, אָבער ער איז געווען אַ שאַלקהאַפטיקער מענטש, אין תוכו כברו[1]; אויבוואויל ער האָט געזאָגט און געשריבן צו מיר בריוו, אַז ער וועט מיטגיין מיט מיר אין דעם גאַנצן וועג, וואָס איך וועל גיין אין אים, האָט ער אָבער ניט געטאָן אַזוי. איך האָב געגלויבט אין זיינע פאַלשע רייד און האָב אים אָנגעקליידט פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע מלבושים, דען איך האָב גערעכנט, אַז ער איז גוט. ער איז עס אָבער ניט געווען, דען איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ ממונה איבער מיין הוצאה, און ער האָט גענומען און געגנבעט פון מיר אָן מיין וויסן, נאָכדעם ווי איך האָב אים אויסגעקליידט.

גם האָב איך צו אברהם פון איסאַפי איבערגעגעבן די דאָזיקע התמנות, דען אויך ער איז געקומען גנבענען מיין דעה און האָט אויך געשריבן און געחתמעט, אַז ער וועט גיין מיט מיר אין

1) פון אינעווייניק איז ער ניט אַזוי ווי פון דרויסן — אין האַרצן איז ער ניט אַזוי. ווי ער ווייזט זיך אַרויס לפנים.

דעם גאַנצן וועג, וואָס איך וועל אין אים גיין, — פונוועגן איך זאָל מיט כּבוד קומען צום קיניג, ווייל ער איז געווען אַ בעל=לשון צווישן מיר און דעם קיניג. לכן, פונוועגן דעם און פון מיין כּבוד וועגן, האָב איך אים אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פּיס אין נייע קליידער. און איך, שלמה כהן פון פּראַטאָ, האָב געטאָן אַלץ מיטן רשות און מיט דער הסכּמה פון דעם שר הצבא אונזער האַר הנ״ל.

נאָך האָב איך איפּגענומען אויף דער דאָזיקער שטעל דעם אַנדער יהודה, וואָס איז אויך געקומען פון איסאַפּי, נאָר אויך ער איז ניט געקומען צוליב קיין אַנדער זאַך, נייערט צו גנבענען מיין דעה; אויבוואויל ער האָט געשריבן און געחתמעט, אַז ער וועט מיטגיין מיט מיר אין יעדן וועג, וואָס איך וועל אין אים גיין, האָט ער מיך גענאַרט מיט זיין חתימה. איך האָב אים געגלויבט, און דעריבער, פון מיין כּבוד וועגן, אַז ער גייט מיט מיר צום קיניג, האָב איך אים אויסגעקליידט פון קאָפּ ביז די פּיס אין נייע בגדים. און איך, שלמה כּהן הנ״ל, האָב אַלץ געטאָן מיטן רשות און מיט דער הסכּמה פון אונזער האַר דעם שר הצבא הנ״ל.

אויך דעם יצחק פון איסאַפּי, וואָס איז געקומען צו מיר, האָב איך איבערגעגעבן די השגחה איבער מיין הוצאה, און אויך ער האָט ניט געהאַלטן קיין וואָרט. אויך ער האָט געשריבן און געחתמעט צו קומען מיט מיר, און איך האָב אין אים געגלויבט, און ער האָט ניט אַזוי געטאָן. און נאָר צוליב מיין כּבוד האָב איך אים איינגאַנצן אָנגעטאָן אין נייע קליידער. און איך שלמה הנ״ל האָב געטאָן אַלץ מיטן הסכּם פון אונזער האַרן.

מיין חשבון איז ניט כּולל די אַנדערע מתנות און די אַנדערע געלטער, וואָס איך האָב געגעבן די דאָזיקע פיר לעצטע יידן, און וואָס זיי האָבן ביי מיר געגנבעט אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן. און איך, שלמה, האָב געטאָן אַלץ מיטן רשות און מיט דער צושטימונג פון אונזער האַר דעם שר=הצבא הנ״ל.

דעם יידישן בעקרעטער ר׳ יעקב סופר יצ״ו, וואָס איז געקומען צו מיר פון פעץ, האָב איך געגעבן די דאָזיקע אַלע זאַכן: גאָלדענע זיגלען, גרויסע און שיינע, געקריצט מיט געטלעכן כּתב, און זייער וואָג איז געווען פיר און צוואַנציק דוקאַטן גאָלד, אַחוץ

די זילבערנע לוחות, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש; אַ זיידענעם דגל, געשריבן מיטן פינגער דאָס געט־לעכע געשריפטס — די עשרת הדברות — אינמיטן. און געגעבן האָב איך די דאָזיקע זאַכן ר׳ יעקב סופר הנ״ל, פונוועגן ער זאָל אי־בערגעבן יענעם דגל אין מיין נאָמען דער קהילה קדישה פון פעץ יצ״ו, און איינעם פון די גילדערנע זיגלען זאָל ער איבערגעבן צו כבוד מורנו ר׳ יעקב רושאַלין יצ״ו פון פעץ פאַר אַ שכר פון מיר. און די דאָזיקע זאַכן האָב איך אים געגעבן און געשיקט צו זיי, בכדי זיי זאָלן צושיקן צו מיר אַ געשטאַלט פון משכן מיט אַ מויער אַרום און אַרום, דען זיי האָבן אַזאַ געשטאַלט, כפי די רייד פון ר׳ יעקב סופר הנ״ל, און זיי זאָלן מיר צושיקן גם אַ שיי־נעם און אַ גוטן ווייסן פערד, בכדי איך זאָל עס געבן דעם פויפסט — זאָל לעבן.

און אַזוי האָט ר׳ יעקב הנ״ל מקבל געווען די גאָלדענע זיגלען און דעם דגל הנ״ל פון מיר, שלמה כהן, מיטן רשות און דער הסכמה פון אונזער האַר דעם שר הצבא. און ר׳ יעקב הנ״ל האָט אַ נדר געטאָן און געשוואָרן אומצוקערן זיך צוריק צו אונז מיט יענע זאַכן קיין טאַווילאַ אין משך פון אַ חודש צייט, אָבער ער האָט ניט געטאָן אַזוי, דען ער האָט זיך מער קיינמאָל ניט צו־ריקגעקערט צו אונז.

איך האָב געגעבן מתנות דעם פראַנסיקאָ דאַלימאָלי, דעם קענער פון אַראַביש, וואָס איז געווען (דער מליץ) צווישן מיר און דעם מלך פאָרטוגאַל, וואָס דער קיניג האָט געשיקט באַגלייטן מיך אין וועג. ער איז מיטגעגאַנגען מיט מיר ביז טאַווילאַ, און איך האָב אים געגעבן די דאָזיקע זאַכן: אַ בורנוס, וואָס איך האָב אים גע־קויפן פאַר אַכט דוקאַטן; אַ ראָק און אַן אויבער־ראָק פון שוואַרצן, נייעם, גוטן שטאָף, וואָס איך האָב אויסגעגעבן דערויף דרייצן דוקאַטן; אַ פאָר שוואַרצע זאָקן, וואָס קאָסטן צוויי דוקאַטן; צוויי העמדער, שיינע און נייע, איינס מיט גאָלד־געוועב און דאָס אַנ־דערע ניט מיט גאָלד, — פיר דוקאַטן. פראַנסיקאָ דאַלימאָלי האָט אויך ביי מיר באַקומען איין גורט פון זילבער און גאָלד, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם מאַראַן דעם בעל־הבית פון דער שפחה,

וואס איך האב נעהאט געקויפט אין סאנטירין (איך האב ביי דעם בעל־הבית פון דער שפחה צוגענומען דעם גורט, בכדי ער זאל אים אויסלייזן, דען ער איז מיר שולדיק צוועלף דוקאטן). אויך א שיינעם גוטן פערד האב איך געקויפט פאר פראנסיקא דאלימאלי אין עווארא, און איך האב באצאלט פאר אים פינף און דרייסיק דוקאטן. און אט די אלע זאכן האב איך געגעבן דעם פראנסיקא דאלימאלי פאר מיין כבוד, היות דער קיניג פון פארטוגאל האט אים מיטגעשיקט מיט מיר אין וועג ביז טאווילא, — און צוליב דעם קיניג האב איך אים געטאן דאס אלץ.

גם האב איך געגעבן דעם סעקרעטער פון טאווילא אויף מיין צוריקוועג אזויפיל שטאף, וואס ער זאל קענען דערפון מאכן פאר זיך א ראק און פאר זיין ווייב א לייבראק. אויף דעם דאזיקן שווארצן שטאף האב איך אויסגעגעבן דרייצן דוקאטן.

אויף מיין צוריקקער קיין טאווילא האב איך געגעבן דעם גרויס־ריכטער מיין פריינד: א גרויסן אייזערנעם מלבוש, וואס נעמט ארום דעם גאנצן גוף פון קאפ ביז די פיס, אויך די פינגער פון די הענט, דאס געזיבט און דעם האלז; א גוטן שווערד, א שיינעם אין א נייעב. און געקאסט האבן זיי מיר צוזאמען זעכציק דוקאטן.

שלמה לוי פון איסאפי, וואס איך האב אים געשיקט צום מלך פארטוגאל און ער האט זיך שוין מער ניט אומגעקערט צוריק, האב איך געגעבן צען דוקאטן אויף הוצאות הדרך. און צען אנדערע דוקאטן האב איך פאר אים זיין קרוב געגעבן דעם מאראן דעם גאלדשמיד פון טאווילא פאר דער ערבות, וואס ער האט פאר אים געגעבן, בעת ער (שלמה הלוי) איז פארהאפט געווארן איבער דעם יידענעם בגד, וואס ער האט געטראגן, — בסך הכל צוואנציק דוקאטן. אויך האב איך געגעבן דעם דערמאנטן שלמה לוי פון איסאפי מיין זייער שיינעם שווערד, און איך האב אים געשיקט צום קיניג, און ער האט זיך מער ניט צוריקגעקערט.

אויך אויף דעם ישמעאלי, וואס איך האב געשיקט פון טאווילא צום קיניג פון פארטוגאל מיט בריוו וועגן זיין אנקומען קיין טאווילא, האב איך אויסגעגעבן הוצאות. קודם האב איך אים געגעבן פיר דוקאטן ביי זיין אפפארן פון מיר, ווען איך האב

אים געשיקט צום קיניג. און בשעת דער ישמעאלי הנ״ל האָט זיך אומגעקערט צוריק פון קיניג און געבראַכט פון אים אַ גוטן בריוו, האָב איך אים געגעבן אַ גוטן גרויסן שטאָף, כדי ער זאָל פון אים מאַכן פאַר זיין מוטער און פאַר זיין שוועסטער אַ לייבראָק און אַנדערע מלבושים, — און געווען איז אין דעם שטאָף פערצן איילן.

און אלדיקא דעם משומד האָב איך געגעבן די דאָזיקע זאַכן, ווען איך האָב אים געשיקט צוזאַמען מיט קרישטאָפלי צום קיניג פון פּאָרטוגאַל מיט אַ פערד, אַ מתנה פאַרן קיניג: אַ שיינעם און נייעם, גרויסן און גוטן בורנוס, וואָס ער האָט נגדאַרפט אין מיין נאָמען און פאַר מיר געבן מיין גוטן פריינד קאַרניירי, — ער, אלדיקא, האָט אָבער דעם בורנוס ניט אָפּגעגעבן, נייערט צוגענומען פאַר זיך. און אויסגעגעבן האָב איך אויף דעם בורנוס זעכצן דוקאַטן. נאָך האָב איך דורך אלדיקא דעם משומד געשיקט צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, פון טאַווילאַ קיין סאַנטירין, דעם זיצאָרט פון דעם קיניג, בתור מתנה אין מיין נאָמען אַ גוטן, גרויסן, רויטן שיינעם פערד, וואָס האָט געקאָסט מער ווי הונדערט דוקאַטן. אויך האָב איך געשיקט דעם קיניג דורך אלדיקא אַ גוטן זאָטל און אַ שיינעם צוים מיט זילבערנע מכשירים און זיידענע באַפּוצונגען פון פערד. אלדיקא דער משומד האָט אָבער דעם געשפּאַן ניט אָפּגעגעבן דעם קיניג, נייערט דעם פערד אַ הוילן, און אַלע מכשירים פון פערד האָט ער צוגענומען פאַר זיך. און אויף די אַלע מכשירים און באַפּוצונגען האָב איך אויסגעגעבן פופציק דוקאַטן. חוץ דעם האָב איך דעם אלדיקא הנ״ל געגעבן געלט אויף הוצאות הדרך פאַרן פערד און פאַר זיך אויף אַהין, פון טאַווילאַ ביז סאַנטירין, און אויך אויף צוריק, — צען דוקאַטן.

דעם אַלטן מאַראַן, וואָס האָט מיר באַדינט און וואָס איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, האָב איך געגעבן שוואַרצן גוטן שטאָף, וואָס איך האָב געקויפט, כדי ער זאָל פאַר זיך מאַכן אַ גוטן ראָק און אַ פּאָר גוטע זאָקן, — חוץ דעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון מיר ביי זיין אַוועקגיין פון אונז.

און דעם מאַראַן דעם שניידער, וואָס איז געווען אַ גוטער מענטש און האָט תמיד מלביש געווען אונזער האַרן, האָב איך גע־

געבן שוואַרצן גוטן צייג, וואָס איך האָב געקויפט פאַר אים, פונוועגן ער זאָל מאַכן דערפון אַן אויבערראָק פאַר זיך. און אַזוי האָב איך געקויפט פאַר אים צוויי מאָל צוויי פאָר זאָקן, חוץ די געלט, וואָס איך האָב אים געגעבן בעת ער איז אָפּגעפאָרן פון מיר קיין לאַגאָ.

דעם משרת דעם סעקרעטער פון טאַווילאַ, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט אונז צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, האָב איך געגעבן אַ שיינעם ווייסן און נייעם אויבערראָק, וואָס איך האָב געקויפט פאַר אים, און אַ פּאָר נייע זאָקן האָב איך אויך געלאָזט מאַכן פאַר אים.

און דעם קרישטאָפּלי, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט אונז, האָב איך געגעבן אַ גוטן נייעם אויבערראָק אויף אונטערשלאַק פון פראַנצויזישער שטאָף. לכתחילה האָב איך עס געמאַכט פאַר דעם קנעכט דעם כושי, וואָס איך האָב געקויפט, נאָר נאָכדעם, ווי דער קוראַטאָר דער רשע פון טאַווילאַ האָט אים צוגענומען פון מיר, האָב איך דעם אויבערראָק אַוועקגעגעבן צו קרישטאָפּלי. דאָס האָט מיר אָפּגעקאָסט אַ סך, חוץ דעם געלט, וואָס קרישטאָפּלי הנ״ל האָט פון מיר באַקומען.

דעם ישמעאלי דעם מנגן האָב איך אַוועקגעגעבן גוטן צייג, וואָס ער האָט פון אים געמאַכט אַן אויבערראָק און אַ פּאָר שיינע און גוטע זאָקן פאַר זיך.

דעם גלח, וואָס שטייט פאַר דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל, האָב איך געגעבן מיינעם אַ שיינעם, גרויסן און גוטן שווערד.

אַן אַנדער גלח, אַ חבר פון דעם קיניג, האָב איך געגעבן גוטן שטאָף, לחלוטין פאַר אים געקויפט, בכדי ער זאָל דערפון מאַכן פאַר זיך אַ גרויסן שיינעם ראָק.

דער קוראַטאָר און ריכטער דער רשע, וואָס איז געקומען פון טאַווילאַ נאָך דעם אָפּפאָרן פון מיין פריינד דעם גוטן ריכטער, איז געקומען צו מיר אין הויז מיך צו פירן קיין לאַגאָ, בכדי איך זאָל אַוועקגיין (פון לאַנד), און אַז ער האָט דערזען דעם קנעכט דעם כושי, האָט ער אים צוגענומען פון מיר אָן געלט און אָן מיין רשות, נייערט מיט געוואַלד. דער קנעכט דער כושי

איז געווען אַ גרויסער און אַ גוטער, און צוואַנציק יאָר אַלט, וואָס איך האָב אים געהאַט געקויפט, כדי צו פירן אים קיין רוים און אַוועקגעבן אים צום פויפסט, — און דער קוראַטאָר הנ״ל האָט אים ביי מיר צוגענומען אומזיסט ביד חזקה. און איך האָב אויסגעגעבן אויף אים פופציק דוקאַטן.

אויך האָב איך אויסגעגעבן הוצאות אין אַלמעריאַ. דעם שוואָגער פון דעם ריכטער[1], וואָס איז געקומען ברענגען אונז די בשורה, אַז זיין שוועסטער האָט געבאָרן אַ טאָכטער, האָב איך געגעבן איין דוקאַט. און דער יולדת, דער פרוי פון דעם ריכטער פון אַלמעריאַ, בעת איך בין געגאַנגען געבן איר אַ ברכה, האָב איך געגעבן די דאָזיקע זאַכן: אַ דימענט איינגעפאַסט אין גאָלד און אַ גאָלדענעם פערלשנור. אויך אין דעם טאָג פון מיין אָפפאָרן, בעת איך בין געגאַנגען צו זי, האָב איך איר געגעבן צוויי גאָלד-דוקאַטן במתנה.

און בכדי עס זאָל זיין צו אַן עדות און לזכרון און צו אַ ראיה אויף דור-דורות אין דער האַנט פון אונזער האַרן דעם שר-הצבא דוד בן המלך שלמה זצ״ל פון מדבר חבור, — האָב איך, שלמה כהן בכמ״ר אברהם כהן זצ״ל פון פראַטאָ, דאָס אַלץ פאַרשריבן אין האַלבן חודש אייר רפ״ז, דען מיטן רשות און מיט דער הסכמה פון אונזער האַר דעם שר-הצבא הנ״ל האָב איך געטאָן און געגעבן אַלץ, דען אין מיין האַנט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער כוח צו געבן איטלעכן, לפי זיין באַגער און לפי זיין רצון.

דאָ באַשרייב איך, שלמה כהן בכמ״ר אברהם כהן ז״ל פון פראַטאָ, אַלע זאַכן, וואָס דער שר פון קלאַרמאָנטי האָט דעם דריטן טאָג פון חודש אייר רפ״ז צוגענומען פון אונזער האַרן דעם שר-הצבא פון ישראל דוד בן המלך שלמה זצ״ל פון מדבר חבור, בכדי עס זאָל זיין צו אַ זכר, צו אַן עדות און צו אַ היטונג אויף דור-דורות.

צוואַנציק דוקאַטן צום שר פון קלאַרמאָנטי מאָנטאָג י״ד אייר רפ״ז דורך גאַבריעלאָ בולאַ, דעם בעל-הבית פון

---

1) דאָס איז דער ריכטער, וואָס האָט געשטאַמט פון יידן און האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען, נאָר ער האָט דוד הראובני פיל גוטס געטאָן.

אונזער שיף, וואָס איז געגאַנגען צו אים פון דער אינזל פון ים נאָכדעם ווי עס איז אונטערגעגאַנגען אונזער שיף. און אים האָב איך געשיקט קיין אַדדי צו דעם שר הנ״ל, ער זאָל אונז ברענגען דעם כתב=בטחון, דען איך האָב געהערט וועגן אַלע מעשים, וואָס ער טוט. אויך האָב איך געשיקט צום שר הנ״ל דורך גאַבריעלאָ בולאַ הנ״ל די בולאַ און אַלע בריוו און פרייהייטס=כתבים, וואָס זיינען געוועזן ביי מיר אין האַנט הן פון דעם פויפסט זאָל לעבן, הן פון דעם מלך פּאָרטוגאַל און פון דעם קיסר. און אַזוי האָט ער, גאַבריעלאָ בולאַ, אין יענעם טאָג איבערגענומען אַלע כתבים און גאָר דאָס געלט פאַר דעם שר פון קלאַרמאָנטי הנ״ל. דאָס איז געווען אַ סכום פון צוואַנציק דוקאַטן.

ויהי און עס איז געווען אין דעם טאָג פון דינסטאָג, ט״ו אייר רפ״ז, איז געקומען צו אונז דער דערמאָנטער שר מיט אַלע זיינע האַרן פון אַדדי צו דער אינזל פון ים, פיר מייל ווייט פון יענער שטאָט. ער האָט געשיקט צו אונז אין ים דעם בעל=הבית פון אונזער שיף און אַלע זיינע משרתים און שרים, אָבער אַליין איז ער פאַרבליבן אויפן ברעג פון ים. און זיינע משרתים האָבן אונז פאַרהאַפט און צוגענומען אַלץ, וואָס איז געווען ביי אונז, — עס איז אויסגערעכנט אונטן אַלץ, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי אונז, — עס איז ניט איבערגעבליבן קיין שום זאַך, וואָס זיי זאָלן ניט האָבן צוגענומען ביי אונז. און איך האָב געהאַט אַלע זאַכן צוגענומען פון דער שיף, איידער זי איז דערטרונקען געוואָרן, און אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ פישער=שיפל, וואָס איז געווען ביי אונז, און מיר זיינען געקומען צו דעם אינזל מיט די זאַכן אונזערע, נאָר דאָרטן זיינען מיר פאַרהאַפט געוואָרן און מען האָט צוגענומען אַלץ, וואָס עס איז ביי אונז געווען. נייערט איך, שלמה כהן יצ״ו 1) פון פראַטאָ, האָב זיי פאַרשריבן אין דעם טאָג הנ״ל, אַלץ בכדי עס זאָל זיין צו אַן עדות און לזכרון פאַר אונזער האַרן דעם שר=הצבא דוד בן המלך שלמה.

---

1) דאָ בענטשט ער זיך אַליין: יצ״ו — יעזרני צורי וגואלי = זאָל מיר העלפן מיין פעלז (שוץ, — גאָט) און מיין אויסלייזער.

און דאָס זיינען זיי (די זאַכן):

קודם זיינען דאָס די זאַכן, וואָס דער שר פון קלאַרמאָנטי האָט צוגענומען פון אונז דורך זיינע משרתים דעם ערשטן מאָל:

אַ סאַמעטענער לאַנגער שוואַרצער ראָק, וואָס אין אים איז געווען צוויי און צוואַנציק איילן סאַמעט, וואָס איך האָב געקויפט פאַר פופציק דוקאַט, און אַ שוואַרצע דעקע, וואָס איך האָב אויסגעגעבן אויף איר צען דוקאַטן, — בסך הכל זעכציק דוקאַטן.

אַ טערקישער אויבער־בגד פון דמשקער שוואַרצן שטאָף מיט פערל־קנעפּ, אַ שיינער און אויף אונטערשלאַק. דעם דמשקער שטאָף האָב איך געקויפט און געלאָזט מאַכן פון אים דעם בגד פאַר פינף און דרייסיק דוקאַטן.

אַן אַטלאַסענער שוואַרצער שיינער אויבער־ראָק אויף נייעם אונטערשלאַק, וואָס האָט מיר געקאָסט דרייסיק דוקאַטן.

אַ שיינער רעגנמאַנטל פון אַטלאַס, וואָס איך האָב געקויפט מיט אַלע זיינע מכשירים און אויסגעגעבן אויף אים דרייסיק דוקאַטן.

אַן אויבער־ראָק אַ שיינער און אַ נייער פון שוואַרצן דמשקער שטאָף אויף אונטערשלאַק, וואָס האָט מיר געקאָסט דרייסיק דוקאַטן.

אַ רעגנמאַנטל פון שוואַרצן דמשקער צייג, וואָס איך האָב געקויפט פאַר דרייסיק דוקאַטן. און נאָך אַ שוואַרצער קאַמלעטענער רעגנמאַנטל אויף אונטערשלאַק, אויך אַ קאַמלעטענער שוואַרצער נייער אויבער־ראָק אויף אונטערשלאַק, — און די הוצאות אויףביידע בגדים האָבן באַטראָפן דרייסיק דוקאַטן. אַ רעגנמאַנטל פון רויטן נייעם לוקאַסינו־שטאָף[1]) מיט סאַמעט, וואָס האָט געקאָסט צוואַנציק דוקאַטן.

צוויי שוואַרצע נייע קאַפּעס און אַן אויבער־ראָק פון שוואַרצן נייעם שטאָף, וואָס איך האָט באַצאָלט פאַר זיי פופצן דוקאַטן. צוויי עטרות, היינו שלייערס, איינע פון שוואַרצן דעקע־שטאָף און איינע פון רויטן דעקע־שטאָף, — צוועלף דוקאַטן. איין אַטלאַסענער שוואַרצער שלייער, וואָס אויף אים איז אַוועק צוואַנציק איילן, —

1) אומבאַקאַנט.

צוועלף דוקאַטן. איין גרויסער שלייער פון ווייסן אַטלאַס, — קאָסט דרייסיק דוקאַטן. נאָך אַן אַטלאַסענע עטרה אַ ווייסע, וואָס איך האָב געהאַט געקויפט פאַר פופצן דוקאַטן.

אַ טורבאַן פון ווייסן אַטלאַס, וואָס איך האָב געקויפט פאַר צען דוקאַטן.

אַ מענטעלע פון אַ ספר־תורה פון גרינעם אַטלאַס, אינגאַנצן אויסגעהאַפט מיט גאָלד־בלומען, וואָס האָט געקאָסט צוואַנציק דוקאַטן.

אַ מענטעלע אינגאַנצן פון גאָלד, געמאַכט אין אינדיע, וואָס איז ווערט לכל הפּחות צוואַנציק דוקאַטן.

זיבן לאַנגע פאָרהאַנגען פון בעטן פון רויטן טעפּיך־שטאָף פון אינדיע, וואָס קאָסטן זעכצן דוקאַטן.

צוויי זייער לאַנגע שטיקער טול פון אינדיע, דריטהאַלבן איילן די ברייט, וואָס איך האָב געקויפט פאַר דריי הונדערט דוקאַטן.

דריי שטיקער דינעם ליינוונט צו מאַכן פון אים העמדער פאַר מיינע משרתים, — דרייסיק דוקאַטן.

אַ גרויסע שיינע און נייע בעט־דעקע פון לוקינידי־שטאָף [1], וואָס איך האָב געקויפט פאַר פינף און צוואַנציק דוקאַטן.

צוויי נייע ווייסע בעט־איבערציערס, וואָס קאָסטן זעקס דוקאַטן.

אַ ים־ליילעך און אַ בעט־ליילעך, שיין באַפּוצט, וואָס קאָסטן פיר און צוואַנציק דוקאַטן.

אַ בעטן־איבערדעק, וואָס איך האָב געקויפט פאַר זעקס דוקאַטן.

צוויי ווייסע דינע טולענע קראָגנס, זייער שיין באַפּוצט, וואָס קאָסטן זעקס דוקאַטן.

לייבּרעק (העמדער) פון אונזער האַרן, נייע און שיין באַפּוצטע, און צווישן זיי צוויי גרויסע באַפּוצט מיט גאָלד, — וואָס זיינען ווערט פופציק דוקאַטן.

עלף לייבּרעק פון מיר, — שלמה כּהן, שיינע און באַפּוצטע, וואָס זיינען ווערט עלף דוקאַטן.

---

1) אומבאַקאַנט.

צען זייער נייע נאָזטיכלעך, שיינע און באַפּוצטע מיט גאָלד, — דרייסיק דוקאַטן.

צוויי נייע מאַטראַצן, אָנגעפּילט מיט וואָל, וואָס קאָסטן צוועלף דוקאַטן.

איין גרויסער קישן, אויסגעהאַפּט מיט גאָלד, — וואָס איז ווערט לכל הפּחות פינף דוקאַטן.

פינף קליינע קישעלעך, אָנגעפּילט מיט גוטע פעדערן, — וואָס קאָסטן פינף דוקאַטן.

פינף ליינענע טישטעכער, נייע, לאַנגע און שיינע, וואָס קאָסטן צען דוקאַטן.

צוויי העלפאַנדביינענע קאַפּ־קאַמען מיט דער קאַפּ־קליידונג, אויסגעהאַפּט, — צען דוקאַטן. איין העלפאַנדביינענע קאַם, אָנגעפּילט מיט פּערל, וואָס קאָסטן הונדערט דוקאַטן.

אַ קליין העלפאַנדביינען קעסטעלע מיט אַ שפּיגעלע, — וואָס קאָסט צוויי דוקאַטן.

פינף נייע ליינענע טישטעכער זיינען געווען אין אַ קליינעם קופערטל, — פינף דוקאַטן.

צוויי גרויסע שוואַרצע נייע היט, איינער פון אונזער האַרן און איינער מיינער, — צוויי דוקאַטן.

דריי דגלים פון ווייסן זייד, וואָס איך האָב געלאָזט מאַכן, — דרייסיק דוקאַטן.

צוויי דגלים, וואָס ר' דניאל פון פּיסאַ האָט מיר געגעבן לפי דעם באַפעל פון פּויפּסט, זאָל לעבן, — פופציק דוקאַטן.

אַ זיידענער צודעק אויפן זאָטל, באַפּוצט, — פינף דוקאַטן.

פינף זילבערנע פעכערס, צו מאַכן קיל ביים טיש, מיט רינגען און באַפּוצט מיט זייד, — צען דוקאַטן.

צוויי פעלענע טאַשן, אַריינצולייגן אין זיי די נייטיקערע זאַכן מיט די שליסלען, — צוויי דוקאַטן.

אַ גילדערנער כּוס, וואָס האָט געוואויגן צוואַנציק דוקאַטן.

אַ שיינער קופערט, באַשלאָגן מיט אייזן אַרום, — צוויי דוקאַטן.

צוויי גרויסע שיינע זילבערנע צווייגן, באַגולדטע און באַפּוצטע, — פופציק דוקאַטן.

צוויי איננאַנצן זילבערנער הבדלות[1] מיט מוסקום[2] צום שמעקן, — צען דוקאַטן.

אַ סאַמעטענער שוואַרצער גורט מיט גאָלד=געוועב, — פינף און צוואַנציק דוקאַטן.

פיר זילבערנע שיסלען, וואָס קאָסטן זיבן און דרייסיק דוקאַטן.

רויטע און גוטע שניר קרעלן, גרויסע און דיקע, וואָס איך האָב געקויפט פאַר צוואַנציק דוקאַטן.

גוטער מוסקוס אין אַ נאָזטיכל, געקויפט פון אַ סוחר, — הונדערט דוקאַטן.

געווירץ און מוסקאַט=ניס, וואָס איך האָב געקויפט ביי אַ סוחר פאַר עלף דוקאַטן.

די אָנווייזונגען, וואָס נאַבריעלאָ בולאַ האָט מיך מתחייב געווען אים צו באַצאָלן אין סאַוואָנאַ[3], — הונדערט דוקאַטן. דאָס האָב איך געמאַכט אַ הלוואה דורך אַ סעקרעטער אין פאַלאַמאָס[4].

עלף גרויסע שטיקער צין, אַ גרויסע קופערנע שוועגק=שיסל צו וואַשן זיך, אַ קופערנער קעסל, אַ גרויסער בעקן פון צין און פונקט אַזאַ צינענער בעקן באַדעקט מיט בראָנז, — וואָס האָבן געקאָסט פינף דוקאַטן.

הונדערט זיבן און זיבעציק גאָלד=דוקאַטן באַר אויסגעציילט געלט, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון מיר און פון שלמה כהן[5].

1) הבדלה — אַ „הדס", וואו מען האַלט בשמים אויף צו שמעקן נאָך הבדלה-מאַכן.

2) מוסקוס — אַ גוטשמעקנדיקע פליסיקייט, וואָס געוויסע ברואים טיילן אויס פון זיך. ווערט געברויכט אין דער מעדיצין און גייט אויך אויף צוצוגרייטן פאַרפומען.

3) שטאָט אין איטאַליע, אויפן מערבדיקן ברעג פון דעם גענועזער ים-אויסגוס.

4) אומבאַקאַנטער אָרט.

5) אין דעם גאַנצן כתב פון שלמה כהן פלאָנטערט זיך אַ דואַליסטישער סטיל. דאָ רעדט שלמה כהן אין זיין נאָמען, דאָ הערט זיך די שטים פון זיין „האַר דוד הראובני" און דאָ — די שטים פון ביידן מיט אַמאָל. דאָס קומט, מן הסתם, אונטער דער השפעה פון די מאַטעריאַלן, וואָס שלמה כהן האָט געהאַט פאַר זיך איבערצושרייבן.

איין גילדערנער זיגל, וואָס איז געווען ביי גאַבריעלאָ בולאַ און וואָס ער איז מיר פאַר אים שולדיק געווען פינף דוקאַטן, חוץ אַנדערע פינף דוקאַטן, וואָס ער איז מיר שולדיק געווען.

נאָכדעם, פיר און צוואַנציק טעג אין חודש (אייר) רפ״ז, איז געקומען צו אונז דער קאַפּיטאַן מוקאַטציאַראַ און האָט מיך אַוועקגעפירט קיין אַוויניאָן[1] און האָט צוגענומען פופצן דוקאַטן, פיר גרויסע גילדערנע זיגלען, וואָס זייער וואָג איז געווען פופציק דוקאַטן, חוץ דעם וואָס עס זיינען אין זיי געווען זילבערנע לוחות, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש און וואָס זיינען ניט איינגעשאַצט געוואָרן.

מיין שיינער גרויסער און גוטער שווערד.

מיין ספר־היחום, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רויטן גאָלד.

אַ זילבערנער גאָפּל.

די אַלע פיר זאַכן זיינען גאָר ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן.

דער סכום פון אַלץ, וואָס דער שר פון קלאַרמאָנטי און זיינע אויבנדערמאָנטע קנעכט האָבן צוגענומען ביי מיר, באַטרעפט טויזנט זיבן הונדערט און אַכט דוקאַטן, חוץ די פיר גרויסע גאָלדענע זיגלען און חוץ דעם שיינעם שווערד מיינעם און חוץ מיין ספר־היחום און חוץ דעם זילבערנעם גאָפּל, וואָס זיינען דאָ פאַרשריבן און וואָס זיינען ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן, דאָס אַלץ באַטרעפט טויזנט פינף הונדערט דריי און זיבעציק דוקאַטן.

איך, שלמה כהן הנ״ל פון פראַטאָ, האָב אָנגעשריבן דאָס אַלץ מיט מיין כתב־יד, דען פון מיר איז אַלץ אַרויסגעגאַנגען, ווייל אין מיין האַנט איז געווען אַלץ, וואָס האָט געהערט צו אונזער פירשט און אונזער האַר דעם שר הצבא דוד בן המלך שלמה זצ״ל פון מדבר חבור. און פאַרשריבן האָב איך דאָס אַלץ פיר און צוואַנציק טעג אין חודש אב רפ״ז, בכדי דאָס זאָל זיין אַ זכר אויף דור־דורות.

---

1) שטאָט אין פּראָוואַנס, אויפן טייך ראָנע אין פראַנקרייך.

תם ונשלם תהילה לאל עולם 1)

אָמן,

חזק!

נאָך האָט דער שר פון קלאַרמאָנטי הנ"ל באַקומען פון די יידן פון די קהילות קדישות אַוויניאָן און קאַרפּענטראַס 2) און זייערע סביבות פאַר אונזער האַר דעם שר הצבא דוד בן המלך שלמה זצ"ל אַ סכום פון זעקס הונדערט דוקאַטן גאָלד. אָט דער סכום הנ"ל פון די זעקס הונדערט דוקאַטן גאָלד האָט דער שר הצבא דוד הנ"ל מקבל געווען פון די דערמאָנטע יידן, וואָס ער האָט ביי זיי געבעטן, און ער האָט זיי אָפּגעגעבן אין האַנט דעם שר פון קלאַרמאָנטי הנ"ל. און דאָס איז חוץ דעם וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען אין אַדדי, ווי עס איז פאַרשריבן אויבן, וואָס דערגרייכט דעם סך הכולל צוויי טויזנט הונדערט

דריי און זיבעציק דוקאַטן גאָלד. דאָס איז חוץ די גרוי-

סע הוצאות, וואָס די יידן האָבן אויסגעגעבן אויף

צו שיקן קיין רוים ווענן מבטל מאַכן דעם אי-

בעריקן סכום פאַר דעם פדיון-שבויים, דען

ער (דער שר פון קלאַרמאָנטי) האָט פון

מיר פאַרלאַנגט גרויסע זאַכן אָן אַ גבול

און האָט מיך געצוואונגען צו פאַר-

קנעכטן מיין גוף אויף צו באַ-

צאָלן אים נאָך אַ סכום פון

ניין הונדערט דוקאַטן 3).

תם ונשלם תהילה לאל עולם.

אמן,

חזק!

---

1) פאַרענדיקט און פאַרפולקומט,—אַ לויב צו גאָט פון דער וועלט.

2) שטאָט אין דרום-פראַנקרייך, וואו אין זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען, פונקט ווי אין אַוויניאָן, נאָך געווען קליינע יידישע קהילות, פאַרבליבענע נאָכן לעצטן גרויסן גירוש-פראַנקרייך דעם 17 אָקטאָבער 1394 אויפן באַפעל פון קאַרל VI.

3) דער שר פון קלערמאָן האָט, משמעות, פינף מאָל באַרויבט דוד הראובני אויף די דאָזיקע סכומים: 2004, 1708, 1573, 600 און 900 דוקאַטן, אַחוץ די ניט אָפּגעשאַצטע זאַכן.